STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07084

# DI GESHIKHTE FUN A LEBN

Nathan Samuel Davis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נתן־שמואל דייוויס

# די געשיכטע פון אַ לעבן

•

דאָס בוך איז געהייליקט דעם ליכטיקן
אָנדענק פון מיין פרוי העלען (האָדעס)

•

אַרויסגעגעבן
דורך אַ גרופּע פריינד

מעקסיקע — מיאַמי־ביטש 1963

נתן-שמואל דייוויס

# די געשיכטע פון אַ לעבן
## (אויטאָביאָגראַפיע)

געדרוקט אין דער

דרוקעריי מאַנועל פינטעל

גאַרסיאַדיעגאָ נומער 28

מעקסיקע, ד. פ.

NATHAN S. DAVIS

# Historia de una Vida

(STORY OF A LIFE)

Copyright 1963
NATHAN S. DAVIS
North Miami Beach
1740 N. E. 172th St.
U S A

PUBLICADO POR UN GRUPO DE AMIGOS
MEXICO-MIAMI BEACH, 1963
Printed in Mexico

# אינהאַלט


זייט

אַרײַנפֿיר־וואָרט פֿון ל. באַיאָן — — — — — — — — — — 7

עטלעכע ווערטער צו די לייענער — — — — — — — — — — 14

קאַפּיטל איינס — די קנאָספּן־יאָרן, דוד גאַזאַר ע״ה — — — — — — 16

קאַפּיטל צוויי — באַקוי — מײַן צווייטע היים — — — — — — — 25

קאַפּיטל דרײַ — שלום עליכם אַמעריקע! — — — — — — — — 32

קאַפּיטל פֿיר — צער גידול בנים — — — — — — — — — — 40

קאַפּיטל פֿינף — מײַן פּרוי העלען — — — — — — — — — — 47

קאַפּיטל זעקס — מײַן הימלישער משה, ב. לידער פֿון מײַן אייניקל בעטי העלען דייוויס — — — — — — — — — 56

קאַפּיטל זיבן — מרדכי דער פּראָלעטאַריער — — — — — — — 78

ב. פֿון מרדכיס בריוו פֿון תּפֿיסה — — — — — — — 91

קאַפּיטל אַכט — מײַן טאָכטער האָדל אַ דערצי:ערין — — — — — 95

קאַפּיטל נײַן — פּאַרטאָן אין געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן — — — 110

קאַפּיטל צען — אַ פּרווו צו שאַפֿן אַ יִידישן יִשוב אין אַמעריקע — 119

קאַפּיטל עלף — „איחוד“, יִדישע פֿרידן־ברודערשאַפֿט און וועגע־טאַרישע קאָלאָניע אין ישראל — — — — — — — — 128

קאַפּיטל צוועלף — אַקטיווע טוער אין דער וועגעטאַרישער באַוועגונג — 140

קאַפּיטל דרײַצן — געוויסנס־קעגנער פֿון מלחמה — — — — — — — 146

קאַפּיטל פֿערצן — קאָרעספּאָנדענץ — — — — — — — — — 157

קאַפּיטל פֿופֿצן — מײַן אויסצייכענונג און פּרעמיע פֿון יִוואָ — — 169

קאַפּיטל זעכצן — אין סך־הכּל — — — — — — — — — — — 173

קאַפּיטל זיבעצן — מײַנע קינדער וועגן זייער מוטער און וועגן דער פֿאַמיליע — — — — — — — — — — — 183

א. משה דיוויס ־ מײַן מוטער און מײַן פֿאַמיליע בכלל 183
ב. מאַקס דיוויס ־ זכרונות פֿון די קינדער־יאָרן — 187
ג. האָדל דיוויס — עטלעכע ווערטער וועגן מיר און
וועגן מײַן פֿאַמיליע — — — — — — — — — — — — 191
קאַפּיטל אַכצן — מײַן באַגעגעניש אין וועגעטאַרישן האָטעל — — — 195

נ. ש. דייוויס

# אַרײַנפֿיר-וואָרט

„צו וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס לעבן אַליין איז אַ ראָמאַן" — אין דעם דאָזיקן אָריגינעלן זאָג האָב איך זיך דערמאָנט, ווען מיר איז אויסגעקומען צו לייענען די אָריגינעלע, אייגנאַרטיקע לעבנס-ביאָגראַפֿיע פֿון נתן־שמואל דייווים. דער גרויסער שלום-עליכם האָט דעם דאָזיקן זאָץ גענוצט ווי אַ מאָטאָ צו זײַן לעבנסווערק פֿונעם יאַריד, ווייל ווי עס ווײַזט אויס, האָט ער בחוש דערפֿילט, אַז אַ סך געדאַנקען און לעבנס-אמתן זײַנע — זײַנען נישט דערזאָגט געוואָרן אין זײַנע פֿילפֿאַרביקע שאַפֿונגען און ער האָט געמוזט דערגאַנצן עס אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן ווי דער סך־הכל פֿון דעם לעבן פֿון אַ שעפֿערישן מענטשן און אין דער זעלביקער צײַט אַ מין צוואה פֿאַר די לייענער זײַנע ווי אַזוי מע דאַרף לעבן אויף דער וועלט.

עפּעס ענלעכעס שפּירן מיר אַרויס אין דער לעבנס-ביאָגראַפֿיע פֿון נ. ש. דייווים. מיר האָבן פֿאַר זיך אַ שעפֿערישן פֿאָלקס-מענטשן, וואָס וויל זיך אָפּריידן פֿון האַרצן; ער וויל דערציילן וועגן זײַן לעבן, וועגן זײַנע נסיונות, פֿאַרמעסטן, נצחונות און דורכפֿאַלן און דער עיקר וועגן זײַנע זוכענישן צו לעבן אַן ערלעך און שיין לעבן, בכדי זײַנע דערפֿאַרונגען זאָלן דינען פֿאַר אַ לערנונג פֿאַר קינדער און קינדסקינדער פֿון די קומענדיקע דורות.

און זאָל דאָ גלײַך געזאָגט ווערן, אַז דער מחבר האָט אין זײַן לעבנסווערק גאָרנישט צוגעטראַכט און גאָרנישט צוגעפּוצט. ער דערציילט וועגן דעם אמת פֿון זײַן לעבן מיט אַזאַ תמימותדיקן רעאַליזם, אַז ער ציט אונדז אַרײַן אין דעם פּלאָנטער פֿון זײַן פֿילפֿאַרביקן לעבן און מיר לעבן מיט אים מיט אין אַלע זײַנע גײַסטיקע און מאָראַלישע ראַנגלענישן.

אַ ביאָגראַפֿיע, פּונקט ווי יעדע אַנדערע גײַסטיקע שאַפֿונג איז קיין מאָל ניט פֿרײַ פֿון חסרונות, אָבער פֿון אַ ביאָגראַפֿיע מוז מען פֿריִער פֿאַר אַלעמען פֿאַרלאַנגען די פֿולע אויפֿריכטיקייט, דעם פֿולן לעבנס־אמת, און מיר דוכט, אַז דער מחבר האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם ווערק די אויפֿריכטיקייט מיט האַרץ און נשמה. און דאָס איז די גרעסטע מעלה פֿון דעם דאָזיקן בוך. עס איז אַ ווידוי פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט כּל ימיו געשטרעבט צו דעם שיינעם און צו דעם דערהויבענעם וואָס מען דאַרף געפֿינען אין לעבן, געשטרעבט צו דעם און דער עיקר זיך באַמיט דאָס צו רעאַליזירן מיט קאָנקרעטע מעשׂים בכל יום.

⁘

אַ נײַ ווינקל פֿון יִידישן לעבן אין רומעניע, רוסלאַנד און שפּע־טער פֿון די ערשטע אימיגראַציע־יאָרן אין אַמעריקע — דעקט אויף דער מחבר אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. ווען מע לייענט איבער די ביאָגראַפֿיע און די באַשרײַבונגען פֿון יענער תּקופֿה דערזעט מען ממש, אַז דער מחבר האָט עפּעס דערציילט אַזעלכעס, וואָס מיר האָבן עס אין דער יִידישער מעמואַרן - ליטעראַטור נישט געלייענט. ער אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ יִידישע אָרעם שטעטל אין רומעניע מיטן טשעקאַוון נאָמען **אַ ד ז ש ו ד**, מיט אירע עקאָנאָמישע סאָציאַלע און קולטור פּראָבלעמען. און ווי ענלעך עס איז צו די שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע, ליטע און ווײַסרוסלאַנד, דאָך פֿאַרמאָגט עס עפּעס אייגנאַרטיקס, אייגנס וואָס איז נישט שכיח בײַ די פֿריִער דערמאָנטע יִידישע יִישובֿים. מיט שפּאָרעוודיקע ווערטער, גאָרניט באַריידעוודיק שילדערט ער רעאַליסטיש זײַן היים, דעם רבינס הויף און מ׳שטיינס געזאָגט זײַן טאַטנס פּרנסה, — זײַן אַ הויף־פֿאַרזאָרגער בײַ אַ חסידישן רבין אַן עם־הארץ. דער קליינער יִינגל נתן־שמואל האָט אָפֿענע אויגן און אַן אָפֿן האַרץ צו באַנעמען די רעליגיעזע תּמימות פֿון אמתע יראי־שמים און פֿון דער צווייטער זײַט — די פֿרומאַקי־שע צבֿיעות פֿון רבי:שן הויף. אָט אָ די צבֿיעות האָט געעפֿנט אַ ווּנד אין דעם יִנגלס האַרץ, זי האָט אים פֿאַרוווּנדט, אָבער בשום אופֿן אין אים ניט אָפּגעטייט דעם רעליגיעזן גלויבן, אָט דעם גלויבן צו זוכן דאָס געטלעכע אין דער וועלט און אין דעם מענטשן. עס גייט פֿאַר אונדז דורך דאָס קאַפּיטל יִידישע רעכטלאָזיקייט, יִידיש שווער לעבן, צער און פּײַן פֿון עלטערן, וואָס דאַרפֿן זיך שיידן מיט

אייגענע קינדער, אָדער וואָס דאַרפֿן איבערלאָזן פֿאַמיליעס און אַוועק־פֿאָרן נע־ונדעווען איבער דער וועלט צו זוכן אַ שטיקל ברויט פֿאַר ווײַב און קינד.

און אָט קומט דאָס טשעקאַווסטע און אינטערעסאַנטע קאַפּיטל אַמעריקע. עס איז אַזאַ קאַפּיטל, וואָס איז כּמעט נישט באַרירט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אמת, אַ לעבן פֿון אַ קליי־נער ייִדישער מינדערהייט, וואָס האָט ניט געוואָלט מיטמאַכן דעם אוניפֿאָרמירטן גאַנג פֿון דעם רובֿ אימיגראַנטן, דערפֿאַר אָבער אַ לעבן פֿול מיט שפּאַנונג, מיט קאַמף, מיט נסיונות און פּרוּוון, מיט פֿאַרמעסט און מיט מעשׂים. ניט קיין קאַמפֿן אויף באַריקאַדעס, ניט קיין קאַמפֿן פֿאַר העגעמאָניעס אינעם כּלל־לעבן נאָר קאַמפֿן מיט אייגענע אינסטינקטן, מיט דורותדיקע געוווינהייטן, אַ געראַנגל צו לעבן אַ שיין, ערלעך פּאַסיפֿיסטיש לעבן לויט די כּללים פֿון אַ וועגעטאַריער, אַ שלום־זוכער און אין הסכּם מיטן אייגענעם געוויסן. אַ פּשוטער ייִד פֿון פֿאָלק, וואָס האָט קיין אוניווערסיטעטן ניט דורכ־געמאַכט, פֿאַרמעסט זיך אין אַ מאַטעריאַליזירטער סבֿיבֿה צו פֿירן לגמרי גאָר אַן אַנדער לעבן, צו דערציִען זײַנע קינדער אין די אי־דעען און גלויבנס וואָס ער האַלט, אַז זיי זײַנען די מאָראַלישסטע, די לעבנס־וויכטיקסטע פֿאַר דער מענטשהייט בכלל און פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק ווי דאָס אויסדערוויילטסטע בפּרט.

דער מחבר פֿירט אַרום אַ גאַנצע גאַלעריי פֿאָלקסטיפּן, ער פֿירט אַרום זײַנע קינדער און אייניקלעך, אָבער איבער זיי שטייט מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער דער גאַנצער פֿאָלקסטימלעכער ייִד און מענטש **נתן־שמואל דייוויס** מיט זײַן תּמימותדיקן גלויבן און אידעאַלים־טישן צוגאַנג צום לעבן; אַלטע גלויבנס ליגן צעבראָכענע, די רעלי־גיעזע ייִדישקייט ליגט אַ פֿאַרחלשטע, ער קען אָבער אָן אַ גלויבן נישט לעבן, זוכט ער און געפֿינט אַן אַנדער מין גלויבן, אַן אַנדער רעליגיע, וואָס ער איז גרייט צוליב איר מקדש השם זײַן. וועגעטאַ־ריזם, פּאַסיפֿיזם, סאָציאַליזם, וועלטלעכקייט, ייִדישע קולטור, ייִדישע דערציִונג און פֿאַר דעם אַלעמען איז ער גרייט אַוועקצוגעבן זײַן לעבן; ער וועט ניט אָפּטרעטן פֿון זײַנע אמתן אַפֿילו ניט אויף אַ האָר

צי ער האָט מצליח געווען? יאָ — וואָלט געווען אונדזער ענט־פֿער; ווײַל ווי זיגזאַגיש עס זײַנען די וועגן פֿון דער דערציִונג, דאָך

איז אים געלונגען מחנך צו זײַן זײַנע קינדער אין זײַנע דרכים, און זיי זײַנען מיט אים נאָכגעגאַנגען אַ גרויסן שטיק וועג, וואָס זיי האָבן שפּעטער ממשיך געווען מיט דעם זעלביקן גלויבן און אידעאַליזם.

עס לױנט בײַ דער געלעגנהייט צו ציטירן ש. ניגערן ע״ה, וואָס שרײַבט בײַ דער געלעגנהייט, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט אַ בראָשור פֿון נ. ש. דייוויסעס זון מאַקס, ווי ער באַגרינדעט פֿאַר וואָס ער איז געוואָרן אַ געוויסן־קעגנער פֿון מלחמה און איז בעסער געגאַנגען אין תּפֿיסה איידער זיך צושטעלן צו מיליטער־דינסט:

„דאָס ביכעלע פֿונעם ווילן ברוקלינער בחור, אין איינעם מיט זײַן פֿאָטערס אַרײַנפֿיר, האָט מיך פּונקט אַזוי שטאַרק פֿאַראינטע־רעסירט, ווי דער בריוו. און ס׳איז דערפֿאַר, וואָס דער זון און דער פֿאָטער שרײַבן, ווי געזאָגט אין איין גײַסט, מער נאָך — זיי לעבן איין גײַסטיקן לעבן. זיי זײַנען ביידע וועגעטאַריער, און אויסגע־האַלטענע קעגנער פֿון קריג. דער זון הייסט עס, גייט אינעם פֿאָטערס דרכים. ער זאָגט אים נישט נאָך סתּם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, ער דענקט זעלבשטענדיק, אָבער מע זעט, אַז דער פֿאָטער האָט זיך גע־מיט אים צו מאַכן פֿאַר זײַן גײַסטיקן יורש. און אים איז עס געלונ־גען דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אים דערצויגן ניט אַזוי מיט ווערטער ווי מיט מעשׂים, מיט שאַפֿן בײַם קינד געוווינהייטן, מיט לערנען אים לעבן, ניט נאָר טראַכטן אויף אַ געהעריקן אופֿן״.

„ס׳איז אויך אין אַמעריקע, הייסט עס, מעגלעך צו דערציִען קינדער. און עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער פֿאָטער איז אַן אי־מיגראַנט. עס איז נאָר נייטיק אַז ער זאָל וויסן, אַז קינדער־דערציִונג הייבט זיך אָן פֿון זעלבסטדערציִונג״.

„ניט איינער פֿון אונדז האָט באַשולדיקט אַמעריקע אין דעם, וואָס אונדזערע זין און טעכטער זײַנען קנאַפּע ייִדן, האָט געמעגט האָבן טענות צו זיך אַליין. ווען אין טאַטע־מאַמעס לעבן, אין דער לופֿט פֿון זייער היים, זאָל זײַן מער ייִדישקייט, וואָלט עפּעס זיך צוגעקלעפּט אויך צו די קינדער, אויב ניט מער ווי עפּעס... אויב אונדזער יוגנט איז אָפּט אַן אַ פֿאָלק איז עס, ווײַל... פּוקד עוון אָבות על בנים — קינדער צאָלן פֿאַר די זינד פֿון די עלטערן. און קיין מאָל איז עס נישט אַזוי ריכטיק, ווי אינעם פֿאַל פֿון ייִדישער קינ־דער־דערציִונג אין אַמעריקע. מער ווי די „סקול״ און אַפֿילו מער ווי די גאַס, פֿרעמדט אָפּ ייִדישע קינדער פֿון ייִדן און פֿון ייִדישקייט

— די היים. זי דערווײַטערט זיי פון ייִדן און ייִדישקייט דערמיט, וואָס זי אַליין דערווײַטערט זיך פון זיי״.

„אין ייִדישן זין זײַנען ייִדישע היימען אין אַמעריקע זייער אָפּט ניט קיין היימען, נאָר פּוסטקעס...״

„נתן דייוויסעס היים איז, ווי עס ווײַזט, געווען אַ היים פאַר זײַנע קינדער, נישט קיין פּוסטקע. ווי ער אַליין גלייבט, איז זי געווען פאַר זיי אַ ייִדישע היים״.

און אויך דער צווייטער זון משה, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער עמפּירישער וויסנשאַפט און האָט דעם טאַטנס גלויבן נישט געקענט אָננעמען מיט דער בלינדקייט פון געפיל און האַרץ, אויך ער קען ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם טאַטנס טיפן גלויבן און אידעען, וואָס דער טאַטע האָט אַזוי עקשנותדיק פאַרפלאַנצט אין זײַנע קינדער. עס איז דאָ אַ טיפע נשמה־פאַרבינדונג, וואָס קיין שום לעבן־שטורעם קען ניט צערײַסן. אין זײַן אַרבעט וועגן זײַן מאַמען און משפחה וואָס ווערט אָפּגעדרוקט אין דעם טאַטנס לעבנס־געשיכטע שרײַבט צווישן אַלעמען משה דייוויס:

„דערלויבט מיר אין קורצן, אַ בליק צו טאָן אויף יענע פאַר־גאַנגענע טעג, ווען איך בין געווען אַ גליד פון דער פאַמיליע. ס׳איז געווען אַ משפחה פון אויסטערלישע לײַט, אויסטיילנדיק זיך פון אַנדערע פון דער געמיינדע, ווײַל זי, די משפחה איז געווען אַנדערש אין איר קאָנצעפּציע פון רעליגיע (זי איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַטעיִסטיש), זי האָט געהאַט אירע שפּייז־געוווינהייטן (זי איז געווען וועגעטאַריש), זי האָט געהאַט איר פּאָליטישן „אני־מאמין״ (אירע מיטגלידער זײַנען געווען ראַדיקאַלן). אַלע אידעען זײַנען נאָכגע־פאָלגט געוואָרן מיט אימפּעט און ליידנשאַפט, מחמת דער פאָטער איז געווען האַסטיק אײַנגעשפּאַרט און אימפּולסיוו אין זײַנע אידעען און גלויבן. נעמלעך, אַז די וועלט וואָלט מען געקענט ראַטעווען, אויב נאָר זי וואָלט געוואָרן סאָציאַליסטיש און אירע באַוווינער וואָלטן אויפגעהערט צו עסן פלייש.

איך בין ניט אויסן איצט צו אורטיילן די ריכטיקייט אָדער די פאַלשקייט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז איך האַלט זיך ניט בײַ אַלע מיינונגען פון מײַן יוגנט. אַ סך פּרינציפּן האָב איך פרום אָפּגעהיט צוליבן פּשוטן טעם, ווײַל אין זיי בין איך דערצויגן געוואָרן. ס׳וואָלט שווער געווען פאַר איינעם וואָס איז

געוווינט צו די מעטאָדן פֿון דער וויסנשאַפֿט צו שטיצן אַלע די אַנטי־וויוויסעקציעס, נאַטוראָפּאַטיקעס, כיראָפּראַקטיקעס, אידעען וועגן שפּייז־היגיענע צו וועלכע איך בין געווען אויסגעשטעלט.

פֿונדעסטוועגן, ווייל איך באַמערקן, האָב איך נישט אָראָפּגע־וואָרפֿן פֿון זיך אַלץ, וואָס האָט אויף מיר אַ מאָל געמאַכט אַן איינ־דרוק. איך עקזאַמיניר יעדע אידעע. איך אַקצעפּטיר זי, אָדער ווייז זי צוריק לויט מיין פֿאַרשטאַנד. איך בין נאָך אַלץ אַ וועגעטאַריער, הגם נישט אַזוי דאָגמאַטיש און איינגעגלייבט. איך האַלט נאָך אַלץ פֿון דער סאָציאַליסטישער אידעע, כאָטש איך אָנערקען אַ סך מע־לות פֿונעם איצטיקן סיסטעם. איך בין אַ גלייביקער אין גאָט מיט אַ סך קריטישע נייגונגען צו דער אָפֿיציעלער רעליגיע. ווי איר זעט, ס'איז געבליבן אַ קאָנטיקע ענלעכקייט צווישן דעם משהן פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק און דעם משהן פֿון היינט".

מיר קוקן מיט נאָסטאַלגיע אויף די פֿאַרגאַנגענע דורות, וואָס גייען אַוועק פֿון אונדז, וואָס פֿאַרשווינדן. גרויסע דורות, נישט מחמת ווייל דער פּלי פֿון דער מחשבֿה איז געווען אַזוי וויים און הויך, נאָר ווייל דאָס האַרץ איז געווען ביים גלויבן, און ווען דאָס האַרץ איז דאָ ביים גלויבן, איז דאָס לעבן געווען שיין, ריין און דערהויבן און גע־קענט דינען ווי אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע זיינען דאָ קאַפּיטלען, וואָס לייענען זיך ווי שפּאַנענדיקע נאָוועלן. דאָס לעבן גופֿא רוקט אונטער אַזעלכע שטאַרקע דראַמאַטישע געשעענישן, וואָס דער גרעסטער קינסטלער קען זיי נישט שאַפֿן אין זיין קינסטלערישן דימיון. דער עיקר איז אָבער דאָס, וואָס די אַלע קאָנפֿליקטן ווערן געלייזט אויף אַ שטרענג רעאַליסטישן באָדן. די פּראָבלעם „אָבֿות ובֿנים", די פּראָבלעם פֿון קינדער־דערציִונג אין אַמעריקע און אַפֿילו די אָנגעוווייטיקסטע פּראָ־בלעם פֿון געמישטע חתונות ווערן גאָר אַנדערש באַלויכטן אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון נ. ש. דייוויס. און דאָס איז אַ וויכטיקער צו־שטייער. איר קענט יאָ מסכּים זיין, איר קענט ניט מסכּים זיין מיט די געשעענע פֿאַקטן און מיט זייערע לייזונגען, אָבער זייער אמת און אויפֿריכטיקייט איבערצייגן אייך אין זייער ערלעכקייט. איבערהויפּט רירן אונדז די שטילע מאָמענטן פֿון קידוש־השם, פֿון דער גרייטקייט זיך מקריבֿ צו זיין פֿאַר די נייע גלויבנס פֿון די פֿאַרשיידענע העלדן

וואָס טרעטן אויף אין דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער לעבנס-באַשרײַבונג.

דאָס בוך איבערראַשט אונדז איבערהויפּט מיט דעם שיינעם ערלעכן לעבן פֿון אַ ייִדישער משפּחה, וואָס האָט געהאַט אירע עליות און ירידות — ליכטיקע זון-אויפֿגאַנגען און אומעטיקע זון-אונטערגאַנגען — אין זייער פּילפּאַרביקן לעבן. ניט איין מאָל טרעפֿט זיך אָן דער מחבר מיט עוולות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פֿון איין מענטשן צום צווייטן, און אַפֿילו פֿון זײַנע נאָענטע חברים און פֿרײַנד, אָבער שטענדיק געפֿינט ער אויס אַ זכות אויף דעם עוולה-באַגייער און פּרוווט אים דן זײַן לכּף-זכות. נישט אומזיסט איז ער אַזוי שטאָלץ פֿון דעם, וואָס זײַן ספֿר-היוחסין ציט זיך אַוש צום גרינדער פֿון חסידיזם. זײַן מאַמע — דערציילט ער אונדז — הייסט האָדל נאָכן בעש"טס טאָכטער, און זײַן זיידע פֿון דער מאַמעס צד קומט פֿון בראַצלעוו און ער האָט גאָר הנאה פֿון דעם, וואָס דער נאָמען פֿון זײַן זיידן אַסאָציִירט זיך ביי אים מיט ר' נחמן בראַצלעווער.

די אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון נתן-שמואל דייווים עפֿנט פֿאַר אונדז אויף אַן אינטערעסאַנטן לעבנס-ווינקל פֿון דעם ייִדישן לעבן און איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן לעבן אין דער אַלטער און אין דער נײַער וועלט. דאָס בוך איז ווערט צו געלייענט ווערן און אַפֿילו צו געשטודירט ווערן.

ל. באַיאָן.

## עטלעכע ווערטער צו די לייענער.

חשובֿע פֿרײַנד,

איך האָב פֿאַרענדיקט מײַן אַרבעט. איך האָב רעאַליזירט אַן אַלטן חלום. איך האָב זיך אָפֿט געפֿרעגט: — פֿאַר וואָס האָט אין מיר געבֿרויזט אַזאַ דראַנג אָנצושרײַבן מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע און דערציילן וועגן זיך, וועגן מײַן משפחה, און דער עיקר — וועגן מײַן פֿרוי העלען האַדעס? כּדי צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, וועל איך צוערשט מגלה זײַן פֿאַרן לייענער, אַז ס׳איז געווען דער פֿאַרדינסט־פֿולער שריפֿטשטעלער און פּעדאַגאָג, אַ. גאָלאָמבּ, וואָס האָט מיך אַרויפֿגעפֿירט אויף אָט דעם געדאַנק. ער האָט מיך געטרייסט נאָך דער פּטירה פֿון מײַן פֿרוי און געעצהט אין אַ בריוו איך זאָל אַרויס־געבן אַ „ספֿר לזכּרון דער אשת־חיל״, אין וועלכן איך זאָל באַשרײַבן איר לעבן און אירע מעשׂים־טובֿים, איך זאָל אַרײַנגעבן אירע פֿאָטאָ־גראַפֿיעס, און אויך מײַנע קינדער זאָלן דאָרטן דערציילן, וואָס זיי געדענקען וועגן זייער מוטער. און גאָלאָמבּ פֿאַרענדיקט ״...דעמאָלט וועט עס אויך האָבן אַ ווערט ניט נאָר פֿאַר דער משפחה אַליין...״

וויל איך אים טאַקע דאָ אויסדריקן מײַן האַרציקן דאַנק פֿאַר דער עצה.

און דער הייסער דראַנג צום שרײַבן איז צו מיר געקומען, ווי איך דערמאָן בײַם אָנהייב, מחמת מיר האָט זיך געוואָלט ווערן דער „שליח־ציבור״ פֿון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אַנאָנימע פֿאָלקסמענטשן, וואָס האָבן געלעבט און געשטרעבט, געליטן און געחלומט, און זײַנען פֿאַרשוווּנדן אָן אַ זכר, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געווען. זאָל מײַן לעבנס־געשיכטע, וואָס איז אַזוי ענלעך צו זייערע זײַן אויך זייער דענקמאָל.

און אחרון אחרון חבֿיב.

ס׳קומט אַ גרויסן יישר־כּוח דעם וויל־באַקאַנטן נאָוועליסט, ל. לאַסאַווין, וואָס האָט געגעבן מײַנע כּתבֿים אַ ליטעראַרישע מראה, און פֿאַר זײַן אויסגעצייכנטער איבערזעצונג אויף ייִדיש מײַן אייניקלס ענגלישע פּאָעמעס.

נתן שמואל דייוויס.

# ערשטער קאַפּיטל

## די קנאָספּן־יאָרן

איך בין געבאָרן אינעם גרויסן כּרך פּיאַטראַ־ניאַמץ, רומעניע אין 1893. מײַן טאַטנס נאָמען איז געווען ישׂראל (ישׂראל באַלעבאָס). מײַן מאַמע האָט געהייסן האָדל (נאָכן בעל־שמס טאָכטער) מײַן נאָמען, רבותי, איז נתן שמואל. מײַן ברודער רופֿט מען איציק (יצחק) און די שוועסטער — שׂרה.

מײַן מאַמע און איר מאַמע קומען פֿון פּיאַטראַ־ניאַמץ נאָר איר פֿאָטער, נתן שמואל, איז געווען אַ רוסישער ייִד, אַן אַנטלאָפֿענער פֿון רוסלאַנד, ער קומט פֿון בראַצלעוו, גערופֿן האָט מען אים נתן בראַצלעווער. זײַן נאָמען האָט מיר אימפּאָנירט, איך האָב הנאה געהאַט וואָס כ׳שטאַם אָפּ פֿון רוסישע ייִדן... ער איז געווען אויסערגעוויינלעך פֿרום, אַזוי פֿרום, אַז אַפֿילו מײַן טאַטנס משפּחה, כאָטש אויך פֿרום, פֿלעגן אים קריטיקירן, מאַכן באַמערקונגען, „ער שאָקלט זיך מיט דער קאָטשערע ביז פֿיר אַ זייגער נאָך מיטאָג...״ נו איז טאַקע נישט געווען קיין פּרנסה. האָט די באָבע חנה געהאַלטן אַ קלייטל און פֿון דעם געצויגן חיונה. נאָך איצט קלינגט מיר דער נאָמען אָנגענעם, אפֿשר וואָס ער אַסאָציִירט זיך מיט ר׳ נחמן בראַצלעווער...

מײַן טאַטע שטאַמט פֿון אַ פֿרומער משפּחה. מײַן זיידע, מענדל טאַזלויער, האָב ס׳רובֿ פֿאַרבראַכט בײַם בוהושער רבין ווי בײַ זיך אין דער היים.

טאָזלוי, דאַרפֿט איר וויסן, איז אַ באַרגיק דערפֿל אַ משופּעדיקס. די אָר־טיקע גויים האָבן בדרך־כּלל געלעבט בשלום מיטן ביסל ייִדן; ס׳וואָלט גע־ווען אַ טעות צו מיינען, אַז מײַן טאַטן איז געווען ניחא די פֿירעכצן אין רבינס הויף. הגם אַ פֿרומער ייִד, האָט ער ניט געהאַט דעם מינדסטן דרך־ארץ פֿאַרן רבין אַליין. אַהיים קומענדיק האָט ער געהאַט צו דערציילן פֿונעם רבינס „תּורה זאָגן״. דאָס עם־הארצות האָט אים פֿריטשמעליעט. דער אָר־טיקער רבֿ האָט זיך געוואָלט באַגראָבן פֿאַר חרפּה. ער האָט אָגב, אַ מאָל

געוואָגט אויסלאָזן יענעמס אַ „שיעור". נו, נו, האָט אים, נעבעך קיין צרות ניט געפעלט, וואָרעם דער רבי איז געווען אַ יִיד, אַ תקיף, און האָט געהאַט השפעה, האָט ער געגעבן דעם רב פּעפּער צו שמעקן...

איך האָב זיך אָנגעהערט אַ סך מעשׂיות פונעם „הויף", און זיי האָבן געלאָזן אויף מײַן קינדישן געמיט אַ שווערן אײַנדרוק. איין מעשׂה האָט זיך שטאַרק אײַנגעקריצט אין מײַן געדעכעניש. ס'איז כּדאַי זי צו דערציילן, ווי איך האָב זי געהערט פונעם טאַטן:

ס'איז אַ פרײַטיק פאַר נאַכט. דער אָרטיקער און דער אָנגעפאָרענער עולם חסידים וואַרט אין קלויז. מ'איז אומגעדולדיק. אַלע שטייען. דער רבי דאַרף אַרויסקומען פון זײַן חדר. דער טיש איז געגרייט מיט פאָרציעס פיש פאַר יעדן חסיד. אַ גרויסער טעלער מיט דגים איז צוגעגרייט פאַר „אים" אַליין. עס באַצירן דעם טיש פריש געבאַקענע קוילעטשן, בקיצור, ס'איז כּיד־המלך. עס עפנט זיך ענדלעך די טיר, און דער רבי שפּאַנט אַרײַן אײַנגעוויקלט אין אַ ריזיקן טלית מיט אַ ברייטער זילבערנער עטרה.

ס'איז זייער שטיל, אַ יראַת־הכּבֿוד־שטילקייט. דער רבי גייט צו צו זײַן אָרט אויבן אָן. זײַן פעסטגעבויטער גוף איז אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. ער וואַרט אויך. דער גבאי ר' ירחמיאל פילט אָן זײַן גלאָז מיט ווײַן. דער רבי נעמט, ווי געוויינטלעך, די גלאָז אין האַנט אַרײַן און הייבט אָן דעם „יום השישי ויכולו השמים..." וואָס ווײַטער ער זינגט, אַלץ באַסאָווער ווערט זײַן שטים, ביז זײַן קול הייבט אָן הילכן ווי פון אַ פאַס, און די „עבֿרי" זײַנע זינקט אויך אַרונטער. דער רבי מערקט עס אין די בליקן פון זײַן עולם, פאַלט אָן אַ ציטערניש אויף זײַן האַנט, און פון אַ פולער גלאָז בלײַבט אַ דריטל, ווען ער פאַרענדיקט זײַן מאַכן קידוש.

דער רבֿ און די עדה ייִדן אָטעמען פרײַער אָפּ. אַלע זעצן זיך צום טיש, און ווען דער רבי טוט זיך אַרײַן אין דער אַכילה, טוען דאָס זעלביקע די אַנדערע. פּלוצעם שטופּט ער אָפּ זײַן טעלער צום מיטן טיש: אַ סימן, הייסט עס, אַז דאָס איבעריקע גייט פאַר שיריים. גיבן זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז הענט, צענדליקער הענט, ס'ווערט אַ געדריי און אַ געדראַנג פון הענט אינעם ריזיקן פּאַלומעטיק. און די איבערגעבליבענע שטיקער פיש גייען דורך נאָך אַ מאָל דעם „חיבוט־הקבר" נעבעך. זיי הענגען צווישן די פינגער פון די אייפעריקע חסידים, וואָס זוכן איינער דעם צווייטן איבערצושטײַגן אין דער גרויסער „מיצווה" פון כאַפּן שיריים...

מײַן טאַטע ע"ה האָט געקאָנט דערציילן. און אין מײַן קינדישן דמיון איז ניט פאַרלאָרן געוואָרן קיין פּרט אַפילו. נישט נאָר האָט זיך דער רבי

געמאָלן ביי מיר, ווי אַן אויסטערלישער, שטרענגער מושל, ניערט, די גאַנ־צע סביבה איז אַרויסגעקומען אָפּשטויסנדיק און דערווידער. אַגבֿ האָט דעם רבינס עלטערער זון, מתתיהו, ניט אויסגעהאַלטן די הויפישע גזירות און איז אַנטלאָפן...

מיין טאַטע ר׳ ישראל איז געווען דער הויפּטאויפזעער און פאַרזאָרגער פונעם רבינס „הויף". דער רבי האָט פאַרמאָגט אַ גאַנצן גוט, אַ מאַיאָנטעק. דאָרט האָבן זיך געפונען אַ קלויז און אַ פּאַליש, וווּ מע פּלעגט דאַווענען און פּראַווען „טישן" שבתים און ימים־טובים. לעבן קלויז האָט זיך געזען דעם רבינס דירה, הינטער איר איז געווען דער קעלער מיט פעסער ווײַן. און אַ ביסל ווייטער האָבן זיך געצויגן די הייזער פאַר די משרתים און דינסטן. די צאָל חסידים האָבן זיך געציילט, אין פאַרשיידענע פעריאָדן פון יאָר, צווישן זעכציק און אַכציק.

ווי איר זעט, רבותי, האָט דער רבי געהערשט ביד חזקה איבער אַ גאַנץ „קעניגרייך", און זיין וואָרט איז דאָרטן געווען ג ע ז ע ץ. מיין טאַטע, נעבעך, האָט געמוזט אַלץ באַזאָרגן. בעת מען האָט געפּראַוועט די „טישן", האָט ער אַפילו אויסגעלייגט דאָס געקעכטס פאַר די עסערס. און זיין לוין איז געווען גאַנצע זעקס רומעניש פראַנק אַ וואָך...

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער טאַטע האָט כל־ימיו געאַרבעט ביים רבין, איז ער, ווי שוין דערמאָנט, קיין חסיד ניט געוואָרן; און ער האָט, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, גאָרניט אַריינגעבראַכט אין הויז קיין פּאָזי־טיווס פונעם חסידישן לעבן, ממילא האָט דער חסידישער איינפלוס מיך בלויז באַרירט לרעה. דאָס, וואָס איז דערגאַנגען צו מיר האָט אין מיר אַרויס־גערופן אַן אומסימפּאַטיש געפיל.

מיין היים, ווי כמעט יעדע היים אין ישובֿ, איז געווען טראַדיציאָנעל־פרום. איך האָב אַפילו געטראָגן פיאות ביז מיין פערצנטן יאָר, און ווען ניט דער שערער, וואָלט איך אפשר זיי געטראָגן לענגער. גיי ווייס, אַז דער שע־רער, וועמען מ׳האָט גערופן מיטן „הויכן" טיטול „רופא", ווייל ער האָט גע־שטעלט באַנקעס און בכלל געדאָקטערעוועט, איז געווען געכאַפּט אין דער מעשה. ער איז, נעמלעך, געווען אַן אַפּיקורס און אַ שונא פון חסידות. ער האָט זיך נוקם געווען אין די חסידים אויף זיין שטייגער און מיר אָפּגעשאָרן איין פיאה...

איך בין געלאָפן אַהיים כלומרשט וויינענדיק און געוויזן דער מאַמען מיין גרויסן „אומגליק". היות, מ׳האָט ניט געקענט פאַרריכטן דעם שאָדן, האָט מען שוין געמוזט אַראָפּנעמען די צווייטע פיאה אויך...



ישראל באַלעבאָס

דעם מחברס פאָטער

זייט 18 (א)

מײַן מאַמע האָט דערקענט אין מיר, אַז ס׳טוט מיר הנאה די „אָפּעראַ־ציע״. זי האָט אויך געוווסט, אַז כ׳האָב קנאַפּ חשק צום לערנען און זי האָט מיך געוואָרנט, אַז כ׳וועל חרטה האָבן. זי איז, ווי שטענדיק, געווען גערעכט...

איך האָב געלערנט, ווי ס׳רוב ייִדישע ייִנגלעך אין אַ חדר. דער „חדר״ איז געווען בײַם מלמד אין הויז. אויך דער מלמד האָט זיך אָנגעקערט מיטן רבינס הויף, און ער האָט מיט זײַן פּירונג און אויסקוק מיך אָפּגעשטויסן. שפּעטער, בין איך אַרײַנגעפּאַלן אין די הענט פון אַ ישיבה־בחור מיטן נאָ־מען שמעיה, בײַ אים האָב איך געלערנט גמרא. אויך ער האָט געהערט צום רבינס קלויז. איין זמן האָב איך געקוועטשט די באַנק אין דער בוהושער ישיבה, ווו איינער אַ ר׳ איצעלע האָט געמושלט...

מײַן האַרץ איז שוין דעמאָלט געווען פאַרסמט קעגן דעם פּרומאַקישן וועלטל. ווען איך זוך אין מײַן זיכּרון די סיבה דערפון, קום איך ווידער און אָבער צו דער מסקנא, אַז שולדיק איז געווען דער רבי און דער רבישער „הויף״, און נישט אַזוי זיי, ווי דער צער און די יסורים, וואָס מײַן פאָטער איז דאָרטן אויסגעשטאַנען. ער, וואָס האָט געשפּײַזט דעם רבין און זײַן אָנ־צאָליקער כּנופיה, האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער פון זײַן פרוי און קינדער.

בקיצור, איך האָב געזען אַ סך נויט און דחקות אין הויז. פאַר מײַן אונטערגעוואַקסענעם ברודער האָט מען אָפּגעזוכט פאַרשיידענע טועכצן. און מיך האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער שטאָט באַקוי, ווו איך בין גע־וואָרן אויפן הויכן רומענישן לשון אַ „פונקציאָנאַר קאָמערטשיאַל״, וואָס דאָס מיינט פשוט, אַ הענדלער, אַ פאַרקויפער פון אַלטע קליידער. און גע־צאָלט האָט מען אויפן זמן. מילא, בקיצור, ס׳איז געווען כאָטש זאָט אָפּצו־עסן און אָנצוטאָן אַן אָפּגענוצטן בגד פאַרן מידן גוף...

רבותי! איך בין אַ ביסל פאַרלאָפן דעם וועג.

יאָ, ס׳איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען מיטן אַדזשודער קינ־דישן וועלטל. זײַ געזונט, „טראַטוש״, דאָס שטראָמיקע וואַסער, ווו מיר, קינדער, האָבן זיך געבאָדן. זײַ געזונט, גירלי, דאָס שטילע ליב וואַסערל, ווו מײַן מאַמע, און אַ סך אַנדערע מאַמעס האָבן געוואַשן זייער וועש, מיטן חנעוודיקן שעפּערל אָנגעבונדן בײַ אַ צווייטער זײַט, אַ דאָרשטיקער זאָל קאָ־נען אַ טרונק טאָן. אַדיע, איר גוטע, טײַערע שכנים, אַלטער וואַטעמאַכער און איציק קאַצאַפּ מיט זײַן ווײַב שׂרה!

זײַט מיר אַלע געזונט, ייִנגלעך, שקצימלעך, מיט וועמען איך האָב זיך געשפּילט! ס׳טוט מיר באַנג זיך צו געזעגענען מיט אײַך! ס׳איז מיר, אויפן

מאָמענט, אַפּילו אַ שאָד דעם רבינס הויף מיט וועלכן אונדזער דירה האָט זיך געגרענעצט.

זײַ געזונט, „מורגו", דוד גאַזאַרס פּערד, וואָס האָט מיך אַ מאָל שיער ניט אַראָפּגעוואָרפֿן בעת כ'האָב געפּרוּווט רײַטן אויף אים...

און מיט ר' דודן און זײַן ווײַב חיה, — אונדזערע בעסטע שכנים — געזעגן איך זיך, און צו זייערע קינדער, יחיאל, איציקל, משה און חווה, זאָג איך דעמאָלט מײַן „זײַ־געזונט", אַגבֿ, זײַנען זיי איצט אַלע אין אַמע־ריקע...

און וועל איך דיך אַ מאָל זען, ציגײַנער־גאַס, מיט דײַן וואַנדערפֿאָלק, וואָס שפּילט אויפֿן פֿידל און האָט פֿאַרזייט טיפֿע בענקשאַפֿט אין מײַן קינ־דיש האַרץ? ווער קאָן פֿאַרגעסן דאָס פֿאַרגעניגן פֿון אײַערע, זיס אומעטיקע ניגונים?

און נאָך אַ „זײַ־געזונט" צום פּירפּיסיקן חבֿרל מײַנעם, „קוטשו", וואָס איז זיך אויסגעשטאַנען אַ סך צרות פֿון אונדז קליינוואַרג און אַפּילו פֿונעם גרויסוואַרג. וויפֿל פֿאַמויניצעס מ'האָט, נעבעך, אויסגעגאָסן אויף אים. און ער, האָט ווי אַן אמתער סבֿלן אַלץ אַריבערגעטראָגן, און זיך געלייגט אויף דער זון צו פֿאַרגעסן אונדזער ביטער וועלטל...

אוי, ווי פֿײַנלעך ס'איז מיר זיך צו געזעגענען מיט נאָך אַ פּירפּיסיקן פֿרײַנד, מיט דער קו „פֿעטיצע", אוי, סאַראַ ליב באַשעפֿעניש דאָס איז גע־ווען! אָט דאָס קי:עלע, רבותי, האָט זיך געקעלבט אפֿשר צוואַנציק יאָר און געגעבן טײַערע, גוטע מילך, סײַ פֿאַר דער קראַנקער מאַמען, סײַ פֿאַר אונדז קליינוואַרג. און אירע קעלבלעך, איידער מ'האָט זיי פֿאַרקויפֿט צום קצבֿ, האָבן צעקײַט דער מאַמעס וועש, ווי ס'וואָלט געווען, רחמנא ליצלן, סאַמאָ־ראָדנע היי. נישט געווען אין הויז קיין גאַנצע ציך, אָדער אַ האַנטעך. דאָס גאַנצע גרעט בײַ אונדז האָט געטראָגן צייכנס פֿון פֿעטיצעס קעלבלעך.

כ'האָב זיך איין מאָל שטאַרק דערשראָקן ווען כ'האָב דערזען ווי דאָס קעלבל וואַרגט זיך, עס האָט אַרײַנגעקײַט כמעט אַ גאַנצע ציך, און נישט געקאָנט אויסשפּײַען און נישט אײַנשלינגען, — האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די

און אָנגעהויבן צו צי:ען, מײַן מאַמע איז מיר געקומען צו הילף אוןביידע האָבן מיר די ציך אַרויסגעשלעפּט...

און אַ האַרציקן „אַדיע" קומט אויך דער „גאַרע" באַנסטאַנציע, ווו עדות י:דן האָבן שפּאַצירט שבת נאָכן קוגל אויפֿן ברייטן שאָסייוועג, אין שאָטן פֿון די צעצווײַגטע ביימער, אויף ביידע זײַטן. אוי, ווער קאָן פֿאַר־געסן יענע שבתים? דער גאַנצער שאָסייוועג איז פֿאַרפּלייצט מיט יונג און

אַלט. מע גייט געמיטלעך, מען שמועסט, מען האָט הנאה פון גאַטס וועלטל און פון זײַן טײַערער לופט.

און צום סוף דיך אַרומגעכאַפּט מיט טאַטע־מאַמע, זיך הייס צעקושט און — פּאַשאָל! לך, לך!! וויי־וויי, ווי דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון בענק־שאַפט און אומעט... וועל איך זיי נאָך אַ מאָל זען? וועל איך נאָך ווען עס איז זען די ליבע, האַרציקע פּנימער פון מײַנע עלטערן?

אַצינד נאָך 52 יאָר, גיי איך דורך אין געדאַנק די ליבע, טרויעריקע און שפּילעוודיקע קינדעריאָרן. ווען ווייסט, אפשר האָט איר, רבותי, לייענ־דיק מײַנע זכרונות, אויך דורכגעגאַנגען אײַער קינדהייט, בעת־מעשה, האַ, וואָס זאָגט איר?

# דוד גאַזאַר, ע״ה

אויב בײַ מיר איז געבליבן אַ שלעכטער נאָך־טעם פונעם אַדזשודער רבין און פון זײַן הויף, איז נישט קיין חידוש. מײַן פאָטער, ווי שוין דער־מאָנט, איז דאָרטן געווען „קרובֿ למלכות", ער האָט זיך דאָרטן געגוג. אָנ־געזען. אָבער עס זײַנען געווען חסידים, וואָס האָבן אַנדערש געזען, און איי־נער פון זיי איז געווען דוד גאַזאַר, און גערופן האָט מען אים מיט אָט דעם נאָמען, ווײַל ער האָט געהאַנדלט מיט נאַפט (גאַז). ער האָט, ווי ס'ווערטל גייט, געטאָגט און גענעכטיקט אין רבינס קלויז, געכאַפּט שיריים פון זײַן טיש, און ווען דער רבי האָט „געזאָגט" תורה, איז דער נאַפטהענדלער זיך פאַרגאַנגען אין מתיקות, ער איז ממש געווען אין זיבעטן הימל...

אָט די קלויז האָט געדינט, ווי להבֿדיל, אַ קלוב פאַר די אָרעמע קליינ־שטעטלדיקע ייִדן. זיי זײַנען געקומען אַהין זיך אַ ביסעלע גײַסטיק אויס־לעבן. איר האָט דאָרטן געפונען דעם אַרענדאַר, דעם בעל־מלאכה און בכלל ייִדן. אָבער העכער פון אַלעמען האָט איר געהערט דעם פשוטן און וואויל־מיינענדיקן בר־נש, דוד גאַזאַר! איך וועל אײַך אויסזאָגן אַ סוד. ער האָט זיך דאָרטן אויסגעלערנט דאַווענען, הגם דעם פירוש־המילות האָט ער ניט פאַרשטאַנען...

דער פרײלעכסטער יום־טובֿ אין רבינס קלויז איז געווען סוכות, שׂמחת־תּורה. די חסידים האָבן געטאַנצט אַ האָפּקע אין מיטן הויף אַזש ס'איז גע־גאַנגען אַ רויך. מ'האָט געטרונקען דעם זיס אויפגעקאָכטן ווײַן ביז פאַר־געסנקייט, און נאָך דעם איז מען געלעגן איטלעכער אויף אַן אַנדער אָרט ביז... ביז... זיי האָבן זיך אויסגעשלאָפן. מער פון אַלעמען האָט געהאָפּקעט

גאַזאַר. ער האָט געפֿילט, אַז ער טוט מצוות מיט יעדער באַוועגונג זײַנער. דער מענטש האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם גאַנצן וואָכעדיקן עול. און זיך „אָפּגעגעבן" דעם רבין, זײַן רבין...

אין די וואָכעדיקע טעג איז דוד גאַזאַר אויפֿגעשטאַנען אַ שפּראָץ אויף טאָג, אײַנגעשפּאַנט זײַן פּירפּיסיק פֿערדל, „מורגו" און האָט אָנגעפֿילט זײַן פֿעסל מיט נאַפֿט. ער האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעלאָזן איבער די פֿאַרשלאָ־פֿענע געסלעך פֿון אַדזשוד און אין די אַרומיקע שטעטלעך זוכן פּרנסה. שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, אַ מידער, אַן אויסגעַ־שעפּטער. ער האָט קוים געקענט האַלטן אָפֿן די אויגן, און ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אײַנשלאָפֿן אויף דער קעלניע. אָבער נישקשה, דער סוס, „מורגו", האָט פּונקט ווי טבֿיהס פֿערדל געוווּסט, בעסער געזאָגט, געקאָנט דעם וועג און ער האָט אים געבראַכט בשלום אַהיים.

דוד גאַזאַר און זײַן פֿרוי חיה זײַנען געווען אונדזערע נאָענטע פֿרײַנד. זייער עלטסטער זון, יחיאל, מײַן בן־עיר, איז מיט מיר געקומען קיין אַמע־ריקע. ער האָט מצליח געווען אין זײַנע געשעפֿטן, און הגם אַ ייִד אַ גבֿיר און פֿאַרהאָוועט אין דער גרויסער ביזנעסוועלט, האָט ער געפֿונען צײַט צו זײַן אַקטיוו אין דער שלום־עליכם־שול פֿון פּוירט־עמבוי, ניו־דזשוירזי. פּאַקטיש איז ער און זײַן פֿרוי איוואַ, געווען די בויער פֿון דער שול. זײַנע קינדער, פֿײַוויש און יהודית האָבן גראַדויִרט אין יענער שול, און ס'איז אַ פֿאַרגעניגן צו הערן אַפֿילו הײַנט זײַן באַגײַסטערונג פֿאַר דער אַמאָליקער אַרבעט זײַנער לטובֿת אָט דעם דערציִונגס־אַנשטאַלט. לײדער, האָט די שול, צוליב אַ סך טעמים, פֿאַרלאָרן דעם אַמאָליקן גלאַנץ. און מחמת עס איז דאָ אַפֿילו אַ געפֿאַר, אַז זי זאָל, חלילה, אונטערגיין, האָב איך געפּרוווט אויפֿ־וועקן אין מײַן חבֿר דעם גלויבן און ווילן זי ווײַטער אָנצוהאַלטן. איך האָב אים דערציילט די לעגענדע וועגן די „למד־וואָוניקעס", וואָס אין זייער זכות האַלט זיך אויף די וועלט. אין פֿאַרגלייך מיט די 36 קינדער, וואָס לערנען איצט אין דער שלום־עליכם־שול אין פּוירט־עמבאָי, אפֿשר וועט ער ווערן איינער פֿון זיי אין שײַכות צו דער פּוירט־עמבויער שול?

יחיאל, ביסטו טאַקע געוואָרן דער נותן־בסתר, אויב אונדזערע וועגן זײַנען זיך צעגאַנגען אין שײַכות צו אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע געביטן, זאָלן כאָטש בלײַבן אָנגענעמע זיכרונות וועגן אונדזערע בשותּפֿישע טוונגען אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישער דערציִונג...!

איך בין פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. נאָך איידער איך בין געקומען קיין אַמע־ריקע, האָב איך שוין פֿאַרוואָרפֿן ווערטער און געדאַנקען וועגן מעשׂים, וואָס וועלן שפּעטער דערציילט און געשילדערט ווערן באַריכות.

איך האָב אָבער געפּילט אויף זיך אַ חוב אָפּצוגעבן אַ שטיקעלע פּלאַץ פאַר מײַן בן־עיר און חבֿר. זאָל ער וויסן, אַז איך געדענק אים און טראַכט וועגן אים, וואָרעם די פרײַנדשאַפט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן בימי אונדזערע ביידנס עלטערן. חוץ יחיאלן האָב איך אויך געקאָנט, פאַרשטייט זיך, זײַנע צוויי ברידער משה און איציק, ווי אויך זײַן שוועסטער חווה. און איך וויל האָפן, אַז אויך ער געדענקט מיך, הגם אונדזערע דרכים האָבן זיך צעשיידט. און ווען ער וועט לייענען אָט די שורות, וועט אים אויך אָנכאַפּן אַ בענקע־ביש, אַ נאָסטאַלגיע צו יענער צײַט, צו אונדזער יוגנט. און ער וועט האַלטן טײַער דאָס בוך, וואָס איך קלײַב זיך אַרויסצוגעבן...

יאָ, דאָס רוסיש גלײַכוווערטל — „איין אַלטער חבר איז בעסער ווי צוויי נײַע" ווערט אַן אמת, אַן אַקסיאָמע, ווען די עלטער רוקט זיך אָן; טאָ זאָל אָט דאָס קאַפּיטעלע וועגן דער משפּחה גאַזאַר זײַן אַ דענקמאָל לעולם ועד...




אַדזשודער פרנסות

## צווייטער קאַפּיטל

## באַקו — מיין צווייטע היים

שווער, זייער שווער, איז געווען פאַר אַ פּופּצן־יאָריק ייִנגל צו פאַר־לאָזן זײַן היים, זײַן וואַרעמע נעסט. אוי, האָט געגנאַגט די בענקשאַפט אין האַרצן, אוי, האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער משפּחה. אָבער ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה. די נויט האָט גע־טריבן מיט שאַרפע בײַטשן...

איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף דער באַן מיט מײַנע אָרעמע קלומקעס און — פּאַשאָל! און אָט שנײַדט שוין דער לאָקאָמאָטיוו גאַנצע קילאָמעטערס — אַזש אַ רויך גייט! פעלדער לויפן מיר אַנטקעגן און בלײַבן הינטער מיר און אַזוי אויך מײַנע שיינע אומעטיקע קינדעריאָרן...

און אָט בין איך שוין אויף דער ערשטער סטאַנציע (קאָן עס טאַקע זײַן, אַז איך בין שוין אַוועק פון דער היים? ס׳ווערט אַ שטופּעריי, אַ גע־לויף. פּאַרקויפערינס מאַכן זיך אַ וועג מיט זייערע עלנבויגנס און שרײַען אויס בקול רם די באַקאַנטע רומעניש ווערטער „פּרונע! פּאַמע קאַרנע!" וואָס מיינען מיינען זיי — פּלוימען אויף צוויגעלעך, און שפּיציקע ווײַנטרויבן, פּרוכטן פון די פעטע רומענישע גערטנער און סעדער. ווער קאָן בײַשטיין דעם נסיון פון אַזאַ געשמאַקן ביסן? און הגם אויף מײַן ייִנגלשן געמיט איז זויערלעך, שטאָפּ איך אין זיך די זיסקײַטן אין איינעם מיט די טרערן. אָט די פּראָצעדור חזרט זיך איבער אויף יעדן אָפּשטעל, ביז מיר קומען אָן בשלום אינעם שטעטל באַקוי, און איך פאַרפאָר גלײַך צו מײַן קינפּטיקן באַלעבאָס, הערש בוקאַרעשטער.

הערש האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זײַטן, ווי מען באַטראַכט, אַ שטיי־גער, אַ יונג קעלבל. איך האָב געקאָנט זען פון זײַן קוק, אַז איך האָב אין זײַנע אויגן נושא חן געווען. איך מוז זיך מודה זײַן, אַז איך האָב אין אים אויך ניט געפונען קיין חסרונות. אמת, ער איז געווען אַן אַלטמאָדישער

ייִד, וואָס איז, ווי איך האָב שפּעטער אײַנגעזען, געווען פֿאַרטאָן, דער עיקר, אין דרײַ זאַכן, נעמלעך, אין דאַווענען, אין אַלטע קליידער און אין מאַכן געלט...!

הגם הערש האָט געהאַט אַ גרויסע דירה, איז שווער געווען דאָרטן צו געפֿינען אַ ליידיק ווינקל, מחמת אומעטום האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פּעק און פּעקלעך פֿון אַלטע קליידער. אויב דאָס איז געווען ווינציק, איז ער נאָך געווען אַ מטופּל פֿון פֿינף קינדער. בקיצור, ס'איז דאָרטן געווען ענג, שטויביק און דזשנע. מ'האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ווינקל, ווו איך זאָל קאָנען אויסציִען מײַנע פֿיס בײַ נאַכט און טאַקע אויף דער פּאָדלאָגע.

הערש האָט אויפֿגעקויפֿט אַלטע, אָפּגענוצטע בגדים און זיי איבערגעגעבן צו זײַנע נייטאָרינס, עלטערע מיידלעך. די לעצטע זײַנען געזעסן בײַ אַלטמאָדישע מאַשינען און געלייגט לאַטעס ווו מען האָט געדאַרפֿט; פֿאַרצערעוועט לעכער, אָנגענייט קנעפּלעך, געפּרעסט און גערייניקט, און בכלל געזוכט צו מאַכן פֿון זיי אַ לײַט. די מיידלעך, ווי דער באַלעבאָס, האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון זייער סחורה. און אין דער מחשבֿה האָב איך טאַקע גערופֿן הערשן „הערש טאַלאַלניק".

מײַן עובֿדה איז געווען צו פֿאַרקויפֿן קליידער. ס'איז ניט געווען קיין גרינגע מלאָכה, וואָרעם מ'האָט געדאַרפֿט וויסן ווען אַרויפֿצושרויפֿן דעם מקח און ווען אים אַראָפּצולאָזן. מ'האָט געמאָנט דרײַ און פֿיר מאָל אַזוי פֿיל ווי דער אָנצוג צי דער מאַנטל, האָט באַטראָפֿן. און אויב דער בעל־דבֿר האָט אָפּגעשטעקט אַ פֿערטל דערפֿון איז ניט געווען שלעכט... מ'האָט אויך געדאַרפֿט קאָנען די „קונץ" פֿון אײַנרעדן. ס'האָט זיך געפֿאָדערט נײַן מאָס רייד פֿאַר אַזאַ שטיקל מיסחר. די מערסטע קונים זײַנען געווען פּויערים, מענטשן האַרטע, אויסגערעכנטע און קבצנים... זיי זײַנען נעבעך, געווען ווילדע „עמי־האַרצים", האָבן ניט געקענט תּופֿס זײַן אַ שטײַטל רומענישע „עבֿרי". פֿלעגט מען זיי אָפּנאַרן ווי גרויס זיי זײַנען געווען. מ'האָט זיי געוויזן אַן אָנשטענדיקן בגד, אַרויסגעקראָגן די אָפּותיקא, און פֿאַרפּאַקט אַ צעיוירנע שמאַטע, וואָס איז אויף זיי אָפּט געווען צו קורץ, אָדער פֿאַרקערט. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן במזיד, אָפּצונאַרן ווי דערפֿאַר וואָס דער פּויער האָט קיין מאָל נישט געוואָלט געבן דעם מקח, וואָס דער בגד האָט געהאַט די אמתע ווערט און ווען זיי זײַנען געקומען אין שטעטל זיך באַקלאָגן, האָט מען זיי אומגעשיקט פֿון איין קראָם אין אַ צווייטער. נישט זיי האָבן געוווסט אַ נאָמען, נישט זיי האָבן געקענט איבערלייענען אַ שילד...

אָט די שיינע „תורה" האָב איך זיך אויסגעלערנט בײַ מײַן באַלעבאָס. צו ערשט איז עס מיר געווען דערווידער, נאָך מיט דער צײַט, האָב איך מיר „צוגעוווינט". איך מוז דאָ אָבער גלײַך צוגעבן, אַז ערגעץ אין מיר האָט עס ניט אויפגעהערט צו טאָטשען, צו מאַטערן, און עס פלעגט „אַרויס־שפרינגען, ווען איך האָב געזען, ווי הערש טאַלאַניק היט פרום אָפּ שבת, יום־טובים, ווי ער שאָקלט זיך בײַם דאַווענען. אָט די צביעות האָט מיך שאָקירט, באַאומרויִקט. צומאָל פלעג איך טראַכטן, אַז ער פאַרשטייט מסתמא ניט דעם פירוש־המילות. קורץ און שלעכט. די פרומע וועלט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר, סײַ אין מײַן היים און סײַ דאָהי — האָט מיך ניט נאָר צוגעצויגן, נײַערט, איך בין געוואָרן, וואָס ווײַטער, אַלץ מער איר אומפרײַנד, איר קעגנער...

און אָט אין יענער שווערער צײַט, ווען איך האָב געזוכט אַ טרייסט, אַן אָנשפּאַר, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט נאָר באַלויכטן מײַנע ייִנגלשע יאָרן, נאָר איז געוואָרן פאַר מיר אַן עמוד־האש אויף מײַן גאַנץ לעבן. איך האָב, נעמלעך, באַקומען אַ חשק צו לייע־נען ביכער. דעם חשק האָט אויפגעוועקט אין מיר מײַן נײַער חבר מיטן נאָ־מען זיידל. ער איז געווען דעם באַלעבאָס' אַ קרובֿ און האָט געאַרבעט אינעם זעלביקן געשעפט. ער האָט ערגעץ געקראָגן די ספרים און מיר האָבן ביידע זיך אַרײַנגעטאָן אין זיי. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, וואָרעם ווו האָבן מיר גע־נומען צײַט פאַר אַזאַ "לוקסוס"? מיר זײַנען דאָך געווען פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג אין קראָם, און בײַ נאַכט זײַנען מיר אָוועקגעפאַלן ווי די סנאָפּעס אויף אונדזערע שטרויענע געלעגערס. האָבן מיר זיך דערטראַכט צו אַזאַ פּלאַן:

היות, מיר שטייען ביידע אין דרויסן „אַרײַנצונאַרן" אַ פּויערל אין געשעפט, וועט עס טאָן איינער פון אונדז, און דער צווייטער וועט דערווײַל מעיין זײַן אין אַ בוך. מיר וועלן זיך בײַטן. און דער באַלעבאָס וועט דערפון ניט וויסן, מחמת ער איז ס'רוב פאַרהאַוועט ערגיץ אַנדערש... און ווען ער וועט זיך באַווײַזן, וועלן מיר פאַרשטופּן די „ליטעראַטור" אונטער אַ הויפן שמאַטעס און אַרויס אין דרויסן...

איין מאָל בין איך געגאַנגען אין אַ בוכקראָם עפּעס אײַנצוהאַנדלען, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף עזאָפּס פאַבלען. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו זיי מיט אַ שטאַרקן אינטערעס, נאָך מער האָט מיך באַצויבערט זײַן ביאָ־גראַפיע. איך האָב זיך פון איר דערוווּסט, אַז דער שרײַבער איז געווען אַ שקלאַף און האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה אין זײַן שאַפן. אָט די

עזאָפישע „באַגעגעניש״ האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער אַנטיקער העלע־נישער וועלט. איך האָב געלייענט מיט התמדה די ווערק פֿון די אַמאָליקע גריכישע חכמים אין איבערזעצונג. באַזונדערס האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם פּיטאַגאָרעס, דער הומאַניסט און וועגעטאַריער. מיך האָט אויך שטאַרק אינטערעסירט די לערע פֿון פּלוטאַרכן —

הערש טאַלאַלניק האָט זיך אַ פּנים קיין מאָל ניט געכאַפּט אויף מײַנע „זינד״. ער האָט געהאַט צו מיר צוטרוי און האָט מיר איבערגעגעבן דאָס געשעפֿט אין מײַנע הענט. ער האָט אַצינד געעפֿנט אַ נײַע קראָם און דאָרטן אַוועקגעשטעלט זײַנעם אַ ברודער. אויך דאָרטן איז דער מיסחר אַוועק גוט. ער האָט זיך געגייטיקט אין אַ געהילף. האָב איך רעקאָמענדירט מײַנעם אַ יינגערן ברודער. ווי איר זעט, רבותי, זײַנען נאָך אַלץ געווען צו פֿיל מײַלער אין דער היים! אַצינד האָט הערש געקאָנט מיט אַ פֿרײַען קאָפּ פֿאָרן אין דער הויפּטשטאָט, בוקאַרעסט, אײַנצוהאַנדלען זײַן אַלטוואַרג. און ער פֿלעגט ברענ־גען גאַנצע בערג בגדים. איך און זיידל האָבן נאָך געהאַט אַ טוונג, מיר האָבן געדאַרפֿט אונטערזוכן אַלע קעשענעס, צי ס׳האָט זיך נישט פֿאַרוואַלגערט דאָרטן אַן אַסיגנאַציע, אַ רינגל, צי אַנדערע וויכטיקע חפֿצים...

וואָס דאַרפֿט איר חכמות! הערש טאַלאַלניק האָט דעמאָלט „געבערענט״ אַ וועלט! געלט האָט ער געהאַט גענוג, האָט ער באַשלאָסן חתונה צו מאַכן זײַן טאָכטער אויף אַ גרויסן אופֿן. ס׳איז אַ סבֿרה, עס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ צען טויזנט רומענישע פֿראַנק. ער האָט פֿאַרטראַכט צו עפֿענען געשעפֿטן פֿון נײַע און מאָדישע קליידער. שׂכירות האָט ער געצאָלט נעבעכדיקע, שעהען האָבן מיר געאַרבעט לאַנגע, זיבן טעג אַ וואָך, ביז צען אַ זייגער. צו זײַן געניוער, שׂכירות האָט ער געצאָלט אויפֿן זמן... צוויי מאָל אַ יאָר. די סאָ־ציאַליסטישע און פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג האָט אויך דערגרייכט באַקוי. אַרבעטער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן, אויך די פֿאַרקויפֿער בתוכם. ס׳זײַ־נען אָרונטערגעקומען פֿון בוקאַרעסט גיאָרגע קריסטעסקו און איליאַ מאָס־קאָוויטש, פֿאָרשטייער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. מ׳האָט גערופֿן מי־טינגען, פֿאַרזאַמלונגען. דאָס שטעטל האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. ס׳איז גע־גאַנגען כּאַדראָם. מען האָט דערוואַרט עפּעס נײַעס, עפּעס בעסערס.

גיין צו אַן אַסיפֿה איז געווען מײַן גרעסטער תענוג. און הערן די רע־וואָלוציאָנערע דרשות איז פֿאַר מיר, דעם יונגן בחור, געווען אַ נחת־רוח. איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף זיי. דאָס לעבן איז געוואָרן אינטערעסאַנטער, דינאַמישער און ווען מ׳האָט גערופֿן צו אַ דעמאָנסטראַ־ציע, בין איך געווען פֿון די ערשטע צו קומען.

איך בין געוואָרן אַקטיוו אין דעם ערשט פֿאַרמירטן פֿאַראיין. מײַנע אינ־טערעסן זײַנען ברייטער געוואָרן, מײַנע השׂגות — העכער. איך בין שוין מער ניט געווען דאָס נאָכגעביקע יינגל, וואָס פֿאָלגט דעם באַלעבאָס אויפֿן ווונק. איך האָב אַצינד פֿאַרדינט בעסער און געאַרבעט קירצערע שעהען. איך האָב אויך געפּועלט בײַ הערשן „אורלויב", דאָס הייסט, צו פֿאָרן זיך זען מיט די עלטערן. איך בין געקומען אַהיים מיט אַ סטאַזש פֿון אַ „פֿונק־ציאָנאַר קאָמערטשיאַל" (אַ געשעפֿטס־אָנגעשטעלטער). אומעטיקלעך איז מיר געוואָרן, ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין באַקוי. אמת, איך האָב דאָרטן געהאַט מײַנעם אַ ברודער. אין גיכן, אָבער, איז צו מיר אויך געקומען די מאַמע וווינען. וועמער איז דעמאָלט גלײַך געווען צו מיר?

מײַן פֿאָטער איז אָוועקגעפֿאָרן מיט די יינגערע צוויי קינדער קיין אַמע־ריקע. דאָס איז שוין געווען זײַן צווייטע נסיעה אַהין. ווען ער איז געפֿאָרן דאָס ערשטע מאָל בין איך נאָך געווען אַ קליין יינגל און איך געדענק כּמעט גאָרניט פֿון יענער צײַט. איך ווייס אויך ניט גענוי, פֿאַר וואָס ער האָט זיך אומגעקערט. משמעות, האָט ער דאָרטן ניט געפֿונען קיין פּרנסה, אָדער ווי מען זאָגט דאָרטן: ער האָט ניט געקענט מאַכן אַ לעבן. אַזוי צי אַנדערש. — אַצינד האָט ער געפּלאַנעוועט, ווי נאָר ער וועט זיך אײַנאָרדענען, וועט ער שיקן נאָך אונדז. דערווײַל איז אונדזער משפּחה צעטיילט געוואָרן. מיר איז טאַקע געוואָרן אויפֿן האַרצן ששׂון ושׂמחה מיט דער מאַמעס קומען. איך צווייפֿל אָבער, צי זי האָט אויך אַזוי געפֿילט.

נאָך אַן איבערראַשונג האָב איך געהאַט, ווען מײַן פֿעטער פּנחס (מײַן מוטערס ברודער) האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין באַקוי. ער איז געווען פֿון מיטעלן וווקס, אַ גלײַכער, אַ סטרוינער, מיט אַ שיינער, לאַנגער באָרד, און אַ קול האָט ער געהאַט אַן אָנגענעמס, אַ ליריש. דער פֿעטער פּנחס און די מומע מלכּה האָבן געהאַט פֿיר קינדער. זײַן זון נתן־שמואל איז כּל ימיו געווען רבֿ אין דער „מונטעניע" (בוקאַרעשטער געגנט). זינט דער היטלעריסטישער בהלה האָט ער זיך באַזעצט אין בוקאַרעשט און איז נאָך הײַנט דאָרטן רבֿ. אַ טאָכטער חיה־איטע (אין ישׂראל), גאָלדע — אין רומע־ניע. און ישׂראל־לייב אַ העברעיִשער לערער — געפֿינט זיך הײַנט אין ישׂראל.

איך האָב ליב געהאַט מײַן פֿעטער מיטן גאַנצן האַרצן. און דעם פּסוק „ואהבֿת" האָב איך שטאַרק אָנגעווענדט אויף אים. עס איז געווען אַן ער־לעכער מענטש און אַן אמת פֿרומער ייִד. ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, אָבער געצויגן האָט ער חיונה פֿון קנעלן מיט חדר־יינגלעך. ער

איז נאָך געווען פֿון יענע נאַיווע, תּמימותדיקע רבנים, וואָס מע טרעפֿט שוין הײַנט כּמעט ניט, וואָס ווילן ניט אויסנוצן די תּורה צוליב מאַטעריעלע צוועקן. איך האָב זיך געפֿילט בפּועל־ממש גליקלעך, ווען איך בין געגאַנגען מיט אים שבת אין שול, ווען ער האָט געדרשנט און בכלל, ווען איך האָב פֿאַרבראַכט אין זײַנע ד' אַמות. לײדער, האָט עס לאַנג ניט געדויערט, מחמת אַ סך געשעענישן זײַנען זיך פֿאַרלאָפֿן, און גאָרניט קיין פֿריילעכע...

מײַן באַלעבאָס הערש באַקויער (זײַן צונאָמען האָט ער אַצינד פֿאַרלאָרן, ווײַל ער האָט שוין מער ניט געהאַנדלט מיט אַלטע קליידער) איז, פֿאַרשטייט איר מיר, געוואָרן אַן אייגנטימער פֿון אַ געשעפֿט אויף „סטראַדאַ מאַרע" (הויפּטגאַס), וווּ ער האָט פֿאַרקויפֿט שפּאָגל נײַע בגדים. קיין גרויסע רווחים האָט ער ניט געמאַכט, ווי אין די פֿריִערדיקע עסקים. דערצו האָט אים זײַן טאָכטערס חתונה אָפּגעקאָסט, ווי שוין דערמאָנט, אַ שלל מיט געלט. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט באַנקראָטירט. דאָס געריכט האָט דעם אָנזעץ באַטראַכט פֿאַר אַ קרימינעלן אַקט און מ'האָט אים פֿאַרמישפּט אויף אַ יאָר געפֿענקעניש. דאָס איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, נישט נאָר אַ גרויסער קלאַפּ פֿאַר אים און זײַן משפּחה, נײַערט אויך פֿאַר מיר. אויפֿן צווייטן טאָג פֿון זײַן אַרעסט, האָב איך אים געבראַכט אין תּפֿיסה זײַן טלית און תּפֿילין און אויך אַ פּעקל שפּײַז. איך האָב געזען, וואָס ס'איז געוואָרן פֿון דעם גרויסן סוחר. ס'איז געווען אַ רחמנות אויף אים. פֿון זײַנע דרײַ „לײדנשאַפֿטן" האָט זיך אים אָפּגעשטעלט איינע. ער האָט איצט געקאָנט דאַווענען וויפֿל ער האָט געוואָלט, צײַט האָט ער איצט געהאַט גענוג.

זעט איר, רבותי, מיר איז אויף אַ האָר דערפֿון ניט ערגער געוואָרן. פֿאַרקערט, ס'האָט זיך דעמאָלט גענומען אָנרוקן אויף מיר, ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַ צײַט פֿון פֿאַרשידענע שטעלעס. ווי זאָגט דאָס פֿאָלק אַ ווערטל: „גאָט גרייט צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה..."

אין איינעם אַ טאָג זײַנען אָנגעקומען פֿון טאַטן אין אַמעריקע שיפֿסקאַרטן פֿאַר מיר און פֿאַר דער מאַמען. ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן פֿאַר די אויגן. אמת, ס'איז מיר געווען אַ ביסל אַ שאָד צו פֿאַרלאָזן מײַן צווייטע „היים". אָבער צוריק געשמועסט, האָב איך ניט געהאַט פֿיל אָנצוווערן. וואָרעם דאָס ייִדישע לעבן אין באַקוי איז געווען ייִדיש נאַציאָנאַל אָרעם. דער אַלטער, פֿאַרצײַטיקער שטייגער איז געווען פֿאַרשפּרייט כּמעט אין אַלע ייִדישע היימען, בריתן, בר־מצוות, חתונות און דאָס סקאַרבאָווע דאַווענען דרײַ מאָל אין טאָג. וואָס האָט דאָס אַלץ געקאָנט אינטערעסירן אַ צוואַנציקיאָריקן בחור? ס'איז דאָרט נישט געווען קיין סימן פֿון אַ ייִדיש קולטורעל

לעבן. נאָך מער! ס'איז אַפּילו ניט געווען מיט וועמען זיך רעכט דורכצו־שמועסן, אַחוץ, נאַטירלעך, מיט מײַן אײנציקן טײַערן חבֿר זיידל. (אָ! אויב דו לעבסט, זיידל, רוף זיך אָפּ! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען צו הערן פֿון דיר! מיינע שענסטע יינגלשע טעג זײַנען דאָך פֿאַרבונדן מיט דיר!) און אַט מיט אַ מאָל ווערט מײַן טאַטנס שיפֿסקאַרטע עפֿענען פֿאַר מיר אַ נײַע וועלט! אַ גרויסער יידישער ציבור וואַרט אויף מיר! איך האָב געזען פֿאַר זיך אַ וווּנדערלעכע צוקונפֿט. איך מוז דאָ גלײַך באַמערקן, רבותי, אַז ניט קיין מאַטעריעלע גליקן האָב איך דערוואַרט, נאָר טאַקע גײַסטיקע, באַרײַכערן מײַן גײַסטיקן באַגאַזש. אין קורצן, לערנען, שטודירן, און מאַכן, אַז מײַן לעבן זאָל זײַן נוצלעך פֿאַר מיר און פֿאַר אַנדערע...

הגם איך בין געפֿאָרן צו מײַן פֿאָטער און מיך האָט באַגלייט מײַן מאַמע, האָב איך פֿונדעסטוועגן געפֿילט, אַז איך וועל זיך גיין מײַן אייגענעם וועג, ווי עס זינגט זיך אין לידל:

...אויף אַ שטילן וועג, אַ שמאָלן,  
צווישן בערג און צווישן טאָלן —  
וואַנדער איך אַליין...  
וואַנדער איך אַליין...

יאָ, איך האָב זיך אויסגעקליבן אַן אייגענעם וועג, ווי מיר וועלן עס זען אין ווײַטערדיקן קאַפּיטל.

# דריטער קאַפּיטל

## שלום עליכם, אַמעריקע!

ווען מיר האָבן זיך גענומען קלײַבן אין דער ווײַטער מדינה, וואָס הייסט אַמעריקע, וואָס איז צו יענער צײַט געווען דער גרויסער טרוים פֿון אַלע פֿאַרפֿאָלגטע און אונטערדריקטע, איז שוין דער טאַטע דאָרטן געווען אַן ערך זעקס חדשים. דאָס איז פּאַקטיש געווען, ווי שוין דערמאָנט, זײַן צווייטער באַזוך. וועגן זײַן ערשטער נסיעה מיט אַ יאָר פֿופֿצן צוריק, האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיכּרון אַ פּאָר אייגנצלהייטן, וואָס ס'איז זיי כּדאַי צו דערציילן:

אין דעם עמלק־לאַנד, רומעניע, זײַנען יידן געווען, כּידוע, צווייטקלאַסיקע „בירגער". ניסט נאָר האָט מען זיי פֿאַרפֿאָלגט, נאָר אויך אָפּגעשניטן פֿון פּרנסה. און ווען ס'האָבן דערגרייכט, ווי אין פּסוק שטייט, די וואַסערן ביזן נפֿש, האָבן מאַסן יידן גענומען „האַק־און־פּאַק" און זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן. היות, אָבער, מ'האָט ניט געהאַט אויף דער הוצאה אַפֿילו אַ טאָג איבערצולעבן און אַ פּשיטא שוין אויף בילעטן, האָבן זיך די אימיגראַנטן־גרופּעס — יונגע מענער און פֿרויען, געלאָזט צו פֿוס, געשפּילט „טעאַטער" פֿאַר יידישע עולמס אין שטעט און שטעטלעך, אין הויפֿן, אין שטאַלן, און ווו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט. אַוודאי זײַנען, בשעתו, געווען אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט טאַלאַנט, און זײַנען אפֿשר שפּעטער געוואָרן פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן. אַזוי זי אַנדערש, די וואַנדערער האָבן צונויפֿגעזשעברעוועט אויפֿן וועג געגנוג ממתּקים אויף זיך צו דערהאַלטן די נשמה און נאָך אָפּצושפּאָרן אויף באַנבילעטן און אויף שיפֿסקאַרטן צום „גאָלדענעם לאַנד"...

אין אונדזער רײַזע האָבן געפֿעלט אָט די דראַמאַטישע געשעענישן. ערשטנס, האָבן מיר (איך און די מאַמע), געהאַט דעם טאַטנס צוגעשיקטע שיפֿסקאַרטן, צווייטנס, האָב איך געהאַט אָפּגעשפּאָרט פֿון מײַן אַרבעט אַ

ביסל איינגן קליינגעלט. איידער מיר האָבן פֿאַרלאָזן רומעניע, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל, בוזעו, ביי מיין קוזין, שמעון. ער איז דאָרטן געווען ביים ביסל ייִדן דער רבֿ, שוחט, חזן און וואָס איר ווילט. מען האָט אים דאָרט ניט באַלעסטיקט מיט צופֿיל „ייִדישקייט", מחמת די דאָרטיקע ייִדן זיינען געווען היפּשלעך אויסגעייִדישט. איך האָב אים געזען גיין שבת אין „טעמפּל". האָט ער אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי אַ „סאַמאַראָדנער" גלח, נאָר אַנשטאָט דעם גרויסן צלם אויף דער שוואַרצער גלחישער מאַנטיע, האָט ער געטראָגן אַ היפּשן מגן־דוד, וואָס איז אים אַראָפּגעהאָנגען פֿונעם האַלדז אויף אַ בראָנדזענער קייט...

מיר זיינען געפֿאָרן דורך דייטשלאַנד קיין האָלאַנד, וואָרעם אין דעם פּאָרט ראָטערדאַם. האָבן מיר געדאַרפֿט נעמען די שיף. אויף דער באַן איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ געוויינלעכע פּראָבלעם: „מה נאכל?" — וואָס זאָלן מיר עסן? מיין מאַמע ע"ה, האָט מיך איבערראַשט מיט אַן אייגן געמאַכטער „קאַווע", וואָס האָט געהאַט אַלע טעמים. איינצוטונקען אַ שטיק סעכער אין אָט דער פֿליסיקייט איז געווען מחיה־נפֿשות, דאָס איז געווען אַ מין סאָרט פֿרישטיק. ביי טאָג האָט זי געעפֿנט אַ פּעקעלע, און פֿון דאָרטן אַרויסגענומען פּאָלקעס אוןביילעך פֿון אַ הון. ווען איך האָב געהאַלטן אין עסן, איז מיר דער ביסן געבליבן שטעקן אין קעל.

מיין מאַמע האָט מיר דערמאָנט, אַז אין באַקוי האָט זי אויסגעהאָדעוועט אַ הינדעלע, וואָס האָט זיך צוגעקליאַנטשעט צו מיר מער ווי די אַנדערע עופֿות. עס פֿלעגט עסן פֿון מיינע הענט, מיר לויפֿן אַנטקעגן, ווען איך בין געקומען אַהיים. בקיצור, דאָס הינדעלע איז געווען אַ „בן־בית" ביי אונדז. ווען זי האָט אויספֿאַרקויפֿט פֿאַרן אָפּפֿאָרן די שטובּיקע זאַכן און די עופֿות, האָט זי דאָס הינדעלע איבערגעלאָזן, כּדי מיר זאָלן האָבן וואָס צו עסן אויף דער באַן.

עס דערמאָנט זיך מיר, ווען איך בין געווען אַ קינד פֿון אַ יאָר זעקסזיבן, האָט די מאַמע מיר געשיקט מיט אַ הון צום שוחט. ס'איז געווען מיין ערשטער וויזיט ביי אים. נאָך היינט זע איך פֿאַר מיר ר' געצל דעם שוחט מיט בלוטפּלעקן אויפֿן פֿאַרטעך, אויף די הענט און אַפֿילו אויפֿן בערדל. די יאַרמעלקע אויף דער פּאַטילניצע, דאָס פּנים פֿאַרשוויצט און די אויגן גלאַנצן ביי אים ווי ביי אַ גזלן, און אין קאַמער טראָגט זיך אַ כאָרכלעריי פֿון צענדליקער ניט־דערקוילעטע עופֿות. איר הערט, רבותי, נאָך דעמאָלט האָב איך געוואָרפֿן אַן אומחן, הן אויפֿן שוחט, הן אויף דער אינסטיטוציע,

וואָס הייסט „שחיטה״. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ „צער־בעלי־חיימניק״, כאָטש איך האָב ניט געוווּסט דעם פּשט דערפון.

איר פאַרשטייט דאָך שוין, אַז ניט דעמאָלט און ניט איצט, האָב איך זיך צוגערירט צום הינדל. נאָר דאָס דערציייל איך אײַך אַגבֿ־אורחאדיק. אפשר וועל איך אָנכאַפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל...

נאָך אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד האָט מיר די מאַמע דערציילט:

רומעניע, כּידוע, ווערט בײַ אונדז אָנגערופן „עמלק־לאַנד״. גלייבט מיר, ס'איז נישט קיין אומזיסטער עפּיטעט, בײַ יידן האָט זיך גוט אײַנגעקריצט אין זיכּרון דער חומשדיקער עמלק. ער איז דאָך געווען דער ערשטער שׂונא, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אונדז בעת אונדזערע עלטערן זײַנען אַרויס פון מצרים. אַ היפּש ביסל אַכזריותן האָבן די רומענער אַרויסגעוויזן צו יידן נאָך פאַר דער היטלער־ערא, פונדעסטוועגן האָט מײַן מאַמע, ע״ה געפונען אַ סך חסדים אויף די רומענישע פּויערים, וואָס זי האָט געקאַנט. די מאַמע האָט מיר דערציילט, וואָס איר מאַמע, ד״ה מײַן באָבע, האָט איר דערציילט: זי האָט געוווינט אין אַ דאָרף. די שכנים האָבן זיך באַצויגן ווויל און פרײַנדלעך צו איר. מיט אַ מאָל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עמיצער האָט זי באַגנבֿעט. מען האָט צוגעגנבֿעט שטיבזאַכן. דער חשד איז געפאַלן אויף אַ געוויסן שייגעץ. בקיצור, מ'האָט געכאַפּט דעם חברה־מאַן. ער האָט געהאַט אויף זײַן קאָנטע נישט איין פאַרברעכן. ווען מ'האָט אים געבראַכט פאַר דער באָבען, האָט זי אים דערקאַנט, אָבער זי האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. און דאָ איז געשען אַ מאָדנע זאַך. דער גנבֿ האָט זיך מודה געווען. מ'האָט אים שפּעטער, לויט די אַמאָליקע רומענישע געזעצן אויפגעהאַנגען אויפן באַלקן פון הויז. די מאַמע, דערוויסנדיק זיך פונעם אורטייל, האָט עס איר זייער געקרענקט. אַזאַ האַרבע שטראָף האָט זי נישט דערוואַרט און נישט געוואָלט. זי האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט ווען מען האָט אים אַראָפּגענומען פון שטריק, ווײַל זי האָט געוווּסט פונעם פּויערישן דלות, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט פון נחת האָט ער עס געטאָן. זי איז געווען, דער עיקר, גערירט וואָס ער האָט צוגעגעבן זײַן שולד, משמעות ער האָט זיך געפילט „פאַרשעמט״ פאַר דער יידישער שכנה...

זי פלעגט הערן, ווי די גלחים רייצן דאָס פּראָסטע פאָלק. ווי זיי טראָגן אום אין די חגאות יעזוס־בילדער, פון זײַן גוף גיסן זיך שטראָמען בלוט, און די שולדיקע זײַנען די יידן, פאַרשטייט זיך...

מיר האָבן דורכגעמאַכט די לאַנד־רעוואָלוציע פון די פויערים אין 1907. מיט צוויי יאָר פריער איז אַן ענלעכע זאַך פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, אויך אין רומעניע האָט מען צוגעזאָגט גרויסע גליקן דעם פאָלק. ווען ס'האָט זיך איינגעשטילט מיט דער האָפענונג אויף לאַנד־רעפאָרמעס, האָט מען די פויערים צוגעטיילט אַנשטאָט די צאָל פאַרלאַנגטע שטחים ערד, פונקט אַזאַ צאָל שמיץ. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין מיטן העלן טאָג, בפני כל עם ועדה...

כ'מיין, איך פאַרשפּאָר צו דערציילן, רבותי, אַז די פויערים האָבן שפּעטער נקמה גענומען אין די פריצים אויף אַ גרויזאַמען אופן. מ'האָט נעמלעך געבערענט און חרוב געמאַכט גאַנצע פריצישע הויפן, און פיל פון יענע לייט האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס...

אַזוינע בילדער זיינען אונדז אויך באַקאַנט פון אַנדערע פויערישע אויפשטאַנדן אין אייראָפּע.

גוטע צען טעג האָט געדויערט די יאַזדע מיט דער שיף. נישט איין מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זיינען פאַרלאָרן געוואָרן אויפן גרויסן, אומענדלעכן אוקיינוס, און וועלן שוין מער ניט באַטרעטן די יבשה. מ'האָט זיך גענוג אָנגעמאַטערט און מען איז אויסגעשטאַנען ווינטן און שטורעמס, ביז מיר האָבן דערלעבט צו זען די וואונדערלעכע סטאַטוע פון פרייהייט מיט איר אויסגעשטרעקטער האַנט מיטן פאַקעל. דאַרף מען דען, פאַר ייִדישע אימיגראַנטן שילדערן, וואָס עס הייסט „קעסל־גאַרדן" און די וואונדערלעכע אינסטיטוציע, „האַיאַס"? די שילוחים, ווי אמתע מכניסי־אורחים, דרייען זיך אַרום צווישן די מחנות וואַגלער און זוכן ייִדישע פּנימער. עס ווערט היימלעך אויפן האַרצן, ווען מע פילט, אַז עמיצער זאָרגט פאַר אייך. מיר האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, ניט געניי̈טיקט אינעם „האַיאַס", אויף אונדז האָט געוואַרט דער טאַטע.

אונדזער ערשטע דירה, ווער קאָן זי פאַרגעסן? זי האָט זיך געפונען אויף דער ערשטער עוועניו און ערשטער גאַס. אָבער ביז מיר זיינען געקומען אַהין, האָבן מיר דאָך געדאַרפט אָפּפאָרן אַ שטיק ניו־יאָרק אויפן עלעוויי־טעד, אויף אַ צוג, וואָס טראָגט זיך איבער דעכער. קיין סך האָב איך זיך ניט אָנגעזען. מיין געמיט איז אי געווען דערפרייט מיט זען דעם טאַטן דעם ברודער און שוועסטער, אי געווען באַדריקט, וואָס נישט נאָר פרעמד האָט אויסגעקוקט צו מיר דער אַרום, נאָר אויך מיין צוקונפט איז געווען פאַר מיר פאַרהילט. וואָס וועל איך טאָן אין אָט דעם גרויסן כרך?

בקיצור, ס'איז געקומען די צייט צו זוכן אַ תכלית פאַר מיר. מיין טאַטע האָט געקאָנט אַ פּאָר לאַנדסלייט בענצי און פיליפּ אייזענבורג, וואָס האָבן

אין אַמעריקע געאַרבעט אין אַ שאָפּ פֿון קראַוואַטן און שניפּסן. כּדי צו לערנען אַט דעם פֿאַך, האָט זיך געפֿאָדערט אַ דערלויבעניש פֿון דער „יוניען”, און ווען מ׳האָט זי געקראָגן, האָט מען געדאַרפֿט אײַנצאָלן אַ פֿינף־און־צוואַנציקער און דערצו נאָך אָפּאַרבעטן צוויי וואָכן אומזיסט. נו, איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און בין מיט דער צײַט געוואָרן אַ גוטער אָפּרייטער בײַ ”נעק־טייס”. היות, ווי איך האָב געהאַט לאַנגע פֿינגער, וואָס טויגן זיך אויס פֿאַר אָט דער מלאָכה, בין איך געוואָרן איינער פֿון די שנעלסטע בעל־מלאָכות און האָב גאַנץ נישקשהדיק פֿאַרדינט...

ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז נישט בלויז אויף ברויט אַליין לעבט דער בן־אָדם. האָב איך גענומען זוכן אויך גײַסטיקע שפּײַז. מײַן ערשטער ווי־זיט אין געווען אין דער ריווינגטאָנער שטאָט־ביבליאָטעק. דאָרטן בין איך געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער. און אין איין שיינעם טאָג, (אַלע גוטע זאַכן טרעפֿן, ווי געוויינטלעך, אין „שיינע טעג”) האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בוך מיטן נאָמען „לא תרצח” פֿון איינעם אַ פֿרענקל. ווער דער מחבר איז, האָב איך ניט געוווּסט. אָבער דאָס בוך האָט מיך פֿאַראינטערעסירט. איך בין בלויז דערגאַנגען, אַז דער אויטאָר איז אַ רבֿ. דער אינהאַלט האָט צו טאָן מיט וועגעטאַריזם. וואָס דאַרפֿט איר חכמות, הגם די אידעע איז ניט קיין פּאָפּולערע, בין איך פֿון איר פֿאַרכאַפּט געוואָרן. מיר איז גוואַלדיק גע־פֿעלן געוואָרן די געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט. אין יענע נאַיווע יאָרן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער נאָמען „מ ע נ ט ש” האָט נאָך געקלונגען גרויס, האָט אַ יונגערמאַן אין מײַנע יאָרן (איך בין אַלט געווען צוואַנציק יאָר) זיך ניט געקענט ווינטשן קיין שענערן אידעאַל, ווי שלום אויף דער וועלט, ברידערלעכקייט צווישן מענטשן און פֿעלקער, און ר ח מ נ ו ת פֿאַר יעדן בעל־חי.

ווען איך בין געקומען אַהיים און געלאָזט וויסן קאַטעגאָריש, אַז איך עס מער ניט קיין פֿלייש, קאָנט איר זיך שוין פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ רושם מײַן דעקלאַראַציע האָט געמאַכט אויף מײַן משפּחה? מײַן מאַמע האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט, אַז זי האָט געהערט פֿון מיר אָט די „משוגעת”, ווען מיר זײַנען נאָך געפֿאָרן קיין אַמעריקע. מײַן טאַטע, בטבע אַ שטילער, האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר שטיל געזיפֿצט. מײַן שוועסטער האָט מיר געגעבן בלויז זעקס חדשים צײַט, און איך וועל זיך צוריקכאַפּן צו „סטייקס” און „לעם טשאָפּס” און דאָס זעלביקע אויך — מײַן ברודער.

איך גיב צו, רבותי, אַז ס׳איז מיר ניט אָנגעקומען גרינג מײַן נײַער דרך אין לעבן... אַ סך יונגעלײַט האָבן אין יענער צײַט דאָס געפּרוּווט טאָן

און האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם ניסיון. איך קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ס'איז ניט געווען, דאַכט זיך, קיין איין אינטעליגענטער יונגערמאַן, וואָס האָט ניט גענוצט די „צער־בעלי־חיים"־דיעטע כאָטש ווען עס איז. קורץ און ווויל, איך בין געבליבן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן אַן ענטוזיאַסטישער וועגעטאַריער.

וועט איר דאָך פֿרעגן, רבותי, אַ פּשוטע פֿראַגע: מילא, אַז מען איז אַליין, ניט פֿאַרהייראַט, גיט מען זיך אַן עצה, וואָס טוט אָבער אַ יונגערמאַן, אַז ער וויל אויפֿשטעלן אַ פֿאַמיליע? דער צווייטער צד האָט דאָך אויך אַ דעה! איז הערט אַ מעשה:

אינעם זעלביקן שאַפּ, ווו איך האָב געאַרבעט, האָט זיך געפֿונען אַ מיטל־יאָריקע פֿרוי מיטן נאָמען פֿרומעט. איר עובֿדה איז געווען צו איבערקערן די קראַוואַטן און שניפּסן אויף דער אַנדערער זייט. אויף שאַפּ־לשון הייסט עס אַ „טוירנעריןי". האָט זיך איר פֿאַרוואָלט אויך צו ווערן אַ שדכנטע. זי האָט געהאַט אַ קוזינע אַזוינס און אַזעלכעס. האָט זיך, אַט די פֿרומעט, צוגעטשעפּעט צו מיר, ווי אַ קלעשטש, איך זאָל זיך באַקאָנען מיט איר. מיין קאָפּ איז מיר דעמאָלט געלעגן ביי ביכלעך, ביים איבערקערן די וועלט, ביים ברענגען די גאולה, איך האָב זיך געגרייסט, וואָס איך, אַ וועגעטאַריער, בין אין דער זעלביקער געזעלשאַפֿט ווו עס זיינען גאַנדי, טאַגאָרע, קאַרל סווידענבורג. עפּעס האָבן פֿרומעטס רייד מיר געקלונגען דעמאָלט זייער פּראָזאַיִש. איז זי זיך מיישב — אויב איך וויל ניט קומען צום באַרג, וועט דער באַרג קומען, ווי אין פּסוק שטייט, צו מיר.

איין טאָג איז אין שאַפּ אַריינגעקומען אַ יונג מיידל פֿון אַן אויסערגע־וויינטלעכן אויסזען. מיט אַן איידעלן פּנים און חנעוודיקע אויגן. איך האָב ניט געדאַרפֿט לאַנג טרעפֿן. דאָס איז געווען די ק ו ז י נ ע. איך וועל איַיך אויסזאָגן אַ סוד: אָט דאָס מיידל האָט מען געקאָנט אויך צורעכענען צו יענע דערמאָנטע טרוימערישע אידעאַלן. איך בין פֿון איר פֿאַרכאַפּט געוואָרן, ווי גרויס איך בין געווען. איך בין שוין ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר. איך האָב זיך געפֿילט העכסט גליקלעך, ווען זי האָט איינגעשטימט מיט מיר זיך צו טרעפֿן . . .

פֿרומעט האָט מיך מער ניט געדאַרפֿט אונטערשטופּן צי מונטערן. איך האָב זיך געטראָפֿן מיט העלענען כמעט יעדן טאָג. אַזוי דריי יאָר נאָך אַנאַנד. מיר האָבן געמוזט אָפּלייגן די חתונה, ווייל פֿון אַלע מיינע „גרויסע" פֿאַרדינסטן וואָלט ניט געקלעקט פֿאַר צוויי, און געוואָלט האָט זיך לעבן באַ־

קוועם און געבן מײַן באַשערטער, ווי דאָס ווערטל גייט „דאָס טעלערל פֿון הימל!"

איך האָב געטראָגן דעם מאַנטל, וואָס איך האָב נאָך געבראַכט פֿון דער היים, און בכלל זײַנען מײַנע בגדים נישט געווען פֿון אַ הויכן גראַד, און דאָ פֿאַרבעט מיך מײַן כלה צו זיך אין הויז אַרײַן, און איך דאַרף זיך ווײַזן פֿאַר אירע עלטערן, פֿאַר איר משפּחה. איך בין געגאַנגען ווי אַ פֿאַרמשפּטער און — גאָט צו דאַנקען — אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די חתונה זאָל פֿאָרקומען דעם זעקסטן יאַנואַר ניינצן הונדערט און זיבעצן. עס געדענקט זיך מיר אַפֿילו די גאַס, יאָ, יענע גליקלעכע געשעעניש האָט מען געפּײַערט אין „מאַנהעטן־האָל" אויף דער פֿערטער גאַס, צווישן צווייטער און דריטער עוועניו. אַוודאי איז די צערעמאָניע דורכגעפֿירט געוואָרן כּדת משה וישראל, אָבער מײַנע עלטערן האָבן נישט געטרויט די „קייטערער", און האָבן מיטגעבראַכט פֿון דער היים אַ פּעקעלע מיט כּשרע שפּײַז. נאָך אַ טשיקאַווע זאַך איז בײַם חתונה־טיש פֿאַרלאָפֿן. אין מיטן עסן ווערט מיט אַ מאָל אַ קלאַפּערײַ אין טיש, און אַלע־מענס בליקן זײַנען געווענדט צו מיר און צו העלענען. מיר קוקן זיך איבער, און ווי אמתע „גרינע" פֿאַרשטייען מיר ניט דעם מיין פֿונעם טומל. ערשט שפּעטער ווערן מיר געוווויר, אַז ס'איז אַן אַמעריקאַנער אײַנפֿיר, ווען די געסט קלאַפּן, פֿאָדערן זיי דערמיט, אַז חתן־כּלה זאָלן זיך צעקושן. מילא הײַנט, איז אַ קוש בײַם יונגוואַרג, צי בײַם אַלטוואַרג — אַ וואָכעדיקער ענין, אָבער דעמאָלט האָט מען ניט געקענט פּועלן בײַ זיך אויף אַזאַ ווולגאַרן שריט, און צו וואָס לייקענען? מיר האָבן עס טאַקע ניט געטאָן...

און אַז איך דערמאָן שוין קוריאָזן, וועל איך שוין דערציילן נאָך איינעם: זײַן טאָג פֿון דער חתונה איז גראָד אויסגעפֿאַלן אַ גרויסער שניי. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון אַלע שטעט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער שניי אויף ניו־יאָרק. קעגן אָוונט האָט גענומען פֿרעסטלען. בײַ ייִדן ווערט באַטראַכט פֿאַר אַ שלעכטן סימן, ווען מען לייגט אָפּ אַ חתונה. מיר זײַנען געווען זיכער, אַז אַחוץ די סאַמע אייגענע, וועט זיך קיינער ניט לאָזן זען. צום סוף איז גראָד געקומען אַ גרויסער עולם.

בײַם גיין אַהיים, האָבן זיך ערשט אַרויסגעוויזן די שוועריקייטן: מ'האָט געדאַרפֿט אַראָפּגיין מיט דרויסנדיקע שטיגן. און די שטיגן זײַנען געווען גליטשיקע. דער ערשטער קרבן איז געווען דער חתן, דאָס הייסט, איך טאַקע אַליין. איך האָב זיך אַראָפּגעקײַקלט נישט ווי אַ פּאָס, נאָר ווי אַ שוואַרצע קלאָץ, מײַן פֿרוי האָט מיך נאָכגעפֿאָלגט. פֿון אויבן האָט מען געלאַכט, זיך

געוויצלט, אַז מירביידע, ערשט נאָך דער חתונה, האָבן שוין געהאַט אַ דורכפאַל. און ווען די לאַכערס און אָפּשפּעטערס האָבן זיך געלאָזט צו די שטיגן, איז דאָס זעלביקע געשען מיט זיי. פּרומעט, וואָס איז געווען פונעם פּעטלעבביקן שבת, האָט מען געמוזט אַרויפליייגן אויף אַ מין שטופּוועגעלע און איר מאַן יאָסל ראַכמאַן האָט איר אַזוי אַהיים געפירט...

גלייבט מיר, רבותי, יענער ווינטערדיקער טאָג האָט זיך גוט איינגעקריצט אין מײַן זיכּרון, אין מײַן האַרצן, אין מײַן גאַנצן לײַב און לעבן. איך האָב אָפּגעלעבט מיט אַט דער פרוי, ווי איר וועט זען אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען, אַ וואונדערשיין און אידיליש לעבן. און דעמאָלט גייענדיק איבער די פאַרשנייטע און פאַרפראָרענע ניו־יאָרקער גאַסן מיט אַרויפגעטאָנענע שמאַטעס אויף אונדזערע קאַלאָשן, כּדי מיר זאָלן זיך מער ניט אויסגליטשן, האָבן מיר גאַרניט געפילט דעם פראָסט און דעם שניי.

הײַנט, ווען איך טראָג שוין דעם שניי אויף מײַן קאָפּ, איז אָנגענעם זיך צו דערמאָנען, ווי אַזוי איך האָב אָנגעהויבן מײַן פאַרהייראַט לעבן. ניין, ס'איז דעמאָלט, אין דער חתונה־נאַכט ניט געווען קיין נאַכט, נאָר אַ לויטערע זון איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר און פאַר מײַן פרוי. מיר האָבן דעמאָלט, גייענדיק אַהיים, אויסגעלייגט אונדזערע פּלענער, בעסער געזאָגט, אויסגעפאַנטאַזירט אונדזער נײַעם וועג אין לעבן... אַ סך פון די פאַנטאַזיעס זײַנען געוואָרן רעאַליטעטן, און מיט זיי וועל איך זיך טיילן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען...

# פערטער קאַפּיטל

## צער גידול בנים

דאָס ערשטע קינד וואָס איז בײַ אונדז געבאָרן געוואָרן איז געווען אַ מיידעלע. זי האָט געהייסן חנהלע, אַ נאָמען נאָך מײַן באָבען פֿון טאַטנס צד. איר קומען אויף דער וועלט איז געווען פֿארבונדן מיט אַזוי פֿיל ציטעריקער פֿרייד, מיט צאַרטער דערוואַרטונג, ווי געוויינטלעך בײַ עלטערן — דאָס ערשטע קינד. ס'איז באמת געווען עפּעס מער, וואָרעם אָט דאָס נפֿשל איז דאָך געווען א פּראָדוקט פֿון אונדזער גרויסער ליבע, פֿון אונדזער אויסגע־בענקטן צוזאַמענלעבן. מיר האָבן זיך געשפּיגלט אינעם מיידעלע. איר יעדע מינעלע, תּנועהלע, האָט געהאַט בײַ אונדז אַלע חנען. מיר זײַנען, אָפּט, נעכט ניט געשלאָפֿן און געוואַכט איבער איר ווי איבער דעם טײַערסטן אוצר. איר הערט, רבותי, איך בין שוין הײַנט אַ ייִד, ווי זאָגט מען עס, אין די יאָרן, נאָר איך קען דאָס קינד ניט פֿאַרגעסן עד היום הזה. פֿאַר די דרײַ און אַ האַלבן חודש, וואָס זי האָט געלעבט אויף אונדזער זינדיקער ערד, האָט זי זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיכרון, אין מײַן לײַב און לעבן, וואָס דאַרפֿט איר חכמות? מיר האָבן דעמאָלט פּשוט געאָטעמט מיטן מיידעלע. יעדן טאָג האָבן מיר, די יונגע טאַטע־מאַמע, זי באַוווּנדערט, זי געריימט פֿאַר אייגענע שכנים, צעטראָגן אומעטום וועגן איר גרויסער „חכמה", וועגן אירע אַנסופֿיקע מעלות, בקיצור, נאַרישע, נאַרישע עלטערן!...

און אָט פּלוצעם, פֿון דער העלער הויט, איז דאָס באַליבטע נפֿשל, די ילדת־שעשועים, קראַנק געוואָרן און איז — געשטאָרבן. אַפֿילו הײַנט, ווען איך שרײַב די שורות, פֿיל איך אַ ציטער דורכגיין דורך מײַן חוט־השדרה. דרײַ און פֿערציק יאָר זײַנען אָפּגעלאָפֿן פֿון יענער צײַט און — עס פֿאַרגעסט זיך ניט. ווי מיר האָבן דעמאָלט געפֿילט, קענט איר אַרויסזען פֿון דער פֿאָלגנדיקער אויסטערלישער האַנדלונג.

צו דער לוויה פונעם קינד זײַנען געגאַנגען זיידע־באָבע פון בײדע צדדים. פעטערס, מומעס, אין קורצן — די גאַנצע פאַמיליע, אַחוץ — איר הערט? די עלטערן. מיר ביידע, מײַן פרוי און איך, זײַנען געווען אַזוי נידערגעשלאָגן, אַזוי צעבראָכן, אַז ווען מיר וואָלטן געזען ווי מען לאָזט אַראָפּ אונדזער אוצרל אין דער דאָזיקער קאַלטער ערד, וואָלטן מיר בפועל־ממש אויסגעגאַנגען פון צער און אַבֿלות. מילא, אונדזערע אייגענע האָבן „פאַרשטאַנען" אונדזער האַנדלונג, אָבער די זײַטיקע... נו, בעסער ניט צו רעדן. מיר האָבן אויס־געקוקט אין זייערע אויגן, ווי ברואים פון אַן אַנדער פּלאַנעט. אמת, איך האָב געזינדיקט קעגן די אָנגענומענע רעליגיעזע טראַדיציעס. אָבער קיין רעליגיעזער ייִד אינעם ענגן זין, בין איך, ווי איר האָט שוין באַמערקט, קיין מאָל ניט געווען. נאָר גיי טענה זיך אויס מיט אַ „וועלט" מיט מענטשן...

הגם איך האַלט ניט פון „יזכור", כ'מיין אַ באַשטימטן טאָג פאַר דעם צוועק, האָב איך אָבער אָפּגעהיט מײַן קינדס געדעכעניש אַלע יאָרן. און מיט אָט דעם קאַפּיטל, וואָס איך הייליק איר, ווערן פאַראייביקט מײַנע געפילן צו איר אַזוי צו זאָגן „לעולם־ועד"...

נאָר שײַך צו זאָגן אויסטערלישע פּירונגען. אָט צינד איך אָן, למשל, יעדן פרײַטיק אָוונט, ליכט לכּבֿוד מײַן מוטערס אָנדענק. עס דערמאָנט מיר, ווי זי האָט אויפגעראַמט אונדזער הויז לכּבֿוד שבת. צוגעדעקט דעם טיש מיט אַ ווײַסן טישטעך און די פרישע געבאַקענע קוילעטשן מיט אַ ווײַסער סער־וועטקע. ווי זי....

דאָס לעבן, ווי איר ווייסט שוין, רבותי, פון אייגענער דערפאַרונג, גייט ווײַטער אָן. און ווען מײַן זון, משה, איז געקומען אויף דער וועלט, האָב איך זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט קינדער־דערציִונג. איך האָב באמת דע־מאָלט געפונען אַ זין אין לעבן. עפּעס אַ שפּילעכל אויפצובריינגען נײַע דורות! וואָרעם מיט קאַרגע צוויי יאָר שפּעטער, איז געבאָרן געוואָרן מײַן צווייטער זון, מרדכי, און אין נײַן יאָר אַרום האָט מיך מײַן פרוי באַשאָנקען מיט אַ טאָכטער, וואָס מיר האָבן גערופן: האָדל־רבֿקה.

זײַענדיק אַ פאָטער פון דרײַ קינדער איז כּידוע, זייער אַ פאַראַנטוואָרט־לעכער ענין. דאָס קליינוואַרג דאַרף דאָך באַזוכן אַ „סקול". אויף דער ייִדישער גאַס האָבן זיך אומגעטראָגן, ווי ווינטן, פאַרשיידענע לאָזונגען. איבער ייִדישע מוחות האָבן דעמאָלט געהאַט אַן אײַנפלוס די ראַדיקאַלע באַוועגונג אינעם געשטאַלט פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם און אַנדערע איזמען. דער שרײַבער פון די שורות איז פאַרכאַפּט געוואָרן, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, פונעם אַנאַרכיזם. יאָהאַן מאָסט, אַלעקסאַנדער בערקמאַן און עמאַ

גאָלדמאַן זײַנען געוואָרן מײַנע אַפּאָסטאָלן, און די „פֿרײַע אַרבעטער שטימע" מײַן באַליבסטע צײַטונג. היות, ווי די „פֿערער־באַוועגונג" איז געווען אַ נאָענטע קרובֿה פֿון מײַן „איזם", האָב איך באַשלאָסן צו געבן מײַנע קינדער אַ דערציִונג אין דער סטעלטאָנער שול. ווי איר געדענקט מסתמא, איז דער מאָטאָ פֿונעם גרויסן לערער פֿערער געווען — „אַ פֿרײַע פֿריילעכע קינדהייט פֿאַר אונדזערע קינדער".

ווען אַלץ איז שוין בײַ מיר און בײַ מײַן פֿרוי געווען אָפּגעמאַכט צו שיקן די קינדער קיין סטעלטאָן, האָבן מיר זיך געכאַפּט אויף אַ וויכטיקן „פֿאַרזען", נעמלעך, אַז דאָרטן וועלן די קינדער דאָך נישט קריגן קיין ייִדישע דערציִונג. אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! צוליב דעם וואַלד האָבן מיר פֿאַרזען די ביימער! שיקן די קינדער אין אַ תּלמוד־תּורה איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט געווען לויט אונדזער געשמאַק. איז געבליבן זיי אָפּצוגעבן אין אַ ייִדיש וועלטלעכער שול, וואָס האָט זיך צו יענער צײַט גענומען ווײַזן אויף דער ייִדישער גאַס.

ווי מיר דערמאָנען זיך, זײַנען די ערשטע שולן געווען „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע", שפּעטער זײַנען אויפֿגעקומען די אַרבעטער־רינג־שולן, און אין דער צײַט פֿון דער קאָמוניסטישער בהלה, האָט זיך געשאַפֿן אַ ריס נישט נאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, נײַערט, אויך אין די א"ר־שולן. אין דער שפּיץ פֿון די „לינקע" שולן איז געשטאַנען דער באַרימטער שריפֿטשטעלער און פּעדאַגאָג יעקב לעווין. דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אָפֿיציעל האָבן זיך די ערשט דערמאָנטע לערן־אַנשטאַלטן גערופֿן „אומפּאַרטייִשע". און אָט דער נאָמען האָט מיך בפֿירוש צוגעצויגן. און איך האָב ניט נאָר געשיקט מײַנע קינדער אַהין לערנען, נאָר מיר, מײַן פֿרוי און איך, זײַנען געוואָרן איבערגעגעבענע און טרײַע טוער דאָרטן.

איך האָב געוווּסט, ווי אַ סך אַנדערע טוער, אַז אונדזער קליינוואַרג וועט נישט נוצן דאָס ייִדישע לשון אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אַז ס'וועט ניט רעדן צווישן זיך ייִדיש. אָבער מיר האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל קאָנען אונדזער שפּראַך. און אויב אומשטאַנדן, אָדער דער שטאַרקער ווילן, וועלן דערלויבן, זאָל ייִדיש ווערן, אויב נישט די ערשטע, איז לכל־הפּחות, זייער צווייטע שפּראַך. צוריק געשמועסט זײַנען געווען בשעתו, פּונקט ווי ס'זײַנען דאָ אַצינד, הונדערטער יונגע־לייט און מיידלעך, היִ־געבאָרענע, בײַ וועמען ייִדיש איז אַ גאָר היימישער ענין, וואָס איז זיי ליב און טײַער. ס'איז באַוווּסט דעם שרײַבער פֿון די שורות פֿון אַ סך אויסגעוואַקסענע קינדער, וואָס רעדן צו זייערע עלטערן אויף אונדזער שפּראַך, זײַנען אַפֿילו געוואָרן לערער און

שרײַבער אויף אַט דעם לשון. אמת, ס'איז אַ שווערע „הלכה", אָבער וואָס איז יאָ גרינג אין אונדזער ייִדישן לעבן?

ליידער, קאָן איך זיך באַרימען מיט אַזאַ דערפֿאָלג בײַ מײַנע קינדער. זיי האָבן געקאָנט לייענען, שרײַבן און רעדן ייִדיש, און — שוין. מײַן פֿרוי איז געשטאַנען שטענדיק אויף דער וואַך, זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרשפּילן און זײַן אין צײַט צום לערנען. זיי זאָלן נישט פֿאַרנאַכלעסיקן אַפֿילו איין טאָג אין שול. איר הערט, רבותי, ווען מען זאָל מיך פֿרעגן, וועלכע צײַט פֿון מײַן לעבן איך באַטראַכט פֿאַר דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער, וועל איך אָן קווענקלענישן ענטפֿערן, די צײַט ווען איך האָב געווידמעט די שולן. ריכטיק, מען איז דעמאָלט געווען ייִנגער, ענערגישער. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ! ס'האָט דעמאָלט געוואָרעמט דאָס האַרץ אַ גרויסער אידעאַל — אַ ייִדיש וועלטלעכע דערציִונג פֿאַרן יונגן דור! איך בין געווען אַרומגענומען פֿון אַ גרויסער באַגײַסטערונג, ווען איך האָב געזען, ווי מען טײַטשט אויס פֿאַר אונדזערע ווײַסע חבֿרהניקעס די ייִדישע געשיכטע, די ייִדישע ליטע־ראַטור. ווי פֿון די יונגע, צאַרטע ליפּן זינגען אַראָפּ די נעמען פֿון אונדזערע קלאַסיקער, דאָס ווונדערלעכע ייִדישע קינדערליד...

אַט די התלהבֿות האָט מיך געוואָרעמט אין די גרעסטע ניו־יאָרקער פֿרעסט. איך האָב דעמאָלט, אין נײַנצן דרײַסיק, באַזוכט אין די אָוונטן אַ סך ייִדישע היימען אין בראָנזוויל, צו באַווירקן די עלטערן זיי זאָלן אָנפֿאַרטרויען זייערע קונדסים צו אונדז. גלייבט מיר, רבותי, ס'איז נישט געווען קיין גרינג שטיקל אַרבעט. נישט נאָר בין איך אַליין געווען מיד און אויסגע־שעפּט פֿון אַ טאָג שווערער אַרבעט אין שאָפּ, נאָר איך האָב דאָך גערעדט צו פּונקט אַזוינע מיזאַמע מענטשן ווי איך בין געווען. נאָר ווי גייט דאָרטן דאָס תּלמודיש ווערטל: „דבֿרים היוצאים מן הלבֿ נכנסים אל הלבֿ!... מײַנע רייד האָבן אָפֿט, זייער אָפֿט געווירקט.

ס'זײַנען אויך געווען כּידוע, גרויסע אַנטוישונגען. נישט נאָר מצד עלטערן און קינדער, נאָר מצד די דעמאָלסדיקע לינקע מושלים. איין בייזן, ווינטער־דיקן טאָג, האָט די ערשטע דערמאָנטע חבֿרה „קאָנפֿיסקירט" די „אומפּאַר־טייִישע" שולן. מיט אַנדערע ווערטער, זיי אָפּן דערקלערט פֿאַר אייגענע. ווי אומעטום און אַלע מאָל האָבן זיי צו ערשט געשאָטן זאַמד אין די אויגן מיט שיינע, שמן־זיתדיקע לאָזונגען וועגן „אייניקייט" און „אומפּאַרטייִיש־קייט". און ווען זיי האָבן אַרײַנגעקראָגן די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט, זײַנען אַלע שיינע רייד פֿאַרגעסן געוואָרן...

צווישן די פֿאַרשידענע טיפֿן שול ווו איך בין געווען טעטיק, האָט זיך אויך געפֿונען די שול אויף 647 וויאַנאַ סט. אין איסט ניו־יאָרק, אין ברוקלין. די לערערין, ליזאַ ראָטשטיין, און געווען אַן אידעאַליסטישער מענטש. איך פֿלעג אָפֿזיצן שעהען אין אירע קלאַסן און שטיל באַוווּנדערן איר לערנען. ס׳איז געווען אָנגענעם צו אָבסערווירן די קעגנזײַטיקער באַציִונג. איך וועל זיך ניט שעמען און דאָ גלײַך צוגעבן, אַז איך האָב אַ סך געלערנט פֿון אָט דער יונגער פֿרוי. איבערהויפּט איז מיר, פֿאַרשטייט זיך, געפֿעלן געווען דער לעצטער קלאַס. דאָרט האָט מען שוין געקאָנט מערקן דעם אָנגעזאַמלטן (באַשיידענעם) וויסן בײַ די שילערס. און אָט געפֿין איך אויס, אַז מײַן באַליבטע שול איז אויך אַריבער אין „זייערע" הענט...

קורץ און שלעכט. ס׳איז געקומען צו אַ ברוך אין דער לינקער שול־באַוועגונג. די אמת אומפּאַרטייִשע מיט יעקב לעווינען בראש האָבן דעמאָלט געגרינדעט עטלעכע שולן און זיי געפֿירט לויטן פֿריִערדיקן לערן־פּראָגראַם. מיר האָבן ממשיך געווען די אַרבעט מיט מער אָנשטרענגונג און אַמביציע צו באַווײַזן בײדע צדדים, די „רעכטע" און די „לינקע", אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אָרט פֿאַר אומפּאַרטייִשע שולן.

אָט אין יענעם פּעריאָד פֿון ייִאוש און האָפֿענונג, האָט מיך אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן מײַן פֿרוי העלען. איך דערמאָן זי אַצינד בײַם שרײַבן אָט די זכרונות מיט גרויס בענקשאַפֿט, מחמת זי איז שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. מײַן פֿרוי און חבֿרטע איז געווען פֿון יענעם מין מענטשן, וואָס נעמט אויף אַ נײַע אידעע בלבֿ־ונפֿש. זי האָט פֿאַרמאָגט אַ סך איידלקייט און טיפֿע פֿרײַנדשאַפֿט. זי איז געווען בטבֿע אַ חסידה, מײַן חסידה. און וואָס מיר איז טײַער און ליב געווען, איז עס איר אויך געוואָרן. מאָלט אײַך, אײַנצופֿירן אין הויז, אין דער באַלעבאַטישקייט, וועגעטאַריזם, איז נישט פֿון די גרינגע זאַכן, וואָרעם די הויפּטאַרבעט און זאָרג פֿאַלט דאָך אויף דער באַלעבאָסטע, הײַנט, דאָס וויסן ווי צו אַראַנזשירן די מאַכלים, זיי זאָלן זיין אי נאַרהאַפֿט, אי געשמאַק, פֿאָדערט זיך אַ סך אײַנפֿאַלערישקייט און געדולד. זי, העלען, האָט עס געטאָן אָן טענית, אדרבה, זי איז געוואָרן אַ ליבהאָבערין און אַ פֿאַרערערין פֿון דער, לויט מײַן מיינונג, וווּנדערלעכער אידעע. זי האָט אויך געטיילט מײַן פּאַסיפֿיסטישן קוק אויפֿן לעבן, און אַוודאי און אַוודאי מײַן באַציִונג צו ייִדישער דערציִונג. אונדזערע קינדער האָבן נישט נאָר געענדיקט די עלעמענטאַר, נאָר אויך די מיטלשול. זי האָט אײַנגעהיט זייערע אויסצייכענונגען, זייערע ייִדישע באַריכט־קאַרטלעך, זייערע שולביכלעך און העפֿטן

און די דיפּלאָמען. אָט די „קליינינקייטן" זיינען פון איר אָפּגעהיט געוואָרן, ווי אמתע אוצרות...

אָט די דערמאָנטע איינשטעלונג, וואָס מיין פרוי האָט אַזוי האַרציק איבערגענומען, האָט זי אַרויסגעהויבן און העכער געשטעלט פון די שכנות און סתם ווייבער. זי האָט זיך דערזען אין דער ראַליע, נישט בלויז פון אַ מוטער, נאָר אויך פון אַ דערציִערין, און ס'איז ביי איר געוואָרן אַ ווונטש, נאָך מער, אַן אַמביציע, אויסצוהאָדעווען אונדזערע קינדער אינעם זעלביקן גייסט, מיט רחמנות צו יעדן בעל־חי, מיט ליבע צו שלום און מיט דרך־ארץ צום מענטשן! איך דערלויב זיך דאָ אויפצודעקן אַ שטיקל „סוד", רבותי, וואָס איז פאַר יעדן בר־דעת קיין סוד נישט, נעמלעך, אַז מיר, פשוטע בשר־ ודמס, זוכן זיך צו פאַראייביקן אינעם לעבן פון אונדזערע קינדער. און סיי דאָס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, און סיי דאָס וואָס איז געבליבן בלויז אַ חלום ביי אונדז, זאָל ממשיך זיין און קריגן אַ תקומה אין די וויטערדיקע דורות". מען קאָן עס באַטראַכטן פאַר ריינעם „עגאָיזם" נאָר הלוואי אַזאַ עגאָיזם אויף אַלע עלטערן. וואָס פאַרא שענערע און בעסערע וועלט מיר וואָלטן דעמאָלט געהאַט!

שאַ, קעגן וואָס האָב איך געמאַכט די דאָזיקע באַמערקונג? ס'איז נישטאָ, דאַכט זיך, קיין גרעסערע פרייד פאַר עלטערן, ווי צו הערן דיין אייגן קינד רעדן דיין אייגן לשון. וויפל היימישקייט און אינטימעס ס'ליגט דערין! עס באַהעפטן זיך נשמהדיק דורות. און ווי איז, אַז דו רעדסט און מען ענטפערט דיר אויף דער לאַנדשפּראַך, פילסטו זיך שאָקירט און אַפילו אַ ביסעלע באַ־ליידיקט און — פרעמדלעך... און עס באַפאַלט דיר אַ שרעק, אַז מיט דיר האָט זיך אַלץ געענדיקט. כאַפּט דיך אַרום אַ פאַרדראָס און אַן עקשנות און פאָדערסט דוקא, אַז דיין קינד זאָל דיר נישט אָפּזאָגן, און ווי דער לעגענדאַ־רער משה, וואָס פאָדערט וואַסער פון שטיין און קריגט עס, אַזוי אויך דו, הגם דו ביסט נישט קיין משה, און דיין קינד איז, חלילה, נישט קיין שטיין. עס נעמט רעדן יידיש, ווייל געלערנט האָט עס דאָך און קאָנען קאָן עס דאָך. הייסט עס, אַז מיט אַ ביסל עקשנות קאָן מען עס דערגרייכן.

איין מאָל, דערמאָנט זיך מיר, בין איך געגאַנגען מיט מיין עלטסטן יינגל, משהלע, אין גאַס. מיר האָבן געדאַרפט באַגעגענען זיין מאַמען ביי אַ פריינד. דעם גאַנצן וועג האָלט ער מיר אין דערציילן פון זיינע יינגלשע איבערלע־בונגען, פון פאַרשיידענע געשעענישן. און איך שוויג, איך רעאַגיר נישט מיט אַ וואָרט. דאָס יינגל קוקט אויף מיר מן הצד. ער וויל דערגיין, צי בין איך אויף אים ברוגז, צי מיך אינטערעסירן בכלל נישט זיינע רייד.

מיט אַ מאָל בליצן אויף זײַנע אייגעלעך, ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס מיר קוועלט. און צו מײַן דערשטוינונג, נעמט ער רעדן ייִדיש. אמת, ס׳קומט אים ניט אָן גרינג, אָבער וואָס ווײַטער ווערט זײַן לשון אַלץ פֿליסיקער, און מיר הייבט אָן אַזש צו חידושן פֿון וואַנען האָט זיך בײַ אים גענומען אַזאַ וואָרט־אוצר? הייסט עס, עס איז געלעגן בײַ אים אין די חדרי חדרים אומגענוצט.

איך האָב זיך אָנגעבויגן צו אים און אים אַ קוש געטאָן און באַמערקט:

„איך האָב צוריק געפֿונען מײַן זון...!

נ. ש. דייוויס, זיין פרוי העלען און זיינע קינדער
משה, מרדכי און האָדל

זיידע-באָבע מיט די אייניקלעך

# פינפטער קאַפּיטל

## מיין פרוי העלען

מײַן פרויס משפּחה שטאַמט פון שלום אַשס שטעטל קוטנע, פּוילן. ס׳איז אַ שטעטל, הייסט עס, מיט אַ נאָמען אין דער יידישער וועלט. אַוודאי האָט העלען שטאָלצירט, וו.ּס די איז אַ בת־עיר פונעם באַרימטן שרײַפטשטעלער.

איר פאָטער, דוד גראָס, איז געווען אַ סוחר, ער האָט געהאַנדלט מיט מעל. ער האָט אויך געהאַט אַ בעקערײַ, אגבֿ, אַ גרויסער טייל פון דער פאַמיליע זײַנען געווען בעקערס. דוד גראָס האָט געהאַט פיר זין און דרײַ טעכטער. זײַן פרוי, העלענס מאַמע, רייזל, האָט געוואַכט איבער אירע קינדער, ווי אַ קוואָקע איבער אירע הינדעלעך. בקיצור ס׳איז געווען איינע פון יענע יידישע פאַמיליעס, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אַרבעטזאַמקייט, ערלעכקייט און מיט זייער „צער גידול בנים!" אין אַמעריקע האָט דוד גראָס ממשיך געווען זײַן היימישע מלאָכה. מיט אַנדערע ווערטער, ער איז געווען אַ בעקער. די אַרבעט איז, כּידוע, אַ שווערע. מ׳איז פאַרטאָן אַ גאַנצע נאַכט און בײַ טאָג איז, ווי געוויינטלעך, שווער צו שלאָפן אינעם ניו־יאָרקער טומל און הור־האַ. אַרײַנגעפאַלן איז ער אין הויז, ווען אין דרויסן האָט שוין געגומען שאַר:ען אויף טאָג, אַ מעליקער, אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, און איז אַוועקגעפאַלן אָפּט אין די קליידער אויפן געלעגער...

דוד גראָס האָט לאַנג נישט געקענט אָנצ:ען אונטער אַזוינע אומשטאַנדן. ער איז אַוועק פון דער וועלט אין עלטער, דאַכט זיך, פון פינף און פופציק יאָר. לויט מײַן פרויס רייד, איז ער איז דער היים געווען אַ פרומער, געטראָגן אַ באָרד, געדאַוונט יעדן טאָג און אין שעהען פון רו, אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר. ער איז געהאַט אַוועקגעפאָרן פר:ער מיט אַ טייל קינדער. ווען העלען איז מיט דער מאַמען אָנגעקומען אין דער „גאָלדענער" מדינה, האָט זי אין „קעסל־גאַרדן" נישט דערקענט דעם טאַטן. ער איז שוין געווען אין גאַנצן אַמעריקאַניש. ס׳איז אויף זײַן אויסגעצערטן פּנים נישט געבליבן

קיין צייכן פֿון אַ באָרד. און אין זײַן לשון האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ סך היגע ווערטער...

ווען איך האָב באַטראַכט העלענס פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אירע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע, האָב איך געזען אַ ווונדערלעך שלאַנק מיידל. אמת, זי האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ סך חן און אַזאַ שטילן ייִדישן אומעט, וואָס איז, אַגבֿ, בײַ איר פֿאַרבליבן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און אָט די יונגע פֿרוי האָט זיך, צו מײַן פֿרייד, פֿאַראינטערעסירט מיט די אידעען און אידעאַלן, וואָס זײַנען מיר געווען ליב און טײַער. איך בין זיך מודה, אַז פֿונעם טאָג אָן, וואָס איך האָב באַגעגנט מײַן קינפֿטיקע פֿרוי, בין איך צוגעזאָטן געוואָרן צו איר. איך האָב געקוקט אין אירע גוטע אויגן, און געפֿילט ווי אַ פֿרייד גייט אויף אין מײַן האַרצן, אַז מיר זײַנען אַ זיווג מן השמים, אַז מיר זײַנען געמיינט איינס פֿאַרן אַנדערן...

ס'האָט איר ניט גענומען לאַנג זיך צו באַקאָנען מיט מײַנע „משוגעתן” און זיי איבערנעמען. ווער קאָן האָבן, צום בײַשפּיל קעגן פּאַציפֿיזם? אַלע חלומען פֿון אַ וועלט אָן מלחמות, אָדער פֿון אַ צײַט, ווען פֿעלקער וועלן לעבן ווי ברידער אין איין גלאָבאַלער משפּחה? צי ווער קאָן אויסזעצן קעגן דעם געדאַנק, אַז אונדזערע קינדער און אַנדערע ייִדישע קינדער זאָלן קריגן אַ מאָדערנע, וועלטלעכע דערציִונג אין דער ייִדישער שפּראַך? אָדער נעמט אַ שטייגער אַזאַ זאַך ווי יוניאָניזם, וועמעס האַרץ וועט זיך ניט פֿרייען צו זען, ווי אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס פּראַצעווען לאַנגע שעהען אין שוויצשעפּער און פֿאַרדינען וואַסער אויף קאַשע, ווערן אָרגאַניזירט און נעמען לעבן אַ מער אָנשטענדיק און חשובֿ לעבן? און וועלכער מענטש מיטן מינדסטן פֿאַרשטאַנד וועט זיך ניט אינטערעסירן און ניט הנאה האָבן פֿון אַ פֿײַנער לעקציע וועגן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם?

אמת, איך לייקן נישט. אַוודאי זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע, נאָר נישט מײַן העלען. זי האָט מיט אַ מין אײַנגעבאָרענער אינטעליגענץ אויפֿגענומען אָט די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן. אָבער איך האָב געהאַט (און האָב) נאָך אַן „אײַדעע פֿיקס” — וועגעטאַריזם! לאַכט נישט, רבותי! בײַ מיר, ווי בײַ אַנדערע חסידים פֿון אָט דעם „צער בעלי חיים”־געדאַנק, איז עס אַ וויכטיקער ענין...

איך קען מיך נישט פֿאָרשטעלן אַ וועלט, אויף וועלכער עס הערשט שלום ושלווה, עקספּלאָאַטאַציע איז אָפּגעשאַפֿט, די סאָציאַלע אָרדענונג איז באַזירט אויף יושר און גערעכטיקייט, דער שטאַט איז אַן עסק פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, טאָלעראַנץ און דעמאָקראַטישע פֿירונג זײַנען געוואָרן שטריכן פֿון מענטשלעכן כאַראַקטער, אַז אין אַזאַ אָרדענונג זאָל דער מענטש, די

קרוין פֿון באַשאַף, זיך דערנערן מיטן פֿלייש פֿון אונדזערע פֿרײַנד — די שטוביקע פֿי און עופֿות.

איר וועט זאָגן, רבותי, איך זאָל אַקאָרשט צוװאַרטן ביז יענער גליק־לעכער צײַט, און דעמאָלט אָנהייבן צו פּראַקטיצירן וועגעטאַריזם. ווייסט איר דאָך אַליין, אַז, ראשית, פֿון רעדן און וואַרטן אַלייך, איז נאָך אַ זאַך נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. והשנית, ווען יעדער יחיד זאָל אויסקערן זײַן אייגן ביסל מיסט, פֿאָלקסטימלעך גערעדט, וואָלט דאָך געווען אַ ר י י נ ע וועלט!

בקיצור, מײַן העלען האָט אויך דעם ענין ו ו ע ג ע ט אַ ר י ז ם אויפֿ־גענומען מיט יענעם פֿײַנעם, אײדעלן זשעסט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריס־טיש געווען פֿאַר איר. זי, אַ יונגע באַלעבאָסטע, האָט זיך גענוג דעם קאָפּ געדרייט צונויפֿצושטעלן אַ מאָלצייט כּדת גאַנדי און טאָלסטוי. איר הערט, רבותי? פֿאַרנדיק יעדן טאָג צו דער אַרבעט, האָב איך אין געדאַנק „גע־רעדט" צו מײַן פֿרוי — כ'וויס, אַ מין סאָרט „טעלעפּאַטיע", מ'שטיינס גע־זאָגט, און זיך געבעטן בײַ איר, זי זאָל, חלילה, ניט אויפֿגעבן, ריכטיקער, ניט מיד ווערן פֿון דער עובֿדה, וואָס איך האָב אַרויפֿגעלייגט אויף איר, וואָרעם, איך האָב זיך אָפּט געפֿילט שולדיק קעגן איר. קאַרג דאָגות און צרות האָט זי, נעבעך, אָן מיר, מיט אָפּקאָכן, בײַ יענע באַדינגונגען, אַ לײַ־טישן מאָלצײַט, דאַרף איך נאָך באַשווערן מיט אַ ס פּ ע צ י ע ל ע ר דיעטע?

אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן קומענדיק אַהיים און דערזעענ־דיק די בריהשקייט פֿון מײַן אשת־חיל. נישט נאָר האָב איך געפֿונען אַ ציכ־טיק זויבערע היים, מיט ציכטיק ריינע קינדערלעך, נאָר אויך אַ פֿײַן צו־געגרייטן מאָלצײַט און טאַקע לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿון וועגעטאַריזם. בײַ מיר האָט די דאָזיקע פֿרוי געווונען אַ ל ע וועלטן! אַך, איך דערמאָן אָט יענע יאָרן מיט בענקשאַפֿט, מיט נאָסטאַלגיע...

דער שאַפֿ, די ענגשאַפֿט, די לאַנגע שעהען, דאָס שלעפּן זיך הין און צוריק מיט דער סאָבוויי, וויפֿל צער און עגמת־נפֿש דער טאָג האָט געבראַכט פֿאַרן אַרבעטסמענטשן! אָבער אין דער היים האָט מײַן העלען מיר געמאַכט אין דעם אַלעמען צו פֿאַרגעסן. זי איז ניט נאָר געווען פֿרוי און מוטער, באַלעבאָסטע און ווירטין, נאָר אויך און טאַקע דער ע י ק ר — אַ חבֿרטע! אַ לעבנס־פֿרײַנדין! פֿאַר וועמען מע קאָן זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן. מיט וועמען מען קאָן זיך האַלטן אָן עצה, און בײַ וועמען מ'קאָן קריגן מוט און אויסדויער פֿאַרן שווערן מאָרגנדיקן טאָג.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זי, ווי אַ מאַמע פון דריי קינדער, פאַר־לאָרן אַ סך פון איר בייגיקייט און שלאַנקייט, אָבער איר גוטסקייט און האַרציקייט, האָט זי קיין מאָל נישט אַנגעוואָרן. איך האָב נאָך אַלץ ליב גע־האַט צו קוקן אין אירע גוטע, קלוגע אויגן. איר מאַמעדיקייט האָט מיך שטענדיק גערירט ביז טרערן. וויפל איך זאָל ניט שטאָלצירן מיט מיינע קינדער מיט זייער איבערנעמען ביי מיר מיין קוק אויפן לעבן, מיין פילאָ־סאָפיע. זייערע גרונט־מעלות האָבן זיי געקראָגן פון זייער מאַמען...

מיין העלען איז געווען אַ פשוטע פאָלקספרוי. זי האָט נישט געלייענט קיין ביכער. און די אַלע וויכטיקע טעאָריעס, וואָס זי האָט געהערט פון מיר, און אין די ענינים וואָס זי האָט געטאָן, זיינען געווען — איך בין ניט געגנאַרט ביי זיך — מיר צוליב. נאָר מיט דער צייט, האָט זי זיך צוגע־וווינט צו זיי, און זיי זיינען איר נאָענט געוואָרן, און זי האָט דערפילט אין זיי אַ טעם, אַ זין. נעמט טאָקע מיין „שוואַכקייט" צו וועגעטאַריזם. צו ערשט, האָט זי, ווי איר מאַמע, מיך באַטראַכט פאַר אַ „טשודאַק", וואָס קריכט אויף די גלייכע ווענט, רחמנא לצלן. ס'האָבן דעמאָלט געקישעט אויף דער איסט־סייד מיט פאַרשידענע „קולטן": נאַטוריזם, קולטיזם, וויגעניזם און אַנדערע „איזמען". מען האָט באַגעגנט פאַרשוינען פאַרוואַקסענע, מיט לאַנגע קודלעס, מיט צעווילדעוועטע בערד, מיט צעכראַסטעטע העמדער, און אַלע האָבן געטענהט, אַז זיי, נאָר זיי, האָבן דעם גאַנצן אמת. איז עפּעס געווען אַ חידוש, אַז מ'האָט מיך אויך פאַרדעכטיקט אין אַן „איינגערעד־טער קרענק"? מיין גוטע העלען האָט שוין מער נישט געקענט קוקן אויף פלייש. זי האָט שוין מער נישט געקענט פאַרשטיין, ווי מען קאָן זיין אַזוי „באַרבאַריש" און נוצן יענעמס לעבן כדי אויפצוהאַלטן דאָס אייגענע.

דאָס פאַרלירן דאָס ערשטע קינד, אַ מיידעלע — ווי שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל — האָט איבערגעלאָזן אין איר אַ בענקשאַפט נאָך אַ מיידעלע. געקומען איז גראָד אַ יינגעלע, און נאָך אים ווידער אַ בן־זכר. זי האָט אַ שטיק צייט זיך אומגעטראָגן מיט אַ שרעק, אַז מיטן צווייטן קינד וועט געשען דאָס זעלביקע ווי מיטן ערשטן. און ווען אונדזער משהלע איז אַלט געוואָרן זעקס חדשים, איז צו איר פרייד נישט געווען קיין גרענעץ. זי האָט געהאַט פאַר זיך אַ פּראָגראַם, ווי צו דערציִען אירע קינדער. אַוודאי האָט זיך נישט אַלץ איינגעגעבן, ווי געוווינטלעך אינעם לעבן פון אַ מענטשן. אָבער אָט דער זון אונדזערער איז דאָך געוואָרן דער שטאָלץ פון דער מישפּחה. און הגם איך וועל האָבן וועגן אים אַ באַזונדער קאַפּיטל, איז אָבער וויכטיק צו מאַכן דערווייל כאָטש אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן אים.

הײַנט איז משה געהילף־פּראָפעסאָר פון אַסטראָנאָמיע און דירעקטאָר פון דעם „אי. בי. עם." קאָמפּיוטינג־צענטער פון יעיל אוניווערסיטעט. ווען מיר פלעגן פאָרן אים באַזוכן, האָט זיך מײַן פרוי געפילט אין אַ יום־טוב־דיקער שטימונג. איר האַרץ האָט געפלאַטערט מיט שטאָלץ: אַ קליינינקייט. נעכט נישט דערשלאָפן, טעג זיך געמוטשעט און דערצויגן, דורך צער און אָרעמקייט, אַ זון צו גאָט און צו לײַט! ס'איז בײַ איר געווען אַ זכיה צו האָבן אַזאַ זון...

אויך וועגן מײַן צווייטן זון, מרדכי, וועל איך האָבן אַ באַזונדער געשריפטס, און דאָס זעלביקע וועגן מײַן טאָכטער, האָדל־רבֿקה. נאָך אַכט לאַנגע יאָרן פון וואַרטן איז זי געקומען די געגאַרטע און באַגערטע. ס'איז שווער זיך אַרײַנצוטראַכטן אינעם געפיל פון עלטערן, פאַר וואָס גראָד עס האָט זיך געבענקט אַזוי שטאַרק נאָך אַ מיידעלע. עס מוזן, מסתמא זײַן, נישט איין סיבה. דאָס ערשטע קינד ווערט באַטראַכט ווי אַ רעזולטאַט פון נעם גרויסן צובונד, טיפער צערטלעכקייט און שטאַרקער ליבע, וואָס מאַן און פרוי האָבן איינס צום אַנדערן. און ווען דער מלאך־המוות רײַסט אַוועק דאָס ערשטע קינד בײַ אַזוינע עלטערן, בלײַבט בײַ זיי אַ דערדריקנדיק געפיל, ווי מ'וואָלט אַנגעגריפן אויף דעם סאַמע טײַערסטן און הייליקסטן אין לעבן. ס'בלייבט אַפילו אַ שרעק, אַז דער גאַנצער בנין, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט מיט אַזוי פיל אידעלער מי, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, און נאָר דעמאָלט, ווען דער שיקזאַל פאַרגיטיקט, זאָל זײַן שפּעטער, מיט אַן עופּהלע פונעם זעלביקן מין, קאָן זיך די וווּנד פאַרהיילן.

אָך, מײַן פרוי! מײַן פרוי! וואָס ווייסט איר, רבותי, וואָס דאָס מיידעלע האָט געמיינט פאַר איר. זי האָט ממש אויפגעלעבט. זי האָט אַרײַנגעטײַטשט אינעם דאָזיקן נפשל אַלע גוטע כוונות. זי האָט געזען אין איר, אַז איר צעשאָקלטע „פעסטונג" איז צוריק שטאַרק און פעסט געוואָרן: דאָס מיידעלע איז פאַר איר געוואָרן אַ טרייסט און אַ ה אָ פ ע נ ו נ ג. זעלטן צו זען אַ מאַמען, וואָס זאָל אַזוי זאָרגן וועגן איר קליינוואַרג. נאָך מער! אויב אירע קינדער ווערן דערצויגן מיטן אַן אומווילן צו פלייש, מיט אַן ע ט י ש ן צוגאַנג צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש, ווי זשע קאָן זי דערלאָזן זיי זאָלן „ברעכן" אָט דעם פאַרזאָג, ווען זיי קומען אויף באַזוך צו אייגענע? האָט העלען געאַרבעט מעשים, מע זאָל אירע קינדער נישט אונטערשטופּן קיין „פאַרבאַטענע" שפּײַז. מיינט נישט, אַז דאָס איז געווען אַ גרינגער ענין. אַדרבה, שטעלט אײַך פאַר אַזאַ בילד: די באָבע, העלענס מוטער, האָט אַ סטייק אויף דער פּײַערפּאַן פאַרוואָרפן מיט רינגעלעך ציבעלע, און דער ריח פונעם גע־

בראָטענעם פֿליש קיצלט ביי אַלעמען די נאָזלעכער. אַלע טוען זיך אַ כאַפּ צו גאָפּל־מעסער. און אונדזער קליינוואַרג דאַרף ביישטיין דעם נסיון! מילא, מיר, מיין פֿרוי און איך, קען מען שוין מיט אַזוינע „לאַקאָמקעס״ נישט אַריינגאַרן, אָבער קונדסים? איך האָב געקוקט אויף מיין דריילינג און — אַנגעקוואָלן! דער טאַטע האָט געפּלאַנצט און די מאַמע, זאָל לעבן, האָט גע־שטאַרקט די וואָרצלען. און אַט זיצן זיי — עסן פֿרוכט, קעז, גרינס, און גאָט צו דאַנקען, זיי האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען...!

און נישט נאָר ביי דער באָבען איז אויסגעוואַקסן די פּראָבלעם פֿון „אכילה״. ביי אַלע קרובֿים און אַפֿילו סתם באַקאַנטע, וואָרעם די נאַטור פֿון אַ מענטשן איז, אַז מען דערשנאַפּט, איינער איז אַנדערש, האָט אַן אַנ־דערן דרך, וויל מען אים אַריינשלעפּן אין דער סטאַדע, מען קען נישט פֿאַר־טראָגן קיין אויסנעמען. דערמאָנט זיך, ווי גויישקע קינדער האָבן אייך גע־שטופּט מיט גוואַלד זייער חזיר־קאַלבאַס און ווען? גראָד אום יום־כּיפּור, ווען איר זייט נאָך אַליין אַ קינד געווען.

אָך, יענע צייטן, די שווערע גרינע יאָרן! מה־דאָך אויף אַ דורכשניט־לעכער דיעטע האָט זיך געפֿאָדערט ממתּקים, היינט נאָך אויף אַ ספּעציע־לער. איז טאַקע געווען ביטער...

אין דער צייט פֿון דער דעפּרעסיע. קיין אַרבעט אין די שעפּער איז נישט געווען. מ׳האָט זיך געוואָרפֿן, ווי ס׳ווערטל גייט, ווי אַ פֿיש אין וואַ־סער, וואָס זאָל מען טאָן? מען דאַרף מפֿרנס זיין אַ פֿרוי מיט דריי קינדער. בקיצור, איז מיר איינגעפֿאַלן דער „געניאַלער״ איינפֿאַל, מיט וועלכן אַ ל ע אַרבעטסלאָזע האָבן זיך אומגעטראָגן, צו עפֿענען, נעמלעך אַ „קענדי־סטאָר־קע״. היות, דאָס הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, איז געשטאַנען אויף אַ ראָג גאַס, איז עס דאָס סאַמע פּאַסיקטע אָרט פֿאַר אַזאַ צוועק.

מיין העלען איז געוואָרן די גאַנצע סוחרטע, און איך האָב זיך אומגעע־שלעפּט צו זוכן אַ „דזשאָב״ ביי מיין פֿאַך, דאָס הייסט, אין די קראַוואַטן־און שניפּסן־פֿאַבריקלעך. זי האָט, נעבעך, געאַרבעט עבֿודת־פּרך. געזאָרגט וועגן די קינדער. געזען, זיי זאָלן באַזוכן די ״פּאַבליק־סקול״ און די יידישע שול, געקאָכט, גענייט, געוואַשן, געראַמט. איר הערט, רבותי, אַפֿילו איצט, ווען איך שרייב אָט די שורות, רייסט מיר דאָס האַרץ אויף איר. ווו האָט זי־ גענומען די כּוחות ביישטיין אַזוי פֿיל שוועריקייטן?

מיין פֿרוי, די אשת־חיל, איז דאָך באמת געווען די י י ד י ש ע פֿרוי פֿון יענע גרינע יאָרן. די וווּנדערלעכע פֿרוי פֿון דער יידישער מאַסן־אי־מיגראַציע, וואָס האָט געהאָלפֿן שלעפּן דעם יאָך פֿון פּרנסה. דאָ האָט זי

געהאַלטן אַ פולע שטוב מיט „באָרדערס" און געוואַשן פרעמד וועש, און דאָרט האָט זי, בײַנאַנד מיטן מאַן געשקלאַפט אין שאַפ. דאָס זײַנען דאָך געווען די מאַמעס, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ דור פון ייִדישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פראָפעסאָרן און שריפטשטעלער אין אַמעריקע. הײַנט, ווען איך גיי איבער די גאַסן פון דער ייִדישער מיאַמי־ביטש און זע זיי, אײַנגעבויגענע, אײַנגעשרומפּענע, מיט דער זיקנה אין די אויגן און אויף זייער גאַנצן געשטאַלט, נעם איך אין געדאַנק אַראָפּ מײַן היטל פאַר זיי. איך זע אין זיי, מײַן העלען, מײַן ליבע, אומפאַרגעסלעכע העלען...!

קורץ און גוט. איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט, ביז כ'האָב פאָרט געפונען אַ שטעלע. דערווייל האָט זיך די לאַגע געביטן צום בעסערן. רוזוועלט האָט איבערגענומען די ממשלה. ס'האָבן געבלאָזן ווייען פרישע און ב ײַ ע ווינטעלעך. מען האָט זיך פלוצעם דערמאָנט, ווי רוזוועלט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פ אַ ר ג ע ס ע נ ע ם מענטשן. אַמעריקע האָט זיך אַ רודער געטאָן! די יוניענס האָבן דערפילט אַ שטאַרקן כּוח אין זיך. מ'האָט גענומען אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע. דער אַרבעטער האָט דערפילט זײַן חשיבות, זײַן ווערדע. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען — די זון! אַז די וועלט, וואָס ער האָט געשאַפן, וואָס ער האָט געבויט, איז זײַנע, געהערט צו אים! ער האָט גענומען פאָדערן העכערע שכירות, קירצערע אַרבעטס־שעהען. אַ נײַע ערא האָט זיך אָנגעהויבן אין לאַנד!

איך האָב אויפגעגעבן מײַן „סטאָרקע" און באַפרייט מײַן פרוי פון איבעריקער אַרבעט. וואָרעם צוריק געשמועסט, וואָס פאַר אַ קרעמער בין איך, צי אַפילו מײַן פרוי? ווער האָט עס צײַט זיך אָפּצוגעבן מיט פאַרקויפן פעדיקע קלייניקייטן? אַ ייִדישע שול־באַוועגונג קומט אויף אין אַמעריקע מיט צענדליקער און אַפילו מיט הונדערטער שולן איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון לאַנד. מע דאַרף האָבן מאַמעס, וואָס זאָלן באַלאַנגען אין די עלטערן־פאַראייגען, וואָס זאָלן זאָרגן פאַר זייער אויפהאַלט. מע דאַרף באַן לעקציעס, קאָנצערטן, אונטערנעמונגען, מען דאַרף שאַפן פינאַנצן פאַר זיי.

און מײַן פרוי, מײַן העלען, איז געוואָרן, באַגלייך מיט מיר, אַן אַקטיווע טוערין, זי האָט מיט פרייד אָוועקגעגעבן איר פרײַע און נישט־פרײַע צײַט פאַר דעם צוועק. זי האָט געפילט, זי האָט קינדער, און די קינדער האָבן אַ מאַמען. איין שפראַך פאַראייניקט זיי און די זעלביקע אינטערעסן פאַרבינדט זיי.

די שבחים, וואָס איך האָב פֿריִער אָפּגעגעבן דער ייִדישער אימיגראַנ־טישער פֿרוי, נעם איך אוודאי ניט צוריק. אָבער איך מוז דאָ דערמאָנען אירע דעפֿעקטן, איבערהויפּט איינעם: זי האָט פֿאַרנאַכלעסיקט די י י ד י ש ע דערציִונג פֿון אירע קינדער. און ווען איך זע, ווי דאָס רובֿ פֿונעם יונגן דור האָט אַ טויבן אויער פֿאַר ייִדישע אינטערעסן און אידעאַלן, און איז נישט זעלטן אַפֿילו פֿײַנדלעך צו זיי, דערמאָנט זיך מיר דעם נבֿיאָס ווער־טער: „בנים גידלתי ורוממתי, והם פשעו בי"! אין דער הינזיכט איז מײַן העלען אויך געווען אַנדערש. זי האָט געגעבן אירע קינדער אַן אַלגעמיינע און אַ ייִדישע דערציִונג. דערפֿאַר בענטש איך איר אָנדענק...!

יאָ, העלען איז אויסגעוואַקסן אין דער צײַט פֿון דער שול־באַוועגונג. פֿריִער האָט זי, נישט־ווילנדיק, געליטן פֿון אַ שיפֿלות ־ קאָמפּלעקס. איך קום אַהיים מיט פּעק צײַטונגען, זשורנאַלן, ביכער. „טראָג אויף זיך" די גאַנצע וועלט. און זי? קיך, קינדער און ווײַב! ניין, זי האָט געשפּירט מיט אַלע חושים, ס'איז פֿאַר איר נישט קיין תּכלית אַזאַ לעבן. אמת, ס'האָט איר געשמייכלט, וואָס איר מאַן איז אַן „אינטעליגענט". און לויט דער אַנגענו־מענער מיינונג, איז פֿאַר אַ פֿרוי גענוג, אַז זי איז שיין, איז אַ גוטע באַ־לעבאָסטע און אַ גוטע מאַמע. די שול־אינטערעסן און טעטיקייטן האָבן זי, ווי ערשט דערמאָנט, דערהויבן און זי געשטעלט אויף איין פּאָזיציע מיט מיר.

נישט איין מאָל האָט זי אויסגעדריקט איר גליקזעליקייט פֿאַר מיר, וואָס זי, אַ פּשוט מיידל פֿון דער היים האָט אַזוי גוט אָנגעטראָפֿן, און גע־קראָגן אַ מאַן פֿון מײַן סאָרט. ס'איז נישט נאָר געווען אָנגענעם צו הערן אַזאַ קאָמפּלימענט, נײַערט איר השתּפּכות־הנפֿש האָט מיך גערירט. זי האָט מיט אַ פֿאַרשעמטקייט און באַשיידנקייט דערציילט, ווי איר פֿאָטער האָט געהאַלטן אַ גאַר שטרענגע אויפֿזיכט אויף זײַנע קינדער, דער עיקר, אויף די מיידלעך; ווי זי פֿלעגט זיך אַרויסגנבֿענען אין די שבת־בײַטאָגן, ווען ער האָט געכאַפּט אַ דרימל נאָכן טשאָלנט, און פֿאַרגיין מיט אַ חברטע אין וועלדל. אין וואָס פֿאַר אַ שמאָל און ענג וועלטל זי האָט עס דעמאָלט גע־לעבט! זי האָט אַפֿילו חלומען נישט געוואַגט, אַז זי וועט אַ מאָל זײַן אין דער פֿרײַער אַמעריקע און זײַן אַ מוטער פֿון דרײַ געראָטענע קינדער, און אַ פֿרוי און חברטע פֿון אַזאַ טײַערן מענטשן...

זי וואָלט נאָך געדעדט און גערעדט, נאָר מײַנע קושן האָבן פֿאַרדעקט אירע ליפּן. נאָך איצט הער איך אירע רייד. אין די שטילע בין־השמשותן, ווען דאָס האַרץ ווערט דערדריקט פֿון בענקשאַפֿט צו איר, האַלט איך צו־

געשלאָסן די אויגן און זע זי פֿאַר זיך, און פֿאַרנעם אירע ווערטער. זאָל דאָס טאַקע אמת זײַן, אַז מײַנע אָרעמע אויגן האָבן שוין נישט געזען איר ליב און טײַער געשטאַלט העכער דרײַ יאָר?

זי לעבט אין מײַן געדאַנק, אין מײַן נשמה. איך שפּאַציר מיט איר איבער גאַסן און פּאַרקן, באַזוך קאָנצערטן און לעקציעס. איך לייען פֿאַר איר בריוו, וואָס איך באַקום פֿון וויכטיקע מענטשן. זי איז אַנטציקט פֿון י. ב. שטיינבערגס און אַ. גאָלאָמבס בריוו צו מיר...

# זעקסטער קאַפּיטל

## מײַן „הימלישער" משה

מײַן עלטסטער זון, משהלע — אַ געזונט אויף זײַן קאָפּ — איז געווען פֿון קליינוויַיז אָן פֿאַרקוקט אין הימל. אײַ, דער הימל, דער הימל! וויפֿל קינדער און דערוואַקסענע האָט ער געלאָקט און פֿאַרלאָקט מיט זײַן אומ־ענדלעכער בלויקייט און גאָלדענער זון, מיט זײַנע געהיימנישפֿולע ווײַטע שטערן און פּלאַנעטן, מיט דער אײדל ציטעריקער בלאַסקייט פֿון דער לבֿנה, וואָס איין זײַט אירע בלײַבט שטענדיק פֿאַרהוילן אַפֿילו פֿונעם מאַכטיקסטן טעלעסקאָפּ...!

„ער וועט אויסוואַקסן בײַ אײַך אַ שטערנזעער!" — פֿלעגט גוטמוטיק חוזקן דער פּראָסטער „נאַראָד". „ער וואַקסט אַן אַסטראָנאָם!" — האָבן פֿאַרויסגעזאָגט די מער אינטעליגענטע שכנים.

מײַן משהלע איז שוין אין „פּאָבליק־סקול" געווען אַרײַנגעטאָן מיט לײַב און נשמה אין ביכלעך וועגן אַסטראָנאָמיע. אין הויז האָבן זיך אומ־געטראָגן די נעמען פֿון גאַלילעאָ און קאָפּערניק, גלײַך זיי וואָלטן געווען זײַנע שוועסטערקינדער. שוין גאָר יונג האָט ער דערקענט „יופּיטער" און „ווענוס", און אין „מילכוועג" איז ער געווען בקי ווי אַ ייִד אין אשרי. וואָס דאַרפֿט איר חכמות? דאָס ייִנגל האָט זיך געפֿונען, אין דער מחשבֿה, מער אין די הויכן ווי אויף דער ערד.

אים האָט איר נישט געקענט אײַנרעדן, ווי אַנדערע קינדער, אַז אויף דעם בלאָסן פּנים פֿון דער לבֿנה איז אָפּגעשפּיגלט משה רבינוס געשטאַלט. ווי קליין ער איז געווען, וואָלט ער אײַך דערוויזן, אַז די טונקעלע קאָנטורן אויף דער לבֿנה זײַנען ריזיקע קראַטערס, בערגקייטן, און אַז מען קען דאָרטן נישט לעבן, ווײַל דאָרטן איז נישטאָ קיין לופֿט, אַז בײַ טאָג איז דאָרטן משוגע הייס און בײַ נאַכט — ווילד קאַלט...

אָט דאָס פֿאַרשווינדל האָט איז די גאַכמיטאָגז אויך באַזוכט די ייִדישע שול, ווי שוין דערמאָנט אין אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל. דעמאָלט, רבותי, איז נאָך ניט געווען אײַנגעפֿירט, אַז די אָרעמע ייִדישע שול זאָל באַזאָרגן די קינדער מיט טראַנספּאָרטאַציע. ער האָט געדאַרפֿט אַ שפּאַן טאָן אַ מהלך פֿון אַ צוואַנציק מינוט גאַנג, שיין — צי מיאוס — דער טאָג הייסט עס, ער איז אין שול געווען! די מאַמע זײַנע איז געשטאַנען אויף דער וואַך און געהאַלטן אַן אויג אויף אים. צוריקגעשמועסט האָט אים די שול געצויגן צו זיך. דאָרטן איז ער נישט געלעגן, ווי אין אַ „סדום־בעטל", ער האָט געקאָנט אַרויסזאָגן זײַנע געדאַנקען פֿרײַ און אָפֿן. דער לערער איז אויך געווען חבֿר און פֿרײַנד. די פֿרײַנדשאַפֿט און חבֿרשאַפֿט* איז בײַ אים פֿאַרבליבן ביז אויף הײַנטיקן טאָג. בײַ זײַן זיבן־יאָריקן עלטער האָבן מיר אים געשיקט אין שלום־עליכם־קעמפּ נײַ־בויבעריק. מיר זײַנען מיטגעפֿאָרן מיט אים, מיט דער ערשטער גרופּע קינדער. דער פֿון אַלעמען באַליבטער, י. ד. בערקאָוויטש און זײַן פֿרוי האָבן דעמאָלט אָנגעפֿירט מיט דעם קעמפּ. אויך די קאַמינסקיס זײַנע דעמאָלט אויך געווען דאָרטן. מיר זײַנען געווען ממש אין זיבעטן הימל וואָס מיר זײַנען מיטגעפֿאָרן.

צום סאַמע ערשטן קאָנצערט זײַנען אויפֿגעטראָטן קינדער, וואָס האָבן שוין געהאַט באַזוכט שולן, מ'האָט אויפֿגערופֿן משהן און אים געהייסן זינגען. ער האָט שוין געהאַט אויסגעלערנט: „איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט, איך קום פֿון פֿריילעך לאַנד, ער איז אַ גוטער מוזיקאַנט, ער קומט פֿון פֿריילעך לאַנד; איך שפּיל זיסע לידער ווערדליק נאָך מײַן פֿײַפֿל, פֿײַפֿל פֿיו פֿיו... אאַ"וו". אין קעמפּ איז פֿאַר דער חבֿרה חי געלעבט, מע פֿאַרברענגט, מע הוליעט, מע לערנט און מען עסט. אָט דאָ בײַם עסן מוז איך אײַך עפּעס דערציילן, משה האָט געהאַט אָפּצוהיטן אַ דיעטע, אַ וועגעטאַרישע, געווען אין קעמפּ, דאַכט זיך, צוויי הונדערט און פֿופֿציק קינדער און ער איז געווען, דאַכט זיך, דער איינציקער וועגעטאַריער, אָבער ער האָט אַלץ אַריבערגעטראָגן. פֿאַרשידענע באַמערקונגען אַרום אים, אָבער ער — ס ט אָ ? ש. דאָס עפּעלע פֿאַלט נישט ווײַט פֿון ביימעלע.

אײדער איך פֿאַרענדיק וועגן זײַן ייִדיש לערנען, וויל איך אויך דערציילן עפּעס פֿון זײַן ענגלישער שול, אין דער „טאָמאַס זשעפֿערסאָן־הײַסקול", וווּ דער באַרימטער דיכטער ליבערמאַן איז געווען פּרינציפּאַל איז ער אויסגעקליבן געוואָרן צו זײַן דער „באַי־לידער". איינע פֿון זײַנע עובֿדות איז געווען צו עפֿענען דאָס טעגלעכע לערנען אינם הויפּטזאַל מיט אַ פּסוק פֿון

תנ"ך, ער האָט געהאַט די פּריווילעגיע אויסצוקלײַבן וועלכן פּסוק אים איז געפֿעלן.

און אָט קום איך איצט צוריק צו זײַן פֿאַרענדיקן דאָס ייִדיש לערנען. ער הייבט אָן גיין אין מיטלשול: אָפּט, זייער אָפּט פֿאָר איך מיט אים מיט. כ'האָב געוואַלטיק הנאה צו זיצן אין די קלאַסן און זיך אײַנהערן ווי ה. לייוויק דערציילט וועגן זײַנע סיביר־יאָרן. אין י. לעווינס קלאַס הער ווי ער דערציילט, אַז אין די יונגע יאָרן האָט ער שטודירט אויף אַגראָנאָם. ער האָט אויך פּראַקטיצירט וועגעטאַריזם אַ שטיק צײַט. (די לעצטע צען, אָדער מער יאָרן איז ער צוריק געקומען צו וועגעטאַריזם).

משה האָט גראַדויִרט די מיטלשול אין עלטער פֿון פֿערצן אַ האַלב יאָר, דאָס איז אַ צו פֿריִער עלטער. די לערערס האָבן זיך באַראָטן און באַשלאָסן זאָל מאַכן נאָך אַ צוגאָב־יאָר. ס'איז פֿאַר אים ניט גרינג געווען, ווײַל ער האָט באַדאַרפֿט פֿאָרן פֿון בראָנזוויל אַזש קיין האַרלעם צוויי טעג אַ וואָך. ער האָט אויסגעפֿאָלגט די לערערס, — און אויך מיך — און געמאַכט דאָס עקסטרע צוגאָב־יאָר און איז באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ צ ו ג אָ ב־ דיפּלאָם.

און אָט זיצן מיר אַ גרופּע עלטערן בײַ דער גראַדויִר־צערעמאָניע. באַקאַנטע ייִדישע שרײַבשטעלער גיבן איבער די דיפּלאָמען צו די תּל־מידים. מײַן משהן דערלאַנגט דעם דיפּלאָם דער הויכגעלערנטער לינגוויסט, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי. עס קאָלופּעט דעם מוח אַ פֿינצטער שדל: וועלן די חבֿרה געדענקען, וואָס מ'האָט געלערנט? וועט בײַ מײַן בחורל בלײַבן אײַנגע־קריצט דער הײַנטיקער יום־טובֿ? האָט זיך געלוינט די מי און די אַרבעט? וועט אויסוואַקסן אַ בעסערער ייִדישער דור?

קוקנדיק אויף צוריק, אָדער ווי עס הייסט אויפֿן הויכן לשון, רעטראָס־פּעקטיוו — קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן: יאָ, ס'האָט זיך געלוינט! ס'איז בײַ דער יונגוואַרג געבליבן די עסענץ, דער תּמצית פֿון די לימודים, דער קלימאַט פֿון די לימודים. ס'איז שווער, למשל, זיך פֿאָרצושטעלן אַ סטו־דענט, וואָס האָט געענדיקט די מיטלשול, ער זאָל נישט שטיצן און סימפּאַ־טיזירן מיט דער מאָדערנער ייִדישער קולטור, ער זאָל זײַן פֿײַנדלעך, חלילה, צו דער ייִדישער שפּראַך, אָדער זאָל ווערן רחמנא־לצלן, אַ סטרײַקברעכער — אָדער נישט אַרויסווײַזן אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די נויטן און אינטע־רעסן פֿון די אַרבעטער...

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אים, ווען ער האָט געאַרבעט מיט מיר אין שאַפּ, און אין די אָוונטן שטודירט אין „סיטי קאַלעדזש". אָט דער

װוּנדערלעכער בחור האָט אויף שריט און טריט אַרויסבאַװיזן, אַז ער איז מײַן זון, אַז ער איז אַ פּראָדוקט פֿון דער יידישער שול. זײַן אײדעלע באַנעמונג צום מיטאַרבעטער, זײַן מיטגעפֿיל, זײַן װעלן אַרויסהעלפֿן אין די הויז־הוצאות און זײַן שטרעבונג צו לערנען, צו שטודירן, צו דערגרייכן דעם הימל.

איך בין געפֿאָרן צו דער סטאַנציע אים אָפּנעמען: ס׳איז געווען פֿאַר מיר אַ נחת־רוח מיט אים צו רעדן. ער האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו אַ ספּע־ציעלן יוגנטלעכן, אַמאַטאָריש אַסטראָנאָמישן קלוב, וואָס איז געווען טעטיק אין „מיוזעום אָף נעטשורעל היסטאָרי". ער איז אויף ס׳נײַ געווען „פֿאַר־שטעקט" אין די הימלען. ער האָט געאָטעמט מיט די פּלאַנעטן און אַנדערע הימלשע קערפּערס...

נישט איין מאָל האָט געטראָפֿן, אַז ס׳האָט זיך געוואָלט פֿאַרשפּאָרן מײַן זון דאָס שלעפּעניש מיטן „סאָבוויי" אָדער „על", און איך בין פֿאַרפֿאָרן נאָך אים טאַקע צום „סיטי־קאָלעדזש". ס׳איז געווען אָנגענעם אויסצו־מישן זיך מיטן סטודענטישן יונגוואַרג. איר מוזט געדענקען, רבותי, אַז דאָס „נאַכטיקע" יונגוואַרג איז פֿון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע. ס׳איז אַ האָרעפּאַשנע יוגנט, בײַ טאָג איז עס, נעבעך, פֿאַרטאָן אין פֿאַרשיידענע טוּונגען, ס׳רוב שווערע און שלעכט באַצאָלטע און עס דאַרף נאָך אַרײַנכאַפּן אַ פּאָר שעה אויף צוצוגרייטן זיך מיט די לעקציעס פֿאַרן אָוונט. עס איז זעלטן אויסגעשלאָפֿן, און מחמת יעדע פּעני איז בײַ איר אויסגערעכנט, פֿאַרברענגט זי איר „געזעלשאַפֿטלעכע" צייט אינעם „לאָנטשענעט", צי „קענדי־סטאָרקע" אַרום קאָלעדזש. אָבער דער רעש און געפּילדער, דאָס האַווען און שמײַען פֿון אָט די אָוונטדיקע סטודענטן האָבן מיך שטענדיק געריירט. וויפֿל ווונדערלעכע פּראָפֿעסיאָנאַלן זײַנען שפּעטער אַרויס פֿון זיי! בײַ אַ סך פֿון זיי איז געבליבן אין זכּרון יענע יאָרן פֿון אַרבעט און לערנען, יאָרן פֿון שווערע נסיונות.

און מיט אַ מאָל, דאַכט זיך, נייטיקט זיך שוין משהלע מער ניט אין מײַן קומען אים אָפּצונעמען. ער איז „אויסגעוואָקסן"! ער קאָן שוין זײַן שטעטל אַליין באַשטיין! ער געפֿינט צײַט זיך צו פֿאַרווײַלן מיט מיידלעך, אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשײַנונג! אָבער מיר, די עלטערן, זיצן און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אים, וואָרעם ער מוז עס דאָך טאָן אויף זײַן „שלאָפֿ־צײַט", און ביז מיר דערלעבן אים צו זען אין הויז, קריכן אונדז די אויגן אַרויס...

בקיצור, משהלע האָט געענדיקט, גאָט צו דאַנקען, „סיטי־קאָלעדזש" מיט אויסצייכענונגען. און אויב מיר איז באַשערט געווען צו האָבן נחת פֿון אים, האָב איך עס דעמאָלט געהאַט מיטן פֿולן מויל. וואָרעם אין זײַן „טעזיס" האָט ער אויסגעדריקט זײַן גאַנצן „אני מאמין", וואָס איז פּאַק־טיש דאָך אויך מײַנער. ס'איז געווען פֿאַר אַלעמען אַ גוואַלדיקע איבער־ראַשונג, ווען ער האָט, אַ שטייגער, אַ שרײַב געטאָן: „מ'האָט מיך באַטראַכט פֿאַר גאָר אַ טשיקאַווע באַשעפֿעניש, ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ וועגעטאַריער... אָבער איך געפֿין זיך אין גוטער געזעלשאַפֿט, נישט ווײַל איך דאַרף זיך פֿאַרענטפֿערן... נאָך אַכט הונדערט יאָר פֿאַר דער איצטיקער צײַטרעכענונג, האָבן זיך מיט דער אידעע פֿון וועגעטאַריזם אָפּ־געגעבן גריכישע פֿילאָסאָפֿן און פּאָעטן..." און ער רעכנט אויס נעמען, וואָס באַשײַנען דאָס אַלטערטום. און ער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק אומגעפֿער אַזוי: „איז דאָס נישט מערקווירדיק, די ווילדע חיות, די בלוטדאָרשטיקע, פֿאַר וועלכע מיר האָבן מורא און וועלכע זײַנען אונדזערע — ווען הונגע־ריק — ממש דם־שונאים, זיי לעבן, און די שוואַכע, די הילפֿסלאָזע, אונ־דזערע קליינע פֿרײַנד, וואָס גיבן אונדז זייער מילך און אייער, שפּײַז פֿאַר אונדזער עקסיסטענץ, גראָד זיי ברענגען מיר אום..." ווי איר זעט, רבותי, גערעכטע טענות! ער שטעלט אַרויס דעם קאַטעגאָרישן פֿאַרבאָט: „ס'איז אוממאָראַליש און אומעטיש אומצוברענגען באַשעפֿענישן פֿאַר שפּײַז, אָדער פֿאַר ספּאָרט".

„ווי קאָן מען שטרעבן צו אַ שענערער און בעסערער געזעלשאַפֿט, אויב מיר באַגייען טאָג־טעגלעך רציחות קעגן די שוואַכע באַשעפֿענישן?" ער ברענגט אָן אַ שיעור ראַיות פֿון דאָקטוירים, אַז עסן פֿלייש איז אומגעזונט, בקיצור, זײַן „טעזיס" האָט "אָנגעריסן", ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־לשון, און האָט געלאָזן אַ שטאַרקן רושם.

און שטעלט אײַך פֿאָר, רבותי, אַז מ'גיט אַ רוף אַזאַ יונג פּלוצעם אין מיליטער. אַ יונג, וואָס גיט זיך אָפּ דין און חשבון פֿאַר זײַנע מעשׂים, און איז פּרינציפּיעל אַ פּאַסיפֿיסט! ער איז, הייסט עס, פֿון די „קאָנשיענשיוס אַבדזשעקטאָרס". פֿאַרשטייט מען דאָך, אַז פֿאַר אַזאַ איינעם האָבן די ביוּ־ראָקראַטן טויבע אויערן. דאַרף מען אָנגעבן אַנדערע סיבות, וואָס זאָלן זײַן מער פֿאַרשטענדלעך פֿאַר זיי. ווייס איך נישט, צי ס'איז געווען קלוג אָדער נאַריש, נאָר ער האָט געוואָלט דערווײַזן, אַז ער פֿאַרנעמט זייער אַ וויכטיק אָרט אין מײַן געשעפֿט. איך האָב צו יענער צײַט געהאַט, לאָ־עליכם, אַן אייגענעם שאָפּ פֿון קראַוואַטן, און ווען נישט מײַן משה וואָלט

איך אים לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטן, וואָרעם ער איז ביי מיר געווען בשעתו אַ כל־וכל. ער האָט געפירט די ביכער, געפּאַקט די סחורה, געאַרבעט ביי דער מאַשין און איז אויך געווען אַ פאַרקויפער. היינט, ווען מען נעמט אים אַוועק, וואָלט איך דאָך געדאַרפט אָנשטעלן אַנדערע מיטשן, און אויף דעם האָט שוין מיין געשעפט ניט געטראָגן.

צווישן אונדז גערעדט, וואָלט איך זיך שוין ווי ס'איז אַן עצה געגעבן, אַבי מיין קינד נישט צו שטעלן פאַר אַ ניסיון. קורץ און שלעכט, ווי מיין ווערטל גייט. ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות־ומענות. דעם דרייסיקסטן אָקטאָבער, ביינאַנד אייך און פערציק, באַקומט ער אַן אָפיציעלע פאַראָרדע־נונג פון דער לאָקאַלער „דרעפט־באָרד" בזה הלשון: „איר דאַרפט דערשיי־נען פאַר דער „באָרד" דעם זעקסטן טאָג אין נאָוועמבער, דאָנערשטיק, אַכט אַ זייגער אין אָוונט, צו אַ פאַרהער..."

די צייט איז דעמאָלט געווען, כידוע, אַן אומרויִקע. דער מלחמה־פיבער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. אַמעריקע האָט זיך געגרייט צו געבן דעם אַרצי־שונא פון דער וועלט אַ טויטקלאַפּ. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אויך געווען אַ סך קעגנער פון קריג, צווישן זיי דער באַ־רימטער עטישער מענטש און סאָציאַליסט, י ו ד ז ש י ן ו ו י ק ט אָ ר ד ע ב ס. מיר געדענקען אַלע ווי מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין גע־פענקעניש. דער ערשטער וועלטקריג איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אימ־פעריאַליסטישן, און מ'האָט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס לויט פונעם ראַ־דיקאַלן לאַגער האָבן בעסער אויסגעקליבן תפיסה, איידער ווערן סאָלדאַטן. אַציינד איז די לאַגע געווען אַן אַנדערע. היטלער האָט אויפגעהויבן די האַק קעגן דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג, קעגן אַלע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע ריכטונגען און ועל כולם — קעגן דעם יידישן פאָלק. ס'איז געווען אַ געפאַר ער זאָל פאַרכאַפּן נישט בלויז אייראָפּע, נייערט די גאַנצע וועלט. אויף זיין זייט איז געשטאַנען דער איטאַליענישער פאַשיזם און דער יאַפּאַנעזישער מיליטאַריזם. ס'האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז ס'איז געקו־מען דער סוף פון אונדזער פלאַנעט...

אָט אין יענע שווערע און פאַרפלאָנטערטע טעג, איז מיר אָפט געקו־מען אויפן געדאַנק די סצענע מיט י ר מ י ה ו ה נ ב י א, ווי ער ליגט אַן אַרעסטירטער אין אַ גרוב, ווייל ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם קריג מיט בבל. אַלע האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ פאַררעטער: ווי טרעט עס אַרויס אַ יידישער נביא קעגן זיין אייגענעם לאַנד? ווי אַזוי דערלויבט ער זיך צו אַנטמוטיקן די יידישע זעלנער צו גיין אין קאַמף קעגן דעם

ערגסטן יידישן שונא? ווי קאָן ער פועלן ביי זיך פאַרויסצוזאָגן אַ מפּלה פאַרן יידישן חייל? יאָ, ירמיהו האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן יידישן חורבן. ער האָט אים באַקלאָגט אין זיין „איכה". אָבער מען מערקט נישט קיין חרטה ביי אים אויף דעם געזאָגטן און אויף זיין שוואַרצער נבֿואה...

ירמיהו ווערט באַטראַכט פאַרן ערשטן פּאַסיפיסט אין דער יידישער געשיכטע. מעג ער זיין אַ ביישפּיל פאַר אונדז? קאָן מען דען פאַרגלייכן יענע צייט מיט דעם היטלערישן פּעריאָד? איז דען נישט מער באַרעכטיקט יענער ביבלישער זאָג: „ובערת הרע מקרבך" און דו זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטס פון צווישן דיר...?" אָדער דער תלמודישער אָנזאָג: „הבא להרגך, השכם והרגו" — דער וואָס קומט דיך טייטן, כאַפּ זיך באַצייטנס און טייט אים"!

איז דען נישט היטלער דער ערשטער אויפגעשטאַנענער אויף אונדז צו פאַרלענדן? זאָלן מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך אונטערגעבן? צי אפשר זאָלן מיר פּראַקטיצירן יענעם קריסטלעכן פּזמון פון אונטערשטעלן די „צווייטע באַק?"

רבותי, אָט די אַלע אָנגעוואָרפענע קשיות האָבן מיר נישט געגעבן קיין מנוחה. ס'זיינען געווען שלאָפלאָזע נעכט און רולאָזע טעג. איך האָב גע־זוכט אַן ענטפער, און נישט געקענט געפינען אויפן אָרט. מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט, ווי וועט זיך ספּראַווען מיט אָט די אָנגעווייטיקטע ענינים מיין משה? איך האָב געדולדיק געוואַרט, וואָרעם ער איז דאָך געגאַנגען, ווי ערשט דערמאָנט, צו אַ פאַרהער, איז וואָס וועט טאַקע זיין זיין ענטפער?"

## ב.

אין אַ שיינעם אָדער מיאוסן טאָג זיינען מיר אַלע, ד"ה איך, מיין פרוי און משה, אַוועק צום פאַרהער פון דער „דרעפט באָאַרד". אַלע פראַגעס האָבן זיך געדרייט אַרום דעם פּונקט, וואָס טייטשט אויס די „פאַרשריפט" פּונעם „סעלעקטיוו סוירוויס עקט" — צי מיין זון האָט געהאַט אַ רעליגיעזן אונ־טעררירכט, און בלויז אויף דעם סמך קאָן מען אים באַפרייען פון מיליטער־דינסט ווי אַ געוויסנס־מלחמה־קעגנער. היות, אָבער, ווי די מענטשן, וואָס שטעלן צונויף די „באָאַרד" זיינען געווען אייגפאַכע געשעפטסלייט, און האָבן נישט געקענט זיך פונאַנדערקלייבן אין אַזאַ איידעלער מאַטעריע, האָבן זיי געשטעלט קלאָץ־קשיות, אַ שטייגער: צי ער דאַוונט יעדן טאָג? צי ער האָט געפּראַוועט אַ בר־מצווה? צי ער גלייבט אין גאָט?

אין זיין ענטפער האָט משה געפּרוווט זיי צו דערווייזן, אַז זיין קאָנ־צעפּציע וועגן רעליגיע איז אַן אַנדערע. ער ברענגט זיי, קודם כל, די אויס־

טײַטשונגען פון דעם באַגריף פון וועבסטערס ווערטערבוך און פון דער „סענטשורי ענציקלאָפּעדיע". און ער קאָנסטאַטירט, אַז רעליגיע איז נישט דווקא פֿאַרבונדן מיט גלויבן אין גאָט, אַט זײַנען בודיזם און הינדואיזם ניט טעיִסטיש. קורץ און שאַרף, ער איז נישט קיין אַנהענגער פון אַ קירכלעכער אָדער שול־רעליגיע. ער מוז נישט זוכן יענע אוניווערסאַלע מיסטעריע, וואָס מענטשן רופן „גאָט" גראַד אין אַ טעמפּל, צי אין אַ קלויסטער. מיט אַנדערע ווערטער, אַ מענטש קאָן זײַן טיף רעליגיעז, זײַענדיק אַפילו אַ קעגנער פון דער אָרגאַניזירטער רעליגיע. ער איז קעגן יעדער דאָגמע און יעדן עטאַבלירטן ריטואַל.

איר פאַרשטייט שוין אַליין, רבותי, אַז די דזשענטלמען פון דער „באָארד" האָבן נישט געקענט צעקײַען אַזוינע געדאַנקען און זיי האָבן אים „אײַנגעלאַדן", ער זאָל זיך שטעלן פאַר אַ פיזישער אונטערזוכונג פאַר אינדוקציע. אָבער משה האָט זיך אָפּגעזאָגט פרײַוויליק דאָס צו טאָן. ער האָט זיי געענטפערט:

„מײַן גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן בין איך געווען קעגן בלוט־פאַרגיסונג. איך האָב קיין מאָל ניט פאַרזוכט קיין פליייש. פון קינדווײַז אָן בין איך דערצויגן געוואָרן אין אַט דעם גײַסט. ס'איז בײַ מיר געוואָרן אַ טייל פון מ ײַ ן גלויבן. מײַן גאַנצער גײַסטיקער צוזאַמענשטעל רעבעלירט צו נעמען אַ ביקס אָדער אַ שווערד אין האַנט. איך בין אײַנפאַך נישט געקנאַטן פון אַזאַ טייג. גערעכט צי אומגערעכט — פאַר מיר מיינט יעדע מלחמה — אַ פאַרברעכן. איך בין קעגן יעדן צוואַנג פון אַ רעגירונג, צי פון אַ יחיד. איך אַנערקען, אַז עס זײַנען פאַראַן איבלען און פאַרברעכנס, וואָס מען דאַרף אויסראָטן, אָבער די מעטאָדן דאַרפן זײַן אין איינקלאַנג מיטן עטישן באַנעם. איך גלייב אין בײַקומען שלעכטס מיט גוטס. איך גלייב אין גוואַלטלאָזער אַקציע..." „אוודאי פאַרשטיי איך, אַז די הײַנטיקע מלחמה איז אַנדערש ווי די פריִערדיקע. און הגם איך קען ניט אָנטייל נעמען אין איר, צוליב די אויבן־דערמאָנטע אורזאַכן, וועל איך נישט פאַרדאַמען יענע, וואָס טוען עס יאָ..."

„מיינע גלויבונגען און דעקלאַראַציעס זײַנען גענומען געוואָרן זייער ערנסט מצד די „עף.בי.איי."־אַגענטן, בעת זיי האָבן מיך עקזאַמינירט. צו מײַן וועגעטאַרישער דערציִונג און צו מײַנע פּאַסיפיסטישע איבערצײַגונגען האָבן זיי זיך באַצויגן מיט פאַרשטענדעניש און אַפילו מיט סימפּאַטיע. פונדעסטוועגן האָט מען מיך נישט אָנגענומען פאַר דעם וואָס איך בין, מיט אַנדערע ווערטער, מ'האָט מיך ניט קלאַסיפיצירט פאַר אַ „קאָנשיענשיעס

אַבדזשעקטאָר", מחמת מײַן „אמונה" איז נישט אַקצעפּטירט פֿון די רעגי־רונגס־אָרגאַנען. מ'האָט מיך פֿאַררעכנט, פּשוט און פּראָסט, פֿאַר אַן „אַטעיִסט", הגם, ווי שוין אויבן באַמערקט, איך באַטראַכט זיך פֿאַר אַ רעליגיעזן מענטשן..."

„ווי איך בין זיך משער וועט מיר די רעגירונג באַשטראָפֿן מיט געפֿענקע־ניש, און אַפֿילו איך זאָל נישט אויסזיצן מײַן טערמין, וועט דער „פֿלעק" בלײַבן אויף מיר, און דער שוואַרצער צייכן פֿון אַ תּפֿיסה־רעקאָרד וועט מיר נאָכגיין אין ווײַטערדיקן לעבן. בעט איך אײַך דעריבער, איר זאָלט פֿאַר־זיכטיק באַטראַכטן מײַן „קייס" און שאַפֿן אין אָט דער שפּעטער שעה אַ געזעץ, וואָס זאָל באַפֿרײַען אַזעלכע ווי איך פֿון אַקטיוון דינסט, וואָרעם ניט נאָר שרעקט מיך נישט די געפֿענקעניש, נאָר איך בין גרייט מקריב צו זײַן מײַן לעבן פֿאַר מײַנע איבערצײַגונגען".

מאָריס דייוויס"

„נ"ב: אַ קאָפּיע פֿון אָט דעם בריוו שיק איך צום גענעראַל הוירש..."

די דעקלאַראַציע האָט די „באָאַרד" נישט איבערצײַגט אין מײַן משהס „אני מאמין" און ער האָט באַקומען דעם נײַנצנטן נאָוועמבער נײַנצן אײן פֿערציק אַ קאָמוניקאַציע פֿון איר, אַז ער ווערט קלאַסיפֿיצירט אין דער קאַטעגאָריע פֿון א־1, וואָס מיינט, ער ווערט אַ פּשוטער זעלנער אין דער אַרמיי...

משה האָט ווידער אַפּעלירט און אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פֿון זײַן אַמט אין מײַן געשעפֿט. און ער האָט אויף אַזאַ שטייגער געזוכט צו קריגן אַ דעדוקציע פֿון מיליטער־דינסט. ס'האָט זיך נישט אײַנגעגעבן. די רעגירונגס־אַגענטורן האָבן זיך דערוויל אַ נעם געטאָן צו אונטערזוכן און אויסצוגעפֿינען אויף ווי ווײַט אמת זײַנען די פֿאַקטן, וואָס מײַן משה האָט אָנגעגעבן.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן אונדז די שכנים מיטגעטיילט, אַז אַגענטן פֿון דער „עף.בי.איי." האָבן זיי באַזוכט און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף משהן, צי ער איז טאַקע אַ פּאַסיפֿיסט, צי ער איז אַ וועגעטאַריער. זיי האָבן נאָכגע־פֿאָרשט אַפֿילו בײַ דער אָנפֿירונג פֿון דער „הײַ־סקול", וווּ מײַן זון האָט געלערנט, וועגן זײַנע אַקטיוויטעטן דאָרטן, זיי האָבן אויך אַרײַנגעשטופּט זייערע נעזער אין די יוגנטקלובן, וווּ ער איז געווען טעטיק. בקיצור, פֿיר חדשים האָט אָנגעהאַלטן די אונטערזוכונג. דער רעזולטאַט: — אַלץ, וואָס משה האָט אָנגעגעבן אין זײַנע דעקלאַראַציעס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אמת ויציב...

איז דאַכט זיך גוט? טויג עס ערשט ניט! מיר האָבן אײַנגעריסן וועלטן. מיר האָבן געשיקט ביטעס, ווענדונגען צו נידעריקע און העכערע אינסטאַנצן. אַפֿילו צום פּרעזידענט אַליין, מ׳זאָל אָנערקענען משהן פֿאַר אַ „געוויסנס־קעגנער”. דער אָרעמער יונג איז גרייט געווען צו אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל, אָדער וועלכע ס׳איז אַנדער טוונג פֿון אַ ציווילן כאַראַקטער. יעדער ענטפֿער, וואָס איז אָנגעקומען אין יענער צײַט האָט אַרויסגערופֿן שפּאַנונג, האַרץ־ציטערניש, האָפֿענונג. לײדער, האָבן ס׳רוב תּשובֿות גאָרנישט צוגעזאָגט חוץ — געפּענקעניש...

איר מיינט אַוודאי, רבותי, אַז מײַן זון איז געווען דער איינציקער אויפֿן יאַריד, האָט איר אַ טעות! ס׳איז געווען אַ מחנה פֿון עלף טויזנט יונגע־לײַט, אַ גרויסע צאָל פֿון איר — „קוויקערס”. אָט די מענטשן זײַנען גיך באַפֿרײַט געוואָרן פֿון תּפֿיסה און זײַנען אַוועק אין די זעכציק קעמפּס (לאַגערן), וואָס זייערע גלויבנס־חבֿרים האָבן אויפֿגעשטעלט, צו אַרבעטן בײַ ציווילע אָביעקטן...

אין מײַנע שמועסן מיט די יונגע חבֿרה־לייט וועגן זייער עקשנותדיקער שטעלונג קעגן מלחמה, האָט זיך אַרויסקריסטאַליזירט איין הויפּט־סיבה: „אָרגאַניזירטער קריג שאַנעוועט קיינעם ניט. בעת מען באָמבאַרדירט שטעט פֿאַלן צום מערסטנס אומשולדיקע מענטשן, און זיי ווילן ניט ג ו ר ם זײַן דאָס פֿאַרברעכן:..”

יאָ, ס׳האָבן זיך אַוועקגעצויגן פֿאַר אונדז טעג, וואָכן און חדשים, וואָס זײַנען געווען אָנגעפּילט מיט יאוש און פּיצלעך האָפֿענונגען, האָפֿענונגען אויף אַ נס. ווי קליין די פּאַסיפֿיסטישע באַוועגונג איז געווען, האָט זי אָנגעפֿירט מיט פּראָטעסטן, מיט פּראָצעסן קעגן דער רעגירונג און פֿאַרצויגן דעם טאָג פֿון יענע, וואָס האָבן געדאַרפֿט גיין אין תּפֿיסה. אויך מײַן משה איז געווען צווישן די מזלדיקע. דעם ניינטן דעצעמבער, ניינצן הונדערט צוויי און פֿערציק איז ענדלעך אָנגעקומען פֿונעם ברוקלינער דיסטריקט־געריכט אַ באַפֿעל, ער זאָל דאָרטן אויפֿטרעטן. דער ריכטער איז געווען ב אַ י ע ר ס. דער דיסטריקט־אַטוירני האָט געוואָלט דערווײַזן, אַז משה וויל זיך פּראָסט און פּשוט אַרויסדרייען פֿון מיליטער־דינסט, דער ריכטער, ווידער, האָט יאָ געכאַפּט מײַן זונס געדאַנקען־גאַנג. אָבער ער האָט אים נישט געוואָלט פֿאַררעכענען פֿאַר אַ „געוויסנס־קעגנער”, ווײַל, ווי שוין דערמאָנט בײַ אַ פֿריערדיקער געלעגנהייט, איז משה ניט געווען קיין אָנהענגער פֿון אָרגאַניזירטער רעליגיע. נאָך לאַנגע טענות ומענות איז ער פֿאַראורטיילט געוואָרן צו צוויי יאָר תּפֿיסה...

אַרויסצובריענגען וואָס מיר, זײַנע עלטערן, האָבן דעמאָלט איבערגע־לעבט איז דאָך נישט שײַך. מיר זײַנען אַרויס פֿון גערירכט דערדריקטע, דערשלאָגענע. די לעצטע האָפֿענונג האָט זיך אויסגעלאָשן. נאָר ערגעץ ווו אין מיר האָט מיך פֿאַרט געוואַרעמט אַ מאָדנער געפֿיל, וואָס איז שווער אויסצודריקן מיט ווערטער. אין די אויערן האָבן נאָך געקלונגען משהס אַרגומענטן אינעם געריכטזאַל. זײַן שטאָלצע האַלטונג, זײַנע קלאָרע גע־דאַנקען אַרויסגעזאָגט אין אַ ראַפֿיניִרטער שפּראַך. אָט האָב איך דערצויגן אַ זון — אַן אידעאַליסט, אַ מענטש מיט פּרינציפּן, וואָס איז גרייט צו גיין אין געפֿענקעניש פֿאַר זיי. און ניט ווילנדיק האָט זיך מײַן פּלייצע אויס־געגלײַכט. איך בין שטאָלץ געווען אויף מײַן זון! וויפֿל עלטערן קאָנען זיך באַרימען, האָט זיך מיר געטראַכט, אַז זייערע קינדער גייען אין זייערע פֿוס־טריט? וויפֿל עלטערן, וואָס האָבן קינדער זײַנען אידעיִש קינדערלאָז? איך בין נישט קיין עקר! האָט זיך מיר אַזש געוואָלט אויסשרײַען...

יאָ, דאָס לעבן איז שטאַרקער, ווי דאָס ווערטל גייט, פֿון אײַזן. משה, מײַן זון, איז געווען אין תּפֿיסה און מיר האָבן גענומען אים באַזוכן און זיך באַקאָנען מיט די אומשטאַנדן, מיט וועלכע ער איז אַרומגערינגלט. ער איז אָבער דאָרטן לאַנג נישט געווען, דאָס הייסט, אין יענעם אָרט. איין טאָג האָבן מיר באַקומען פֿון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער שרײַבט:

„טײַערע עלטערן:

מע פֿירט מיך אַרויס פֿון ברוקלין. מע שיקט מיך קיין דענבורי. מיר פֿאָרן מיטן זעלביקן וועג, מיט וועלכן מיר פֿלעגן פֿאָרן קיין בוירקשײַער. בלויז דו קאָנסט זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ ווונדערלעכער וועג ס'איז! וואָס פֿאַר אַ שיינקייט! די בערגלעך און די וועלדער זײַנען פֿאַרוואָרפֿן מיט שניי. יעדער קער אויפֿן וועג האָט מיך דערמאָנט אינעם אַמאָל. די ערשטע דרײַסיק טעג וועל איך דאַרפֿן זײַן אין קאַראַנטין. ס'וועט מיר זײַן דערלויבט צו שרײַבן בלויז צו דער פֿאַמיליע און צו באַקומען בריוו בלויז פֿון איר... איך וועל מסתּמא אַרבעטן אין קיך... אין אַ וואָך, צי צוויי וועט איר באַקומען מײַנע קליידער...

„אָט בין איך שוין אויף אַן אָרט... אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר געזען אַ פֿילם אין אַ פּראַקטיקן אוידיטאָריום. ס'האָבן געשפּילט פֿ ר ע ד אַ ס ט אָ ר און ר י ט אַ ה י י וו ו ר ט. איינע פֿון יענע שמאַטעוואַטע בילדער... ס'איז מיר געווען פּריקרע... פֿונעם גאַנצן בילד איז בײַ מיר גאָרנישט געבליבן... ווען מען גיט אַ טראַכט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט... וויפֿל צער און יסורים... און איך דאַרף זיצן און צוקוקן... אַ פֿאַר־לוסט פֿון צײַט...

„מע באַזאָרגט אונדז אויך מיט „דזשים"... מיר זאָלן, חלילה, נישט ליידן פון פיזישער אומבאַקוועמלעכקייט... איך האָב אַ רעכט אויסצוגעבן אַ צען דאָלאַר אַ חודש, נאָר איך נייטיק זיך באמת ניט אין אַזוי פיל... אַ דריי־פיר דאָלאַר איז פאַר מיר גענוג... איר קענט מיר שיקן אַ „מאַני־אָרדער" פאַר דריי חדשים און איך וועל אייך נישט דאַרפן באַלעסטיקן... אָפט באַפאַלט מיך אַ טרויער... בעת איך געפין זיך אין פאַרווײַלונגס־זאַל ביסטו, פאַטער, פאַרהאַרעוועט אין שאַפּ און אַרבעטסט אויף די באַשטעלונגען לאַנגע שעהען, ספּעציעל אַצינד, פאַר קריסמעס... געדענקט, איר זאָלט זיך אָפּ־רוען נאָך קריסמעס... ווען געפינסטו צײַט מיר צו שרײַבן און פאַר דײַנע אַק־טיוויטעטן?... איך בעט דיך, זאָרג זיך נישט וועגן מיר און טראַכט נישט איבער... זײַ געזונט, זײַט אַלע געזונט... דײַן זון מיט ליבשאַפט... מאָריס דריי־וויס נומער 2094".

דער בריוו האָט מיך שטאַרק גערירט. הערט אַ מעשה. דער מענטש זיצט אין געפענקעניש, אָפּגעריסן פון עלטערן, ברידער, שוועסטער, פון פרײַנד און באַקאַנטע, און איז באַזאָרגט וועגן אונדז אַלעמען אויף דער פרײַ... מײַן זון, מײַן וווּנדערלעכער זון! נישט אומזיסט האָב איך אַרײַנגע־לייגט מײַן לײַב און לעבן אין אים. מײַנע געדאַנקען, מײַנע אידעען און שטרעבונגען האָט ער איבערגענומען. זיי זײַנען געוואָרן אַ טייל פון זײַן פּערזאָן. איך האָב דערפילט אַ ליכט אויפגיין אין מײַן האַרצן. ניין, ברודער, נישט אומזיסט האָסטו געלעבט אויף דער דאָזיקער האַרבער ערד! טראַכט איך. האָסט געלאָזן אַ יורש, אַ חשובן יורש אינעם געשטאַלט פון דײַן זון. מיר זײַנען געפאָרן יעדן חודש זיך זען מיט משהן. ווי שוין פריער באַ־מערקט, האָט מען מער נישט דערלויבט. מיר האָבן דאָרטן געטראָפן, פאַר־שטייט זיך, אַ סך עלטערן און קרובים, ווי אויך פרײַנד און באַקאַנטע. דאָרטן איז געבאָרן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַן אַסאָציאַציע פון על־טערן לטובת זייערע זין, די „קאַנטשייס", ווי מ'האָט אַזאַ סאָרט אַרעס־טאַנטן גערופן. בײַ די פאַרזאַמלונגען פלעגן אויפטרעטן פאָרשטייער פון דער פּאָסיפיסטישער באַוועגונג, און אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין באַפרײַט געוואָרן פון תפיסה. די לעצטע האָבן איבערגעגעבן גרוסן פון דאָרטן, וואָס האָבן געדאַרפט באַרויקן די אייגענע.

אין משהס פאַל איז אויפגעקומען די פּראָבלעם — מה נאכל? ווי קאָן ער, אַ וועגעטאַריער, זיך שפּײַזן מיט די אַלגעמיינע שפּײַזן פון דער גע־פענקעניש־קיך? איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה, נעמלעך, אויסבײַטן זײַנע פליישיקע, צי פישיקע געריכטן אויף גרינס, אויף מילכיקס. מאָלט אײַך,

רבותי, אַז צו זאַט איז ער נישט געבליבן. ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן. בין איך זיך מיישבֿ און שרײַב אָן אַ בריוו צום וואָרדן, טאָמסאָן, ער זאָל געבן מײַן זון וועגעטאַרישע מאַכלים. איך האָב געצווייפֿלט, צי ער וועט אַפֿילו ענטפֿערן. און אָט באַקום איך אַ תשובה, וואָס איז כּדאַי צו ברענגען וואָרט אין וואָרט:

„טײַערער הער, מיר ווילן אײַך אָנווײַזן, אַז מיר ווילן נישט בײַטן זײַנע עס־געוווינהייטן, היות אָבער, ווי מיר האָבן אים באַשטימט פֿאַר קיכאַרבעט, וועט ער זיך שוין דאָרטן אַן עצה געבן. ער וועט דאָרטן זיכער געפֿינען אַזאַ סאָרט שפּײַז, וואָס אים וועט זײַן ליב צום גומען. איבעריקנס איז גוט וואָס איר האָט אונדז באַקאַנט מיט אײַער זונס פּראָבלעם. מיר וועלן שוין זען, אַז זײַן געזונט זאָל צוליב דעם נישט געמינערט ווערן".

איר וועט שמייכלען, רבותי, און וועט זאָגן, פֿאָרט אַמעריקע; פֿאָרט אַ פֿרײַע, דעמאָקראַטישע מדינה! איר זײַט גערעכט! הגם די „קאָנטשייס" זײַנען אָפּט געווען שכנים פֿון די אמתע „פֿויגלען", האָט מען אָבער געוווּסט ווער איז ווער, און מ'האָט טיף אין האַרצן דרך־ארץ געהאַט פֿאַר זיי, כאָטש אָפֿן האָט מען זיך געהיט דאָס צו טאָן. שאַ, נעמט אַן אַנדער בײַשפּיל:

קראַנקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך געניייטיקט אין אַ ספּעציעלער דיעטע, נו, האָט מען אַרויפֿגעשטעלט אויף דער ליסטע פֿון די „חולאים" אויך מײַן משהן און אַזעלכע פֿאַרשוינען ווי ער און זיי האָבן געגעסן בשתיקה פֿון אָט דער פּריווילעגיע.

אַ צווייטע פּראָבלעם איז אויפֿגעשווומען פֿאַר משהן דאָרטן, וואָס טוט מען מיט דער פֿרײַער צייט? ווי פֿילט מען אויס די לאַנגע שעהען, ווען מען איז נישט באַשעפֿטיקט? ער האָט צונויפֿגעשטעלט אַ גרופּע פֿון זיבנע תפֿיסה־קאָלעגן און זיי געלערנט מאַטעמאַטיק. דאָס איז געווען זײַן ערשטע דערפֿאַרונג ווי אַ לערער, און ס'איז אים שפּעטער גוט צו נוץ געקומען. אָט וואָס ער שרײַבט מיר וועגן דעם... „איך לערן שאַפּ־מאַטעמאַטיק אין דער אָוונטשול פֿינף מאָל אַ וואָך. מיר געפֿעלט די אַרבעט... איך האָב שוין געלערנט מיט צוויי קלאַסן... הגם ס'איז בלויז עלעמענטאַרע „מעטה", איז גוט צו פֿילן, אַז מען איז אַ נוצלעכער מענטש.. איך טו אויך קלעריקאַלע אַרבעט אין שפּיטאָל..."

מיר, אין דער היים, האָבן זיך גענומען צוגעווינען צום געדאַנק, אַז אונדזער משה איז אין געפֿענקעניש. איך זאָג נישט, מיר האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. מיר האָבן ווײַטער געאַרבעט פֿאַר זײַן באַפֿרײַונג. מיר האָבן זיך געווענדט צו דער „פּאַראָל־באָאַרד" וועגן דעם ענין. געוויינטלעך

נעמט ניט לאנג, ביז מען ענטפערט פון דארטן, אבער עפעס האט געטראפן א מיספארשטענדעניש. ס'האבן געפעלט געוויסע פאפירן, און די זאך האט זיך פארשלעפט אויף גוטע זעקס חדשים. ווען מיר האבן ענדלעך באקומען פון דארטן א „רוף", האבן מיר איינציטיק געדארפט צושטעלן עטלעכע בריוו פון מענטשן, וואס זיינען באקאנט מיט זיין פערזאן און כאראקטער. אזוינע צושריפטן האבן מיר געקראגן מיט די העכסטע רעקאמענדאציעס פאר משהען.

ווען די נייעס האבן אונדז דערגרייכט, אז זיין באפרייאונג ווערט באטראכט פון דער „פאראל־באארד", האבן מיר זיך געווענדט צו א צאל שפיטאלן, ווו ער זאל באזארגט ווערן מיט א שטעלע, ווארעם געדענקען דארף מען, אין מלחמה־צייט מיינט ניט „באפרייאונג" — אהיים פארן...

בקיצור, מיר האבן געקראגן א צוזאג פון א ניו־היווענער שפיטאל, אז זיי האבן א „דזשאב" פאר מיין זון אין זייער וועשעריי. און אזוי איז טאקע געשען. משה איז אפגעזעסן א קיילעכיק יאר אין געפענקעניש און איז אנגעקומען ארבעטן אהין. מען האט זיך גיך אנגעשטויסן מיט וועמען מען האט דא צו טאן, און מ'האט אריינגענומען מיין זון אין דער „עקס־ריי"־לאבאראטאריע...

נאך זייענדיק אין טורמע האט משה שוין גענומען זארגן וועגן זיין וויטערדיקן שטודיום. ער האט געשריבן צום שיקאגער אוניווערסיטעט זיך אנפרעגנדיק, צי מען וועט אננעמען זיין דיפלאם פון ברוקלין־קאלעדזש, כדי דארטן צו קריגן זיין „בעטשלאר אף סייענס". מיט אנדערע ווערטער, זיין פלאן איז געווען ממשיך צו זיין דאס לערנען דארטן. אבער ווי גייט דאס ווערטל? דער מענטש טראכט און גאט...

היות משה איז געווען באקאנט אין די „קוויקער"־קרייזן, האבן די לעצטע געפועלט ביי דער אדמיניסטראציע, מען זאל אים לאזן ארבעטן אין פילאדעלפיע, ווו יענע האבן זייער הויפטאפיס. די דערלויבעניש איז אים געגעבן געווארן, און ער האט זיך אריבערגעקליבן אין דער שטאט פון „ברודער־ליבע" און א ניי לעבן האט זיך אנגעהויבן פאר מיין זון.

כידוע, זיינען די „קוויקערס" אויסן אריינצוברענגען בעסערע באציונגען צווישן מינאריטעטן־גרופן, צווישן דער ווייסער און שווארצער באפעלקערונג. זיי זיינען אקטיוו אין די „סלאמס" מען געפינט זיי דארטן, ווו ארעמקייט, נויט און דלות הערשן. זייער „קוויקער־גילד" באזארגט די ארעמע קינדער מיט שפילפלעצער, מיט פארווייַלונגס־ערטער. זיי קעמפן נישט נאר קעגן מלחמה, נייערט קעגן דיסקרימינאציע... קורץ און גוט — זיי שטעלן מיט

זיך פֿאַר אַ הומאַניטאַרע געזעלשאַפֿט מיט הויכע נאָבעלע צילן. דאָס איז אין שכנות בין אָדם לחברו.

וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר זייער רעליגיעזער „ריטואַל?". זיי קלײַבן זיך צונויף יעדן זונטיק אין קליינע גרופּעס, פֿון פֿופֿצן ביז דרײַסיק פּער־זאָן, אין געוויינלעכע זאַלן. דאָרט געפֿינט זיך נישט קיין אַלטאַר, נישט קיין אָרגאַן, נישט קיין כאָר. די מסיבה ווערט פֿאַרטאָן אין שטילער תּפֿילה. די תּפֿילות זײַנען נישט קאַנאָניזירט, נאָר יעדער בעט לויט זײַן ווונטש און פֿאַרלאַנג, די תּפֿילה, הייסט עס, איז אַ יחידישע. זי באַציט זיך אויף דער אייגענער פּערזאָן, אויף דער משפּחה, אויף מענטשן בכלל. ס'איז די פֿליכט פֿון אַ „קוויקער" צו עלימינירן אין זיך יעדן שׂנאה־געפֿיל, צו אַנטוויקלען אין זיך אַ פֿאַרשטענדעניש און אַפֿילו ליבע, אויב מעגליך, צום מענטשן... בײַ זיי איז דער באַגריף גאָט פֿאַרבונדן מיטן „גרויסן פֿרײַנד" דאָס הייסט, דער פֿרײַנד פֿון יעדן בר־נש. ס'איז אָפּגערעדט, אַז די ביבל האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן אײַנפֿלוס אויף דער סעקטע. זיי האַלטן נישט פֿון קיין פּריס־טער און פֿון קיין גלחים.

אָט אין דער סבֿיבֿה איז אַרײַנגעפֿאַלן מײַן זון, משה. ס'איז ניט גע־ווען, דאַכט זיך, קיין איין עלעמענט אין יענע קרײַזן, וואָס זאָל אים אָפּ־שטויסן, אָדער זײַן דערווידער. פֿאַרקערט! דער הומאַניטאַרער צוגאַנג, זייער פּאַסיפֿיזם, די פּשוטע טאָג־טעגלעכע מענטשלעכקייט האָט גערירט, האָט געוווּנען באַוווּנדערער און אָנהענגער. האָט דען נישט משה געזען און גע־הערט בײַ זיך אין דער היים געדאַנקען און טוונגען ענלעך צו זייערע? האָט דען נישט זײַן פֿאָטער אײַנגעפֿלאַנצט אין אים ליבע און פֿאַרשטענדעניש צום מענטשלעכן מין, צום געפּלאָגטן און צום גערודפֿטן? האָט נישט שפּע־טער געלערנט מיט אים די  י י ד י ש ע  שול דאָס זעלביקע?

פֿונדעסטוועגן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז משה האָט זיך פֿאַר־אינטערעסירט אין אַ „קוויקער" מיידל, האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. וויפֿל איך בין נישט אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן „פּאַלאַזשעניע" בעמלעך: אַ יונגערמאַן אַרבעט און איז, ס'רוב אַרומגערינגלט, פֿון אָט דעם עלעמענט מענטשן, איז דען אַ חידוש, אַז אַזאַ זאַך געשעט? איך האָב זיך, אַגבֿ, גע־טרייסט: פֿון באַקאַנטשאַפֿט ביז הייראַט איז נאָך אַ ווײַטער מהלך. איך האָב אָבער געמאַכט אַ טעות אין חשבון. דאָס מיידל, העכסט אינטעליגענט, אַ קאַלעדזש־גראַדויִרטע, האָט מיט איר חן, אידלקייט און ראַפֿינירטקייט שנעל געוווּנען ס'האַרץ פֿון מײַן זון. ער איז, נעבעך, געווען אויסגעהונגערט במשך פֿונעם יאָר־תּפֿיסה, אין מיידלשער געזעלשאַפֿט, אין ראָמאַנטישע אי־

בערלעבונגען. זי איז געקומען צו אים, ווי אַ טרייסט, ווי אַ וווּנדערלעכע טרייסט אין זײַן שווערער לאַגע. ער האָט נישט געזען אין איר קיין פֿרעמדקייט. זיי האָבן ביידע געהערט צו אַ קלײנער מחנה, וואָס האָט געוואָלט מיט גוטסקייט און שלווה איבערבויען די וועלט...

זײַן מאַמע און איך האָבן, סוף־כּל־סוף, שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, און די צוויי יונגע מענטשן האָבן חתונה געהאַט אין נײַנצן הונדערט פֿינף און פֿערציק. אַוודאי איז די צערעמאָניע געווען אַנדערש ווי בײַ ייִדן. ס׳וואָלט אפֿשר נישט געשאַט זי צו באַשרײַבן פֿאַר די לייענער. עס האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַן עולם פֿון אומגעפֿער אַ זעכציק פֿאַרשוין. חתן־כּלה זײַנען (דערווײַל) ניט געווען. דער אַנפֿירער ווענדט זיך צו די געסט מיט עטלעכע פּאַסיקע ווערטער. דערנאָך באַווײַזט זיך פֿון איין טיר דער חתן, פֿון דער צווייטער — די כּלה; דאָס פּאָרל זאָגט נאָך דעם אַנפֿירער, אַז זיי וועלן זיך זײַן געטרײַ און איבערגעגעבן. און ווי בײַ אַלע חתונות באַשטעטיקן זיי זייערע צוזאָגן מיט אַ קוש... (אַוודאי דער בעסטער און וויכטיקסטער מאָמענט פֿונעם גאַנצן צערעמאָניאַל...!) עס טרעט אַרויס דער כּלהס פֿאָטער, אַ פּראָפֿעסאָר אין אַ קלײנעם קאַלעדזש אין מישיגן. ער רעדט און ציטירט דעם נבֿיא ירמיהו. דער זין פֿון זײַן רעדע איז, אַז דאָס קומענדיקע צוזאַמענלעבן פֿונעם יונגן פּאָר זאָל זײַן שטאַרק ווי אַ פֿעסטונג און קיין שלעכטס זאָל קיין שליטה נישט האָבן. אויך איך נעם אַ וואָרט און ברענג אַרויס אַן ענלעכן געדאַנק. מען הערט נאָך אַ פּאָר רעדעס פֿון אַנדערע קרובֿים. פּטור געוואָרן פֿון די רייד, האָט מען אונדז מהנה געווען מיט לעקעך און בראָנפֿן... און שוין...

משה איז אַרײַן אין יעיל־אוניווערסיטעט, אין ניו־הייווען. זײַן באַליבסטער לימוד ווערט אַסטראָנאָמיע, ער איז געווען איינער אין אַ קלאַס. אָריגינעל זײַנען געווען צוויי סטודענטן, איז דער אַנדערער, צוליב עפּעס אַ סיבה, אַרויסגעפֿאַלן. ער האָט געהאַט דעם כּבֿוד צו האָבן פֿאַר זײַן לערער דעם באַרימטן וויסנשאַפֿטסמאַן, ד״ר ב ר אַ ו ע ר. ער האָט זיך אַרײַנגעוואָרפֿן מיט זײַן גאַנצער התמדה אין לערנען. דאָס זײַנען געווען יאָרן פֿון שווערער אָבער אָנגענעמער אָנשטרענגונג. מײַן משה האָט זיך געריסן צום הימל און צו זײַנע אייביקע סודות. ווען מײַן זון האָט ענדלעך באַקומען זײַן דיפּלאָם, איז ער געווען איינער צווישן פֿיר און צוואַנציק הונדערט סטודענטן. ס׳איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך בילד בייצווווינען דעם מאַרש פֿון אָט דער מחנה איבער די גאַסן פֿון שטאָט. איבער איר האָט געפֿלאַטערט אַ פֿאָן מיט צוויי אויסגענייטע העברעיִשע ווערטער: א ו ר י ם

ז ת ו מ י ם. דער מאַרש פֿון די גראַדואַנטן מיט זייער פֿאָן האָבן געלאָזן אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק...

ווען ער האָט גראַדויִרט פֿון „יעיל" האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטעלע־זוכעניש. ס'איז נישט געווען קיין גרינגער ענין. הגם ער האָט דאָרטן שטודירט אויף אַ רעגירונגס־סובסידיע. (פֿאָרט אַמעריקע!) האָט על פּי שכל נישט געדאַרפֿט זײַן שווער צו קריגן אַ פּאָסטן. לאָזט זיך אויס, אַז אין יעדן שטאַט זײַנען די באַציִונגען צום „מלחמה־קעגנער" געווען אַן אַנדערע. אין ניו־יאָרק, למשל, האָט מען גיך פֿאַרגעסן דעם גרויסן „חטא". אין אַנדערע ערטער האָט מען שטרענג געפֿאָרשט און נאָכגעזוכט און באַשולדיקט אַזוינע לײַט אַפֿילו אין קאָמוניזם. ער האָט זיך, צום בײַשפּיל, געווענדט מיט אַן אַפּליקאַציע קיין „מאַונט ווילסאָן", קאַליפֿאָרניע, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פֿון דער פֿעדעראַלער רעגירונג. ער איז אונטערזוכט געוואָרן, און הגם מ'האָט אויף אים נישט געפֿונען קיין זינד, איז ער נישט אָנגענומען געוואָרן, מחמת דעם פּשוטן טעם, עס זײַנען געווען בילכערע פֿאַר אים אַן שום „פֿלעקן". מילא, בקיצור. ער האָט, לסוף, געהאַט שטעלעס ווי אַ לערער אין קאָלאָמ־ביאַ־יו.־מיזורי, אין לעקסינגטאָן, קענטאַקי, אין טשאַפּל היל, נ. ק. דאָרט טאַקע האָט ער באַקומען די איבערראַשנדיקע נײַעס, אַז ער ווערט איינגעלאַדן פֿון זײַן אַמאָליקן פּראָפֿעסאָר, ד"ר בראַוער...

היינט צו טאָג איז מײַן משה אָנגעשטעלט ווי אַ געהילפֿס־פּראָפֿעסאָר פֿון אַסטראָנאָמיע און דירעקטאָר פֿון יעיל קאָמפּוטינג־צענטער, אין ניו־הייוון...

פֿון משהס קינדער, איז געווען פֿאַר מיר אַן אָנגענעמע איבערראַשונג זײַן טאָכטער בעטי־העלען, די איז איצט אין גאַנצן זעכצן יאָר און ווײַזט אַרויס אַזאַ פֿײַנעם פּאָעטישן חוש צו באַנעמען די וועלט און אירע דערשײַנונגען. איינס פֿון אירע לידער „אומשטערבלעכקייט" איז געווען געדרוקט אין דער פֿרײַע אַרבעטער שטימע פֿון 1טן דעצעמבער 1962. אָט זײַנען אַ טייל פֿון אירע לידער.

בעטי העלען דייוויס

# שרעק איך זיך פֿאַרן טויט!

האָב איך מורא פֿאַרן טויט? ווען כ׳בין געבאָרן
האָב איך זיך נישט געשראָקן פֿאַרן לעבן.
כ׳האָב נישט געבעטן צו זען דעם פֿרימאָרגן
הגם ער האָט דויערנדיקע שיינקייט,
אַ שיינקייט, וואָס איז ווערט דאָס געבעט.
ס׳פֿאַרמאָגט ליבלעכקייט, שטאָלץ און ליבע,
און ע ר, וואָס האָט געבענטשט דעם פֿרימאָרגן
דאַרף אויך בענטשן די אָנקומענדיקע נאַכט.

האָב איך מורא פֿאַרן טויט? דער שׂר פֿון ליכט
האָט געמאַכט מיך בליען, האָט געמאַכט מיך געבערן
אַ טויזנט פּירות אין קלאָרן מיטן טאָג.
וואָס זאָל איך זיך שרעקן, וואָס איך וואָג
אין מיטן טאָג צו פֿילן די גאָלדענע שטראַלן,
וואָס די זון שיקט אַראָפּ צו וואַרעמען און בענטשן?
און איך, פֿאַרטאָן אין לויב צו א י ם,
וואָלט דערפֿון אַ רגע נישט געמיינערט.

האָב איך מורא פֿאַרן טויט? דער וואַרעמער נאָכמיטאָג
האָט געוואָרפֿן פּירות אַזוי נאַכלעסיק און געדיכט,
אַז די גאַנצע פֿרוכטבאַרע ערד איז מיט זיי באַדעקט.
וואַרעם בלוט רינט נישט אַזוי געשווינד,
נאָר האָט ליב צו ליגן, צו רוען און צו טראַכטן,
אפֿשר אויפֿן גאָלדענעם פֿרימאָרגן,

צי ווען דער אָוונט הויערט אויפֿן ברעג,
און דער בין־השמשות זאָגט אָן זײַן אָנקום.

האָב איך מורא פֿאַרן טויט? די וועלט אין בליִונג
לערנט נישט קיין שרעק, צי פּחד, אָדער האַס,
און לעבן איז בלויז אַן איינצל־קאַמער
אינעם צײַטלאָזן הויז פֿון שיקזאַל.
דער אייביקער גאָט, וואָס האָט מיר לעבן געגעבן,
צו אָטעמען די זיס פֿרישע לופֿט — אַצינד אַזוי טײַער —
איז דען אויך דער טויט נישט זײַנער?

— — — — — — — — — — — — — — — —

## ג י ס אָ פּ ע ר

איר צײַטלאָזע געטער, גיט מיר אײַער אויער
פֿאַר יעדער האָפֿנונג, וואָס וועט ווערן מקוים.
איך בין ע ר ב מיט מײַן לעבן, מיט מײַן ליבע
בײַם זומער־רעגן, בײַם שניי פֿון אויבן,
בײַ די פֿאַרבן פֿון רעגנבויגן, בײַ די פֿינקלדיקע הימלען,
בײַם לוסטיקן גאָט באַקכוס, גאָט פֿון ליגן.
האַלט אָפּן דעם אויער, איר געטער! לאָזט הערן אײַער קול, איר לענדער,
פֿון די שנייִקע סטעפּעס ביז די מדבר־זאַמדן,
שרײַט אויס מיט אײַערע קלאָרע פֿיל־שטימען.
מירן טרינקען אַ טאָסט! איר געטער, קומט נעענטער
און טרינקט דעם טראָפּן, וואָס מיר גיסן אַרויס,
איידער דער פּורפּורטרויב וועט מער נישט זײַן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

## דאָס לאַנד פֿון פּורפּורנעם אָוונט

ס'איז דאָ אַ לאַנד פֿון אַ פּורפּורנער אָוונט,
אַ לאַנד, ווו דער הימל איז סאַפּיר.
אַ לאַנד, ווו די בערג און די טאָלן זײַנען
אין אַ פֿאַרמעסט פֿון שיינקייט און מאַכט.

ס'איז דאָ אַ לאַנד פון ווינט שפּרייטנדיקער רחבות,
ווו בערגשפּיצן טורעמען איבערן פליין,
ווו די געבענשטע וועלט טרייסלט אירע האָר צום הימל —
צו לאַכן איבער זיך, ווען עס רעגנט.

ס'איז דאָ אַ לאַנד פון מיראַזשן און פון וווּנדער,
אַ לאַנד פון ליידנשאַפט פרידן, און רו.
אַ לאַנד, וואָס וועט שטענדיק לעבן אין מײַן זיכּרון,
ווו ווילדקייט און פרײַהייט הערשן בײַנאַנד.

ס'איז דאָ אַ לאַנד — איר געשיכטע איז פאַרביק,
באַר די קעגנוואַרט איבערשטײַגט דאָך אַלץ.
פאַר די לײַט, וואָס לעבן אויף בערג, אין טאָלן,
צי אין קעניאָנען פון גאָלדענער „וועסט".

ס'איז דאָ אַ לאַנד, ווו די מאַכט און די שטילקייט,
און די ברייטקייט איז איר ענדלעכער ציל.
געפין אייביקייט אין אַלע דײַנע חידושים,
און אַ האַרץ און אַ היים אין דײַן — זעל...!

---

## דאָס ליד פון טרוימער *)

דאָס איז מײַן טריומף,
זעלנער!
קיין פאָנען פלאַטערן נישט פאַר מיר,
און קיין טראָמפּייט פּילט נישט אָן די לופט
מיט מאַרשירנדיקע טענער.
אַ לעבן פון פלאַמען און דונער
איז נישט מײַנס,
אָבער איך האָב אויך געזיגט.

---

*) (פון מחבר) דאָס ליד דערמאָנט מיך אין איר פאָטערס קעגנערשאַפט צו מלחמה, זײַענדיק אַ געוויסנס מלחמה־קעגנער:

ווען אַ סך צונגען
טוען דיך לויבן,
און פּיל אויגן
זוכן דײַן שטאָלץ —
באַשטראַלטן פּנים,
געדענק!
אַז אויך איך לאָז אַ ירושה
צו מיינע קינדס־קינדער
פון פרײַהייט:

— — — — — — — — — — — — — — — —

# אומשטערבלעכקייט

ווען איך וועל שטאַרבן און זיך אומקערן צו שטויב
מיט די געציילטע, וואָס האָבן מיך געקאָנט,
וועלן מײַנע טרוימען דאָך — ווי אַלע טרוימען מוזן
אויך דעמאָלט לעבן, ווען קעניגן און רום וועט אָפּמעקן די ערד.
ווען גלאָריע שטאַרבט און די פרייהייט איז צעטראָטן
אונטער פּיס צוגלייך — פון חיות און פון מענטש.
דאַן וועט איינער טרוימען, ווי איך, פון  ג אָ ט ,
און די פרײַהייט וועט מען ווידער זוכן...

ווען אין דער צוקונפט ווערן וועט דאָס לאַנד
אומפּרוכטבאַר אונטערן טיראַנס יאָך,
וועלן מײַנע טרוימען פורעמען אויף ס'נײַ דאָס זאַמד,
און מאַכן שטאַרקע הערצער פון ערד און ליים;
און מענטשן וועלן נאָך אַ מאָל דערהייבן —
זייער פאַקל — אַ טרוים, וועמעס פײַערדיקער שם
איז פאַרשריבן אויף הערצער פון פאַרלאָפּענע טעג
פון אַ סך באַזיגטע טיראַנען.

זיי זאָגן, ווען די שטערן וועלן אויסגעלאָשן ווערן,
וועט אײַז באַדעקן דער ערדס האַרטער הויט,
אָדער דאָס לאַנד וועט שטאַרבן פון טריקעניש און צער;

פעלדזן וועלן זיך וואַרפֿן און ימים — שליידערן.
זיי זאָגן אַזוי, אָבער אין מיין האַרצן ווייס איך
דער מענטש וועט נישט שטאַרבן, נאָר גיכער בלייבן
אויף אָט דער ערד, ביז דער שטראָם
פֿון טרוימען איז אויסגעשעפּט,
ערשט אין יענעם טאָג איז זיין אומקום זיכער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

## ווילקאָמט מיך אַהיים

אָ, שלאָפֿלאָזע פֿליינען פֿון אומבאַהערשטער קראַפֿט
אומאָרעמט מיך נאָך אַ מאָל. זאָל דאָס ליכט
פֿון אייער הייסער זון שיינען דאָ מילד,
אייערע לאַכעדיקע וואַסערלעך פֿינקלדיק קלאָר
טאַנצן גיך פֿאַרביי. איר, רויִע היגלען,
וועמעס גרויסע רחבות פֿילט אויס אין שטילקייט
דעם ענדלאָזן הימל: ווילקאָמט מיך צוריק!
כ׳האָב אייך איבערגעלאָזן אַ מאָל, צו פֿילן דעם דוחק
פֿון ליבע און לעבן אין גרויסע שטעט
אָבער כ׳האָב זיך ענדלעך אומגעקערט אַהיים...

— — — — — — — — — — — — — — — —

רבותי, אָט די זעקס פּאָעמעס, וואָס איך ברענג דאָ פֿאַר אייך אין דער יידישער איבערזעצונג זיינען געשריבן פֿון מיין אייניקל בעטי. דאָס מיידל איז בסך־הכל אַלט זעכצן יאָר. ווי מען זעט, ווייזט זי אַרויס נישט נאָר אַ פעיִקייט צו אָבסערווירן, נאָר דער עיקר — זיך צו פֿאַרטיפֿן אינעם גורל פֿונעם מענטשלעכן לעבן. זי איז אָן ספֿק אַ דיכטערין. און הגם זי זעט אַ סך טרויער, איז איר גרונטמאָטיוו — אָן אָפּטימיסטישער. ס׳ווילט זיך האָפֿן, אַז זי וועט נישט אַרויסלאָזן די פען פֿון האַנט און ווייטער אַנטוויקלען איר טאַלאַנט.

# זיבעטער קאַפּיטל

## מ ר ד כ י  ד ע ר  „פ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר"

מײַן צווייטער זון, מרדכי, איז מיט אַ פּאָר יאָר ייִנגער פֿאַר זײַן ברודער. ער האָט נאָך קינדווײַז אַרויסגעוויזן סימנים פֿון אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ער איז, פֿאַרשטייט זיך, דורכגעגאַנגען זײַענדיק אַן עופֿהלע די פֿאַרשיידענע קינדערשע חילאַתן. אויב דאָס איז געווען ווינציק, האָט ער צו דרײַ מיט אַ האַלבן יאָר געדאַרפֿט דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע. ווען די „נוירס" האָט אים אין שפּיטאָל, דערלאַנגט אַ טעלער זופּ, האָט זיך דער קליינער וועוריקל אָפּגעזאָגט פֿונעם עסן. באַשר, בכן, ער ווייסט נישט פֿון וואָס די זופּ איז געמאַכט. ער וויל דעריבער עפּעס אַן עסן, ווו ער זאָל זיכער זײַן, אַז ס׳איז נישט געקאָכט פֿון פֿלייש צי פֿון פֿיש. נו, ווי געפֿעלט אײַך, רבותי, אַזאַ פֿאַרשוינדל?

בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט האָט ער שוין, אַ געזונטער, אַוועקגעשאַרט אַ סאַלאַט, אין וועלכער עס האָבן זיך געפֿונען שטיקלעך הערינג. ווען די מכניס־אורחטע שטייט צו אים צו, גיט ער איר אַ זאָג:

איך האָב נישט געגעסן קיין פֿלייש ווען איך בין געווען אַ קליין קינד וועל איך זיך אַצינד צורירן צו הערינג? ער איז דעמאָלט אַלט געווען גאַנצע פֿינף יאָר...!

אָט דער קינדערשער „זאָג" האָט בשעתו באַקומען אַ באַלוינונג אינעם געשטאַלט פֿון אַ קינדערשער באַן, און פֿון ווּעמען? פֿונעם סאַמע „מאָרגן־זשורנאַל", וואָס האָט דעמאָלט אָנגעפֿירט אַ „פּיטשור" פֿון קינדערשע חכמות... דער אָנפֿירער פֿון דער קינדער חכמות־אָפּטיילונג איז געווען י. באָנק.

קורץ און גוט. אָט דאָס יאַטל האָט געקענט זאָגן אויף זיך, אַז פֿון זײַן געבוירן האָט ער נישט פֿאַרזוכט קיין בעל־חי. ער האָט אויך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. מיט אַנדערע ווערטער,

מרדכי, ווי זײַן ברודער, האָבן אַרײַנגעצויגן נאָך ייִנגלווײַז אָט די אַלע אידעען און אידעאַלן, וואָס זײַנען מיר געווען נאָענט און ליב. זייער דערציִונג, סײַ אין דער היים, סײַ אין דער ייִדישער שול, האָבן זיך איינס ס׳אַנדערע דערגאַנצט. זיי זײַנען געווען אַנדערש ווי די אַנדערע קינדער. און דאָס איז געפֿאַלן אויף זיי שווער. מיינט נישט, רבותי, אַז איך האָב זיך געפֿילט אַלע מאָל פֿויגלדיק. ס׳זיינען מיר אָפֿט באַפֿאַלן ספֿקות, צי האָב איך אַ מאָראַליש רעכט צו איזאָלירן מײַנע קינדער פֿון זייערע חבֿרים און פֿון זייער סבֿיבֿה. צי שטעלן איך זיי נישט אַרײַן אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע, מ׳זאָל אויף זיי קוקן און טײַטלען מיט די פֿינגער. נאָר דער געדאַנק, אַז מײַן דרך אין לעבן איז אַ שענערער, אַ מענטשלעכער, האָט מיך געוואָרעמט און געשטאַרקט. ווען איך קוק הײַנט דורך די קאָמפּאָזיציעס וואָס מרדכי האָט געשריבן אין מיטלשול בין איך באמת שטאָלץ אויף זיי, וואָט פֿאַר אַ טיפֿע פֿאַרצווײַגטע באַקאַנטשאַפֿט מיטן ייִדישן לעבן, וויפֿל ליבע און אײַנזעעניש צום שוואַכן, צום אונטערדריקטן, צום „פֿאַרגעסענעם מענטשן", וויפֿל רחמנות און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר יעדן בעל־חי...

ניין, מרדכי האָט נישט געקלעטערט אויפֿן לייטער פֿון וויסנשאַפֿט, ווי זײַן ברודער. אים האָט געצויגן צו צייכענען, מאָלן און קלעפּן. ער האָט שטודירט אַ פּאָר יאָר אין „קופּער יוניאָן".

נאָר קיין באַרוף האָט ער דערפֿון נישט געמאַכט, פֿאַר וואָס? לפֿי דעתי האָט אים אין דעם געשטערט דאָס חתונה־האָבן און דאָס זײַן פֿאַרנומען מיט אַ משפּחה, און אויך דאָס „אַ לעבן־מאַכן". איך וועל אײַך דערציילן אַ סוד: פּונקט ווי איך היט אָפּ זײַנע קאָמפּאָזיציעס, אַזוי היט איך אָפּ זײַנע צייכענונגען. יאָ, נאָך עפּעס, אין די פֿאַרשידענע שולן וואָס ער האָט געלערנט מאָלן איז ער געשטאַנען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון פּיקאַסאָ.

אויך סאָציאַל האָט ער זיך אונטערגעשיידט פֿון משהן. בעת דער לעצטער איז כּל־ימיו געווען און איז פֿאַרבליבן אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט, האָט דער ייִנגערער זיך אידענטיפֿיצירט מיט זײַן טאַטנס פֿילאָסאָפֿיע. נעמלעך ער איז און איז פֿאַרבליבן אונטער דעם אַנאַרכיסטישן אײַנפֿלוס. דער אונטערשיד האָט זיי נישט דערווײַטערט, חלילה, איינעם פֿונעם אַנדערן. ס׳האָט זיך אויך נישט געפֿילט קיין קינאה בײַ מרדכין צו זײַן וויסנשאַפֿטלעכן ברודער. זיי האָבן זיך ליב געהאַט און רעספּעקטירט.

ווען אַמעריקע איז אַרײַן אין דעם צווייטן וועלטקריג, און מען האָט „געדרעפֿטעט" משהן, איז — ווי שוין באַשריבן — אָנגעפֿאַלן אויף אונדז גענוג שווערקייטן און עגמת־נפֿש. דורך דעם גאַנצן פּראָצעס האָבן מיר

כאַטש געהאַט די שטילע טרייסט, אַז דער ייִנגערער זון איז מיט אונדז, נאָר צו דעם איז אויך געקומען אַ סוף. פּונקט ווי דער עלטערער האָט אויך מרדכי דורכגעמאַכט די זעלביקע פּראָצעדור, און אויך ער האָט געענטפערט אויף יענעמס שטייגער און אפשר נאָך אַ ביסעלע האַרבער מיט אַ לאַנגער דעקלאַראַציע, פֿאַר וואָס ער זאָגט זיך אָפּ אָנטייל צו נעמען אין דירעקטער מלחמה־אַקציע. ס׳איז נישט שײַך איבערצוחזרן אַלע געדאַנקען און אַרויס־געזאָגטע מיינונגען. זיי זײַנען מער־ווייניקער ענלעך אויף זײַן ברודערס: פֿונדעסטוועגן איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז די דעקלאַראַציע איז שפּעטער אַרויס אין אַ געדרוקטער בראָשור אונטערן טשיקאַווען קעפּל: „טהי קייס פֿאָר טהי וועזדשעטעריען קאַנשיענשיאוס אַבדזשעקטאָר” מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון סקאַט נירינג, וואָס פֿאַרענדיקט זיך בזה הלשון: „אָט די פּאַסיפֿיסטיש וועגעטאַרישע קאָנצעפּציע נעמט אַרום אַ ברייטערן שטח פֿון לעבן, ווי ס׳קאָן דערגרייכן דער פּאַסיפֿיזם, צי דער וועגעטאַריזם אַליין...” אויך מײַן ווייניקייט האָט אין דער בראָשור אַן אינטראָדוקציע, אַ מין געשיכטלעכער איבערבליק איבערן וועגעטאַריזם. אָבער דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער בראָשור איז, וואָס מרדכי  ז אָ ג ט  אַליין. ס׳איז דערפֿאַר נייטיק צו ברענ־גען כאָטש עטלעכע געדאַנקען פֿון זײַן אייגענעם מויל: „...ווען איך בין געווען נאָך אַ קינד האָט מײַן פֿאָטער מיר קיין מאָל נישט געגעבן קיין שפּיל־צײַג פֿון אַ געווער־כאַראַקטער, ווי למשל: אַ רעוואָלווער, אַ ביקסל, אַ שווערדל, מיט וועלכע ס׳רובֿ קינדער שפּילן זיך. ער האָט מיר דערציילט וועגן מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן יאָרן־לאַנג אין געפֿענקעניש, ווײַל זיי זײַנען אַרויסגע־טראָטן קעגן דעם ערשטן וועלטקריג, ווי יודזשין וויקטאָר דעבס... אָט אַזוי בין איך דערצויגן געוואָרן... און איר פֿאָדערט פֿון מיר, איך זאָל אַצינד, אַ דערוואַקסענער מענטש פֿון איין און צוואָנציק יאָר, אויפֿגעבן מײַנע גלויבונגען, מײַן גאַנצן קוק אויפֿן לעבן? ווען מײַנע פֿרײַנד זײַנען געגאַנגען אויף יאַגד, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט דערפֿון... ווילט איר איך זאָל גיין אויף מענטשן? ווען מ׳האָט געפֿרעגט דעם באַרימטן סקולפּטאָר, אָגוסט ראָדין, אויב ער איז אַ רעליגיעזער מענטש, האָט ער געענטפֿערט: ס׳איז אַ פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ מיין איר לייגט אַרײַן אין אָט דעם וואָרט. אויב איר מיינט מיט רעליגיע, וואָס דער מענטש פּראַק־טיצירט געוויסע דאָגמעס און האַלט טײַער געוויסע אומפֿאַרשטענדלעכע גע־וווינהייטן, בין איך נישט רעליגיעז. פֿאַר מיר, האָט דער סקולפּטאָר געזאָגט, איז רעליגיע אַ סך מער; דאָס איז די גרויסע מיסטעריע, וואָס רינגלט אונדז אַרום. יענע אייביקע כּוחות פֿון אין־סוף, וואָס גיט דעם מענטשן פֿליגל פֿאַר זײַנע געדאַנקען. אין דעם זין בין איך רעליגיעז! אויב אַזאַ רעליגיע וואָלט

נישט געווען, וואָלט מען זי געדאַרפֿט דערפֿינדן. קורץ, אמתע אַרטיסטן זײַנען זייער רעליגיעזע מענטשן..."

פֿון דער גאַנצער בראָשור שטראַלט אַרויס אַ וווּנדערלעך עטישע און ריין זויבערע געשטאַלט, וואָס יעדער פֿאָטער קאָן זיך איבערנעמען. שטעלט אײַך פֿאָר, רבותי, ווי שענער און לײַטישער אונדזער וועלטל וואָלט געווען, ווען אַלע אונדזערע קינדער וואָלטן דורכגעמאַכט אַזאַ דערציִונג.

אָבער אַנדערש האָט אויף דעם ענין געקוקט, כּידוע, די רעגירונג. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן קיין טענות ומענות. מרדכי איז געגאַנגען מיטן זעלביקן וועג פֿון זײַן עלטערן ברודער, דאָס הייסט, ער איז געוואָרן אַ קאַנדידאַט פֿאַר אַנקל סעמס אַרמיי. היות, ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָלגן, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין תּפֿיסה. מאָלט אײַך, ער איז נישט געווען דער אײנציקער, ווי שוין דערמאָנט אין אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל. עס זײַנען געווען צענדליקער און הונדערטער יונגע־לײַט דאָרטן וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו גיין.

נאָך דעם ווי אַלע אַפּעלאַציעס, סײַ צו דער „לאָקאַל־באָארד", סײַ צו אַנדערע אינסטאַנצן, זײַנען דורכגעפֿאַלן, איז מרדכי אויסגעהערט געוואָרן פֿון „דעפּאַרטמענט אָף דזשאַסטיס", אונטערן פֿאָרזיץ פֿון דזשעקסאָן דאַיקמען. נאָך דעם לעצטן פֿאַרהער איז שוין די „קייס" געגאַנגען אין געריכט. דער פֿאַרהער איז פֿאָרגעקומען אין חודש מאַרץ, ניינצן דריי און פֿערציק. מײַן זון האָט אויך געהאַט אַ רעכט צו ברענגען עדות. חוץ מיר איז מיטגעגאַנגען, גלען קערינגטאָן, אַ פֿרײַנד פֿון מײַנע זין און אַ מיטגליד פֿון דער וועגעטאַרישער באַוועגונג.

איך גלייב, אַז עס וועט זײַן אינטערעסאַנט איבערצוגעבן דעם כאַראַקטער פֿון די פֿראַגעס און ענטפֿערס. נאָר איידער דער „הירינג־אָפֿיסער" האָט אונדז געשטעלט די שאַלות, האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק פֿאָרצולייענען די פֿאָלגנדיקע שורות:

„אין זײַן פֿאָרעם זיבן און פֿערציק גיט אָן דער רעגיסטראַנט, אַז ער געהערט צו דער „וואָר רעזיסטערס ליג" זײַט נײַן הונדערט און פֿערציק. דאָס איז זײַן געמיינדע, און די טאָלסטוי־פּיס־גרופּע — זײַן קאָנגרעגאַציע".

בײַם פֿאַרהער האָט דער רעגיסטראַנט דערקלערט, אַז ער האָט געקראָגן אַ יִדישע דערציִונג אין די אַרבעטער־רינג־שולן. אַז ער האָט קיין מאָל נישט באַזוכט קיין סינאַגאָגע, און גלייבט ניט אין דעם „גאָט" פֿון אַבֿרהמען, ד"ה, אין אַ פּערזענלעכן גאָט. ער גלייבט יאָ, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ העכערע קראַפֿט, וואָס דער מענטשלעכער שׂכל קען זי נישט באַנעמען...

אויף דער פֿראַגע, צי מרדכי גלייבט אין דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער מענטשלעכער נשמה, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער „זעט" די „אומ־שטערבלעכקייט" בלויז אין איין פֿאָרמע, נעמלעך, אין די מעלות, ריכטיקער, אין די מעשׂים־טובֿים און אידעאַלן, וואָס קינדער נעמען איבער בײַ זייערע עלטערן. מיט אַנדערע ווערטער — דער יונגער דור איז ממשיך דאָס גײַסטיקע לעבן פֿונעם עלטערן, אויב ער איז צוגעגרייט דערצו...

צו זאָגן, אַז מײַן זונס „פֿילאָסאָפֿיע" האָט אויסגענומען בײַ זײַנע ריכטער, וואָלט געווען שטאַרק איבערגעטריבן. זיי האָבן זיך אָבער באַצויגן מיט רעספּעקט צו אים. זיי האָבן דערפֿילט, אַז עס שטייט פֿאַר זיי אַן אידעאַליסטישער יונגערמאַן, וואָס איז זייער שטאָלץ אויף זײַנע איבערצײַגונגען, און איז זיי איבערגעגעבן בלבֿ ונפֿש, און אַז גאָרנישט וועט אים צוריקהאַלטן, כּדי זיי דורכצופֿירן אין לעבן, אויב ער זאָל אַפֿילו דאַרפֿן מקריבֿ זײַן זײַן לעבן...

געריכט צי אומגערעכט, זיי זײַנען געווען „געוויסן־קעגנער פֿון מלחמה". מרדכי איז געזעסן אין געפֿענקעניש אַ חדשים זיבן. אין דער צווישנצײַט איז משה באַפֿרײַט געוואָרן. טרויער און פֿרייד האָבן זיך געביטן. אויך אים האָבן מיר באַזוכט איין מאָל אַ חודש. מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף דער שעה צו פֿאָרן אים זען.

פֿאַר אונדז איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער אַנצוגיין מיט דער שאַפֿ־אַרבעט. מיט דער עסן־פּראָבלעם האָבן מיר געהאַט די זעלביקע פּראָבלעם, נעמלעך, צו פֿועלן בײַם וואָרדן, אַז ער זאָל אויך מרדכין שטעלן אויף דער „דייעט־לאַין" כּדי ער זאָל קאָנען באַקומען וועגעטאַרישע עסנס, און נאָך דעם ווען עס איז געקומען די צײַט פֿון זײַן באַפֿרײַונג האָט זיך פֿאַר מיר און משהן אָנגעהויבן אַ שרײַבעניש צו שפּיטעלער כּדי אים אָנצושטעלן. מיר האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל אים לאָזן אַרבעטן אין אַ ניו־הייווענער שפּיטאָל, דאָס האָט מען אים נישט דערלויבט, ענדלעך, האָט אים דער זשעפֿערסאָן־שפּיטאָל אין פֿילאַד' אָנגעשטעלט. ס'האָט זיך פֿאַר אים אָנגעהויבן אַ טרויעריק שטיקל צײַט. אָבער ער האָט אַלץ אָנגענומען פֿאַר ליב. אָט דאָס האָט אים געגעבן די שטאָט פֿון „ברודער־ליבע" פֿילאַדעלפֿיע. אַלץ איז בײַ אים רעכט געווען, אַבי נוצלעכע און קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. גיין אַרום קראַנקע, באַזאָרגן זיי מיט פֿאַרשידענע באַקוועמלעכקייטן, און די סאַטיספֿאַקציע צו ווערן אָפֿיציעל אָנערקענט פֿון דער רעגירונג, פֿאַר אַ געוויסן־מלחמה־קעגנער. דער־ווײַל האָט זיך די צײַט גערוקט, דער קריג האָט זיך געענדיקט, נאָר מרדכי איז געבליבן אין דער שטאָט פֿון „ברודער־ליבע". אמת, ער האָט דאָרטן

געפֿונען אַן אַנדער ליבע, ראָמאַנטיש גערעדט. ער האָט דאָרט געפֿונען זײַן זיווג. דאָס מיידל, אַ טאָכטער פֿון ייִדיש עסטרײַכישע עלטערן, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מעלות וואָס האָט צוגעצויגן מײַן זון. ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט, וועט זײַן אינטערעסאַנט צו דערציילן. פֿאַראַן אין פֿילאַדעלפֿיע אַ „קוויקער־גילד" ווו יונגע בחורים און מיידלעך קומען אַהין צו העלפֿן אין דער קוויקערישער אַרבעט, פֿון אויסצוהיטן די אָרעמע באַפֿעלקערונג וואָס וווינען אין „סלאַמס" פֿון ראַסנהאַס. זיי האַלטן אויס אַ שפּילפּלאַץ ווו שוואַרצע און ווײַסע קינדער שפּילן זיך צוזאַמען און לערער לערנען זיי ווי אַזוי צו לעבן בשלום. מרדכי האָט אין דער „גילד" אויך געלערנט מיט די יוגנט־לעכע מאָלן. זיי האָבן חתונה געהאַט און לסוף זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק. ער האָט זיך געשטעלט צוריק צו דער אַרבעט אין מײַן קראַוואַטן־שניפּסן פֿאַבריק.

ס'איז אונדז געוואָרן לײַכטער אויפֿן געמיט נאָך 19 חדשים וויזיטירן זיי אין תּפֿיסה, דאָס לעבן איז פֿאַר אונדז געוואָרן אינטערעסאַנטער.

מרדכי האָט אַזוי פֿאַוואָלינקע אָפּגעאַרבעט אין מײַן שאַפּקע אַ דרײַ יאָר. ער האָט זיך ניט געפֿילט גליקלעך אין די ד אַמות פֿון ווענט. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט דעם ברייטן דרויסן, די אומענדלעכע רחבות און דעם ווײַטן האָריזאָנט. איז ער זיך מיישבֿ און קויפֿט אָפּ מיט אַ שותּף אַ פֿאַרם פֿון צען אַקער לאַנד בײַם גרענעץ פֿון ווערמאָנט סטייט. איך האָט אים דעמאָלט געדאַרפֿט אָנקוקן! ס'איז געווען אַ געביטענער מענטש! נאָך די שווערע איבערלעבונגען פֿון זיבן חדשים תּפֿיסה, האָט דער יונג פּשוט אָפּגעלעבט אין דער סבֿיבֿה פֿון פֿעלדער, וועלדער און גערטנער. און שעהען פֿון רו, האָט ער געקענט ליגן אויפֿן פֿעלד און רויִק נאָכטראַכטן וועגן דער געזעלשאַפֿט און אירע צילן, וועגן דעם בן־אָדם, וועגן דער נאַטור און וועגן יענעם געהיימניספֿולן כּוח, וואָס מיר רופֿן ג אָ ט! דאָס זײַנען אפֿשר געווען זײַנע אָנגענעמסטע יאָרן. דרײַ אומפֿאַרגעסלעכע יאָרן פֿון רו און שלווה. אָבער ערגעץ איז שוין, אַ פּנים, אָנגעצייכנט, אַז דער מענטש זאָל לאַנג נישט האָבן קיין נחת. פֿאַרגלוסט זיך פּלוצעם דעם שותּף זײַנעם אויפֿגעבן די שותּפֿות. נו, אַליין אַרומגיין מיט אַזאַ שטיק לאַנד האָט ער זיך נישט געפֿילט בכּוח. מ'האָט אויך געדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר דער דערציִונג פֿון די קינדער. בקיצור, ער האָט פֿאַרקויפֿט די נחלה און איז צוריקגעקומען אין שטאָט אַרײַן און זיך גענומען צוריק צו מאַכן שניפּסן. אָבער אַ מענטש ווי מרדכי האָט אויך בײַ דעם פֿאַך לאַנג נישט געקענט בלײַבן, איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין שיקאָגע און איז דאָרטן אָנגעקומען אַרבעטן אין אוניווערסיטעט. איר וועט

פֿרעגן וואָס פֿאַרא סאָרט אַרבעט ער האָט דאָרטן געטאָן? ווער איך אײַך, יידישלעך, ענטפֿערן, וואָס האָט ער דאָרטן נישט געטאָן? ווען איך וואָלט געווען אַ מיסטיקער, וואָלט איך געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַן „אצבע אלהים". וואָרעם דער יונג האָט נאָך געהאַפּט אויף באַזוכן קאָלעדזש, און די כּוונה בײַ אים איז געווען, נאַטירלעך, ווײַטער צו שטודירן. נו, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער קריג אויפֿן לאַנד און האָט אים צעשטערט די פּלענער... ער האָט געהאַט אַ נחת־רוח כּאָטש צו אַרבעטן אין און אַרום דעם אַנגעזעענעם און הויך אַקאַדעמישן היכל, אויב ער האָט דאָרטן נישט געקענט שטודירן. היות, ווי זײַנע פֿאָרדינסטן האָבן נישט געקלעקט אויף אויסצוהאַלטן די משפּחה, האָט זײַן פֿרוי, פּעליס, אָנגענומען אַ שטעלע ווי אַ לערערין אין אַ „פּאָבליק־סקול", מחמת דאָס איז געווען איר באַרוף און פּראָפֿעסיע. און ווען פּעליס איז געווען אין קלאַס, האָט ער שוין געפֿונען צײַט אויך אַכטונג צו געבן אויף די קלענערע קינדער...

איר זײַט אַוודאי נײַגעריק צו וויסן, רבותי, צי זײַנע קינדער האָט ער דערצויגן אינעם זעלביקן גײַסט. יאָ! איך וועל אײַך ברענגען אַ בײַשפּיל פֿון זײַן פֿופֿצן־יאָריקער טאָכטער נאָרי. איך וויל זיך דערלויבן ווי אַ זיידע צוערשט אַ באַרים טאָן מיט אָט דעם אייניקל מײַנעם. נאָרי האָט געוווּנען אַ פּרײַז אין דער קונסטשול פֿאַר אַ צייכענונג. זי איז בכלל אַ באַגאַבט קינד, און מ'האָט פֿון איר אַ סך נחת. אָבער דער סאַמע עיקר — זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע און איז אָפּגעפֿאָרן קיין וואַשינגטאָן צו „פּיקעטן" דאָס „ווײַסע הויז" קעגן נוקלעאַרע וואָפֿן. ווי איר זעט, רבותי, אַז מען זייט — וואַקסט; ס'האָט זיך נישט געענדיקט מיט מרדכין... די קערנדלעך האָבן זיך אָנגענומען בײַ זײַנע קינדער...

ס'ליגט פֿאַר מיר אַן אַרטיקל פֿון שמואל ניגער, ע"ה, ווו ער רעאַגירט אויף דער פּריִער דערמאָנטער בראָשור. דער אַרטיקל איז דערשינען אין „טאָג" דעם זעכצנטן מאַרץ, ניינצן זעקס און פֿערציק אונטערן קעפּל „פּאַסיפֿיזם ווי אַ רעליגיע". ער שרײַבט:

„אַ שרײַבער איז נײַגעריק צו קריגן בריוו פֿון לייענער. אים דוכט זיך אַזוי אָפֿט, אַז זײַן שטים איז אַ שטים אין דער וויסטעניש. מיט אַ מאָל — אַן עכאָ. עמיצער האָט ערגעץ־ווו דערהערט, זיך אָפּגערופֿן. דאָס, וואָס דו שרײַבסט איז, הייסט עס, נישט קיין מאָנאָלאָג, וואָס קיינער רײַסט דיר ניט איבער אין מיטן און קיינער דערמוטיקט אים ניט. אָט איז אַ לייענער ברוגז געוואָרן, און אָט איז אַ לייענער, וואָס סימפּאַטיזירט מיט דײַנע מיינונגען. איז דאָך אַוודאי גוט. כ'קאָן דעריבער פֿאַרשטיין אַ קאָלעגע, ווען ער איז

דאַנקבאַר זײַנע קאָרעספּאָנדענטן און פֿאַרעפֿנטלעכט זייערע בריוו. איך טו עס זעלטן. כ'האָב, פּשוט, ניט קיין אָרט אין מײַן וועכנטלעכן אַרטיקל. דאָך טרעפֿט, אַז דו זאָלסט שטאַרק וועלן אָפּטרעטן אויף אַ ווײַלע דעם „עמוד" איינעם פֿון דײַנע לייענער.

„אַזאַ געפֿיל האָב איך געהאַט דאָ נישט לאַנג, ווען איך האָב געקראָגן אַ בריוו פֿון אַ לייענער אין ברוקלין, נייטן ס. דייווים, אין איינעם מיטן ייִדישן בריוו האָט פֿרײַנד דייווים מיר צוגעשיקט אַן ענגלישע בראָשור, געשריבן פֿון זײַן זון, מעקס דייווים, דעם ייִנגערן פֿון זײַנע צווייִ: ביידע זײַנען, ווי דער פֿאָטער, וועגעטאַריער און פּאַסיפֿיסטן. די בראָשור האָט אַ פֿאָרוואָרט פֿון סקאָט נירינג און אַן אינטראָדוקציע פֿונעם יונגן פֿאַרפֿאַסערס פֿאָטער, נייטן דייווים, מײַן קאָרעספּאָנדענט.

„דאָס ביכעלע פֿונעם ווילן ברוקלינער בחור, אין איינעם מיט זײַן פֿאָ־טערס אַרײַנפֿיר, האָט מיך פּונקט אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, ווי דער בריוו. און ס'איז דערפֿאַר, וואָס דער זון און דער פֿאָטער שרײַבן, ווי גע־זאָגט, אין איין גײַסט, מער נאָך — זיי לעבן אין איין גײַסטיק לעבן. זיי זײַנען ביידע וועגעטאַריער און אויסגעהאַלטענע קעגנער פֿון קריג. דער זון, הייסט עס, גייט אינעם פֿאָטערס דרכים. ער זאָגט אים נישט נאָך סתּם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, ער דענקט זעלבשטענדיק. אָבער מען זעט, אַז דער פֿאָטער האָט זיך ג ע מ י ט אים צו מאַכן פֿאַר זײַן גייסטיקן יורש. און אים איז עס געלונגען דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אים דערצויגן ניט אַזוי מיט ווערטער, ווי מיט מ ע שׂ י ם, מיט שאַפֿן בײַם קינד געוווינהייטן, מיט לערנען אים לעבן, ניט נאָר טראַכטן, אויף אַ געהעריקן אופֿן".

„ס'איז אויך אין אַמעריקע, הייסט עס, מעגלעך צו דערציִען קינדער. און עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער פֿאָטער איז אַן אימיגראַנט. עס איז נאָר נייטיק, אַז ער זאָל וויסן, אַז קינדער־דערציִונג הייבט זיך אָן פֿון זעלבסטדערציִונג".

„ניט איינער פֿון אונדז, האָט באַשולדיקט „אַמעריקע" איז דעם, וואָס אונדזערע זין און טעכטער זײַנען קנאַפּע ייִדן, האָט געמעגט האָבן טענות צו זיך אַליין. ווען אין טאַטע־מאַמעס לעבן, אין דער לופֿט פֿון זייער היים, זאָלן זײַן מער ייִדישקייט, וואָלט עפּעס זיך צוגעקלעפּט אויך צו די קינדער. אויב נישט מער ווי עפּעס... אויב אונדזער יוגנט איז אָפּט אַן אַ פֿאַלק איז עס, ווייל... פּוקד עוון אָבֿות על בנים — קינדער צאָלן פֿאַר די זינד פֿון די עלטערן. און קיין מאָל איז עס נישט אַזוי ריכטיק, ווי אינעם פֿאַל פֿון ייִדי־שע קינדער־דערציִונג אין אַמעריקע. מער ווי די „סקול" און אַפֿילו מער ווי

די גאַס, פֿרעמדט אָפּ יידישע קינדער פֿון יידן און פֿון יידישקייט — די היים. זי דערווײַטערט זיי פֿון יידן און יידישקייט דערמיט, וואָס זי אַליין דערווײַטערט זיך פֿון זיי".

„אין יידישן זין זײַנען יידישע היימען אין אַמעריקע זייער אָפּט נישט קיין היימען, נאָר פּוסטקעס..."

„נתן דייוויסעס היים איז, ווי עס ווײַזט, געווען אַ היים פֿאַר זײַנע קינדער, נישט קיין פּוסטקע. ווי ער אַליין גלייבט, איז זי געווען פֿאַר זיי — אַ יידישע היים... „זעט איר", שליסט ער זײַן זייער אינטערעסאַנטן בריוו: „איך און מײַנע צוויי זין האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָלגן די גענעראַלן און מיליטאַריסטן, זיי זײַנען דורכגעגאַנגען תּפֿיסה, און שפּעטער געוואָרן אָנערקענט פֿון דער רעגירונג ווי געוויסנס־מלחמה־קעגנער... זייער קעגנער־שאַפֿט שטאַמט אויך דערפֿון, וואָס זיי זײַנען דערצויגן געוואָרן ווי וועגעטאַריער..."

„נישט אויך, וואָלט איך געזאָגט, נאָר דערהויפּט דערפֿון, וואָס זיי זײַנען דערצויגן געוואָרן ווי וועגעטאַריער. זיי האָבן יאָרן־לאַנג נישט געהאַט, נישט געוואָלט האָבן קיין שײַכות צו טייטן לעבעדיקע באַשעפֿענישן, זײַנען זיי געוואָרן אויך קעגנער פֿון מלחמה. איינס מיטן אַנדערן איז ענג געבונדן... „איך בין דערצויגן געוואָרן פֿון מײַן געבורט אָן". — שרײַבט מעקס דייוויס — „ווי אַ וועגעטאַריער. צוליב עטישע מאָטיוון עס איך נישט קיין פֿלייש, קיין פֿיש אָדער פֿייגלפֿאַנג. אַזוי ווי אַן אָרטאָדאָקסישער ייד היט אָפּ זײַן אמונה, אַזוי פֿיר איך זיך אויף, לויט דער פֿאָדערונג פֿון מײַן געוויסן. אין פֿולן הסכּם מיט מײַנע איבערצײַגונגען. איך גלייב אין „לא תרצח", איך גלייב, אַז דאָס איז שײַך אי צו מענטשן, אי צו חיות..." און ווײַטער: „אַ וועגעטאַריער איז, אין תּוך גענומען, אַ מענטש פֿון פֿרידן. ווי נאָר מען הייבט אָן צו ניצן פֿאַר אַ וואָסער עס איז ציל צעשטערונגס־מיטלען, ווערט מען גרויזאַם, פֿאַרעקשנט, ניט פֿעיִק אײַנצוגיין אויף הנחות, אומטאָלעראַנט..."

„ס'איז נישט גענוג צו זײַן קעגן מלחמות, כּדי זיי זאָלן אויפֿהערן, — האַלט מעקס דייוויס. מע מוז זיין קעגן אַכזריות בכלל. און מען מוז עס זײַן שטענדיק, נישט נאָר אין קריגסצײַט..." „צוויי תּנאים זײַנען נייטיק, כּדי עס זאָלן נישט זײַן קיין מלחמות אויף דער וועלט: ערשטנס, מענטשן זאָלן באמת ווילן לעבן אַ פֿרידלעך לעבן, און צווייטנס, אַז זייערע געפֿילן זאָלן הומאַניזירט ווערן נישט בלויז בנוגע קריג, נאָר אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע לעבנס־תּנאים": „אויב מיר אַליין...", — שרײַבט מעקס דייוויסעס

פאטער און דערציער אין זיין בריוו צו מיר, — „אויב מיר אליין זאלן נישט באשליסן, צי מיר ווילן מלחמה, צי ניט, וועט זיכער קומען אין גיכן צו א נייער מלחמה, א מלחמה, וואס בלויז דער טייוול קאן מאלן, ווייל פונקט ווי שרייבער זיינען געשטאנען אין דינסט פון דער עבודה־זרה (קאפיטאל, די רייכע בענק), שטייען די וויסנשאפטלעכע אקראבאטן, וואס שפילן זיך מיט נאטור־כוחות, נאטור־ענערגיע אויך. זיי האבן פארמאכט די אויגן אויפן אינטערנאציאנאליזם, אויף רחמנות, אויף ברידערלעכער סאלידאריטעט, אויף קעגנזייטיקע געפילן פון מענטש צו מענטש... אלע האבן געטראטן מיט די פיס זייערע רעליגיעס, פונעם רעליגיעזן מענטש ביזן פריידענקער, דער ייד און דער קריסט". נו, „אלע", איז א שטיקל גוזמא. ניט אלע וויסנשאפטלייט זיינען גלייכגילטיק צו די געפילן פון רחמנות און מענטשלעכקייט, אזוי ווי ניט אלע שרייבערס דינען די עבודה־זרה פון קאפיטאל. פריינד דייוויס איז א ביסעלע א פראפאגאנדיסט, ניט נאר א דערציער, און די טבע פון פראפאגאנדיסטן איז איבערצוכאפן די מאס. בכלל אבער זיינען די דייוויסעס, פאטער און זין, גערעכט. די פראגע פון קריג און פרידן איז די פראגע פון אלע פראגעס, דאס איז ניט אן עניין פון פאליטיק און דיפלאמאטיע, ניט בלויז א פראבלעם פון רויע מאטעריאלן, האנדלס־מערק, קאנקורענץ, פראפיטן. ס'איז א פראגע פון מענטשלעכן פילן און דענקען, א פראגע פון דערציונג און זעלבסטדערציונג".

„איז דעריבער נישט גענוג צו האבן אין דער פראגראם א פונקט קעגן מיליטאריזם, קעגן אימפעריאליזם. די שטרעבונג צו פרידן מוז זיין א פראגראם פאר זיך אליין, און ניט קיין טעארעטישע פראגראם, נאר א לעבנס־פראגראם, א לעבנס־פ ר א ק ט י ק..."

„פריער ווי אלץ מוז דער יחיד אויפהערן צו זיין קריגעריש. די פראבלעם פון קריג און פרידן איז א צווישן־מענטשלעכע, ניט נאר א צווישן־פעלקערלעכע פראבלעם. כל־זמן יחידים רייסן זיך צווישן זיך און קענען זיך נישט אויסגלייכן, וועלן זיין רייסערייען און מלחמות צווישן פעלקער. כל זמן מענטשן האבן זיך ניט אויסגעלערנט דורכצוקומען וועגן זייערע קליינע סכסוכים אויף א פרידלעכן אופן, וועלן ניט זיין קיין פשרות און קיין אמתע פרידנס־אפמאכן צווישן לענדער אדער גרופעס לענדער; כל זמן דער מענטש איז דעם מענטשן א וואלף, וועלן אויך די אינטערנאציאנאלע באציונגען זיינען ו ו ע ל פ י ש...!

„פרידן, פריינדלעכקייט, ווי יעדע גוטע זאך מוז זיך אנהייבן אין דער

היים. „נידער מיט מלחמה!" מח מיינען נידער מיט אַלע מלחמות, ווו דער פיזיש שטאַרקערער געווינט".

„מע קען נישט פאַרווערן קיין אַטאָמישע באָמבעס, אויב מען גיט אַ הכשר אויף אַ ז ו י באָמבעס. מען קאָן זאָגן: בלוט פאַרגיסן מעג מען, נאָר נישט צו פיל. ווער קאָן באַשטימען: וויפל? עס איז פאַר די, וואָס באַגייען אַליין אַכזריותן, אומזיניק צו פראָטעסטירן קעגן צו גרויסער אַכזריות. וואָס מיינט — צו ג ר ו י ס ? ווו איז די מאָס?"

„און דער עיקר: ווי קאָן מען פאַרהיטן, אַז פון די קליינע ריטשקעלעך בלוט זאָלן ניט ווערן קיין ש ט ר אָ מ ע ן בלוט, אַז פון איינצלנע מאָרדן זאָל? ניט ווערן קיין מאַסנמאָרד? מען דאַרף געוויס זאָגן הונדערט מאָל להבדיל, ווען מע פאַרגלייכט די „געוויינטלעכע" פאַרברעכנס מיט די רציחות, וואָס די דייטשן האָבן מיט אַזאַ סיסטעמאַטישקייט „אָרגאַניזירט" אין די מיידאַנעקס די טרעבלינקעס, אין די דאַכאַוס. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס דער אונטערשייד ווי גוואַלדיק גרויס ער איז, איז ער דאָך בלויז קוואַנטיטאַטיוו".

אומעטום טוט מען אָן צרות די אָדער יענע ייִדן. איז געקומען היטלער און געזאָגט: איך וועל אַלעמען איבעריאָגן — איך וועל אויסהרגענען, פאַרטיליקן, פאַרניכטן און פאַרפּייניקן אַלע ייִדן, פון קליין ביז גרויס. אומעטום זיינען דאָ תּפיסות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, העסלעכע אינקוויזיציע־אַנשטאַלטן. זיינען געקומען די דייטשן און האָבן באַוויזן, אַז זיי קאָנען עס מאַכן גרינטלעכער, און זיי האָבן „איינגעאָרדנט" גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס. נעמט דאָס פון זיי אַראָפּ די שולד? פאַרקלענערט דאָס זייער פאַרברעכן? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. אָבער אויב מע וויל, אַז דאָס זאָל זיך ניט איבערחזרן, איז נישט גענוג צו באַשטראָפן דעם גולם, פאַר וואָס ער האָט אין מיטן העלן טאָג פאַרמאַכט אַלע לאָדן, ווען מען האָט אים געהייסן פאַרמאַכן די לאָדן נאָר פון איין פענצטער. מע דאַרף אויפהערן זיך צו שאַפן מיט גולמס בכלל. הינטער יעדער מענטשלעכער האַנדלונג מוז זיין באַוווסטזיין. און דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר ווען מענטשן און פעלקער, וואָס אַסרן הונדערט־פּראָצענטיקן נאַציזם, זאָלן זיך ביסלעכוויין אָנהייבן אָפּצוגעווינען פון זיין אַפילו נאָר פופציק אָדער דרייסיק פּראָצענט אומ־מענטשלעך".

„די דייוויסעס, פאָטער און זון, זיינען גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז אויב מען וויל מיט אַן אמת נישט קיין מלחמות און קיין בלוט־פאַרגיסונג און קיין מעשׂים־תּעתּועים, דאַרף אָט די שטרעבונג אויפהערן צו זיין פּאָליטיק און

אָנהייבן צו ווערן דאָס וואָס ביי אמת פרומע ייִדן איז פרומקייט, דאָס, וואָס ביי טאָלטאָיען אָדער ביי גאַנדין איז דער געבאָט פון ניט באַנוצן קיין שלעכטע מיטלען פאַר גוטע צילן: פאַסיפיזם מוז אויפהערן צו זיין אַ פּאָליטישע פאָדערונג און ווערן אַ שיטה פון טאָג־טעגלעכע מצוות און מעשים־טובים, אַ לעבנס־שיטה, אַ לעבנס־גלויבן...״

דער אָפּרוף פונעם השובן שריפטשטעלער האָט מיך געשטאַרקט און געמוטיקט. איך האָב געפילט, אַז איך גיי אויפן ריכטיקן וועג. וויפל שטרויכלונגען איך האָב אָנגעטראָפן אין מיין שפּעטערדיקן לעבן האָבן מיר מער ניט געאַרט. איך האָב זיך נישט געדאַרפט קלאָגן, ווי דער פאַרצייטיקער נביא: „בנים גידלתי ורוממתי והם פשעו בי״... נייערט, מיינע קינדער זיינען יאָ געגאַנגען אין מיינע דרכים.

איך האָב באַזוכט מרדכין אין שיקאַגע. ס'איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר פּסח. איך האָב דעמאָלט גלייך דערשפּירט אין דער לופט, אַז מיין חבֿרה קלייבט זיך צו פּראַווען אַ סדר. ס'האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן די האַוועניש. מיין זון און שנור האָבן פאַרבעטן נאָך אַ פּאָרל, אַ יונגן סטודענט און אַ פרוי, וואָס האָבן לאַזשירט ביי זיי. פאַרשטייט זיך, אַז געפּראַוועט דעם סדר האָב איך. איך וועל זיך אייך מודה זיין, רבותי, איך האָב הנאה געהאַט פון מיין עובֿדה. ווי איר ווייסט שוין, באַלאַנג איך נישט צום טראַדיציאָנעלן חדר, אָבער איך האָב ליב טראַדיציעס. דער סטודענט שטעלט פּלוצים אַ קלאָץ־קשיה וועגן דעם עצם סדר, און וואָס פאַר אַן ענטפער מען גיט אים, בלייבט ער אומצופרידן. ער „לאָזט״ נישט ווייטער אָנגיין. ס'קאָן נאָך חלילה, ווערן פונעם סדר אַן א ו מ ס ד ר. מאַך איך אַ שפּאַס און לייג אים פאַר אָפּצורופן „זיין״ ראַבאַי, אפשר וועט אים יענער געבן די ריכטיקע תשובֿה: פילט זיך נישט דער יונגערמאַן און פאַרבינדט זיך טעלעפאָניש מיט עמיצן. איך בין דערשטוינט! ניט שוין זשע וועט אַ ראַבאַי, מעג ער זיין אפילו פון די רעפאָרמער, זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ עסק און אין אַזאַ צייט? איך ווער נאָך מער דערשטוינט, ווען דער פאַרשוין קערט זיך אום צום טיש מיט אַ גליקלעכן שמייכל. בעת־מעשה איז מרדכי מיר מודיע, אַז זיין פריינד איז אַ פּראָטעסטאַנט, און איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין ייִדישע ענינים, און אַז גערעדט האָט ער מיט אַ רעוורענד פון זיין גלויבן...

קורץ און גוט. דאָס ייִנגסטע קינד האָט געפרעגט די פיר קשיות. מען האָט געזונגען דאָס „פּיראַמידן־ליד״. איך האָב זיי דערציילט די מעשה פון

יציאת־מצרים. מ'האָט „געגנבעט" דעם אַפּיקומן. איך ווייס ניט צי דער „חזון־איש" וואָלט געגעבן זײַן הכשר אויף אַזאַ סדר. אָבער דער עולם בײַם טיש האָט געשעפּט נחת און געפּילט, דאַכט זיך, אַז ער פֿאַרבינדט זיך, אין אָט דער סדר־נאַכט מיט כלל־ישראל.

יאָ, עס דאַרף דערמאָנט ווערן בקול רם — ס'איז נישט געווען קיין געדעכעניש פֿון פֿלייש אָדער פֿיש. ס'איז געווען אַ וועגעטאַרישער סדר. אויב מיר האָבן „געזינדיקט" קעגן עפּעס אַ טראַדיציע, אַ מנהג צי אַ חוק, וועט דער אייבערשטער אונדז דערפֿאַר פֿאַרגיטיקן, וואָס מיר האָבן זיך נישט באַנוצט מיט שפּײַז פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן...

איך געדענק אין יענער פּסח־וואָך האָב איך אויסגעלערנט מײַנע אייניקלעך אַ צאָל יידישע קינדערלידער און זיי אויסדערציילט פּסח־מעשהלעך און — סתּם יידישע מעשהלעך. און כּדי זיי זאָלן זיי פֿאַרגעדענקען האָב איך אַרײַנגעזונגען און אַרײַנגערעדט אין אַ רעקאָרדיר־מאַשין. מײַן שנור פֿעליס האָב איך באַזאָרגט מיט אַ יידישן „אַלף־בית" און אָנגעגעבן די קלאַנגען מיט לאַטייניש בוכשטאַבן. און גלייבט מיר, רבותי, ס'האָט זיך „צוגעקלעפּט" — זיי זינגען די לידער און געדענקען מײַנע מעשהלעך.

איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון שיקאַגע דאָס מאָל אין אַ געהויבענער שטימונג. די פּסח־וואָך בײַ מרדכין האָט מיך שטאַרק דערוואַרעמט און אינספּירירט. איך בין נישט געווען געניאַרט בײַ זיך. איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער, ווי זײַן משפּחה איז נאָך גאַנץ ווײַט פֿון דער יידישקייט, וואָס איז מיר נאָענט און ליב. אָבער אַ התחלה האָב איך פֿאָרט געזען. דער עיקר האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס יעדער פֿון זיי איז געזעלשאַפֿטלעך פֿאַרטאָן. מאַן און ווײַב זײַנען אָנגעשלאָסן אין דער קאָאָפּעראַטיווער און פּאַסיפֿיסטישער באַוועגונג. די קינדער — אין דער פֿרידנס־ליג. מע גייט צו פֿאַרזאַמלונגען, מע לייענט און מע דיסקוטירט. מען הערט זיך צו צום פּולס פֿון אונדזער וועלט...

אָט אַזוי האָב איך דערצויגן מײַנע קינדער, אַזוי דערציִען זיי זייערע!

איר הערט, רבותי? איך האָב באַקומען אַ פֿאַמיליע־בילד פֿון זיי. מײַן האַרץ איז געשפּרונגען פֿון נחת. אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע זעט מען אַ דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער מײַן שנור פֿעליס נעמט אָנטייל. לעבן איר שטייט איר פּינפּיאָריק יינגעלע, אבֿרהם. ער קוקט אויס אַ ביסעלע צעשראָקן. ער ווייסט, נעבעך ניט וואָס ס'קומט פֿאַר אַרום אים. (אוי סאַראַ רירנדיקע געשעניש. דאָס גרייט דאָך צו זײַן מאַמע פֿאַר אים אַ פֿ ר י ד ל ע כ ע וועלט!). די עלטערע טאָכטער, קאָני, טיילט אויס דאָרטן „ליפֿלעטס", די

יינגערע, נאַרי, געפינט זיך אַצינד, ווי שוין פריער דערמאָנט, אויף אַ דע־מאָנסטראַציע אין וואַשינגטאָן...

איך האָב אַ חשד, רבותי, אַז איר שמייכלט זיך אין די וואָנצעס. זעט נאָר פון וואָס אַ ייד ווערט עס נתפּעל. ווער גיט זיך אָפּ מיט אַזוינע זאַכן? אַ זשמענקעלע מענטשן? פאַרגעסט נישט אַלע גרויסע זאַכן הייבן זיך אָן קליין. יאָ, איך און מײַנע בני־בית געהערן צו אָט דעם מיעוט. איך ווי זיי, זײַנען אַזוי פאַרקאַפּט פון אָט די געדאַנקען, אַז איך קען מיר גאָרנישט פאָרשטעלן אַן אַנדער לעבן. און ווען איך דאַרף נאָך אַ מאָל דורכגיין אונ־דזער וועלטל, מעגט איר זיכער זײַן, כ'וואָלט קיין אַנדערן וועג נישט אויס־געקליבן...

איך קאָן אײַך ערב זײַן, אַז אַזוי טראַכטן אויך מײַנע קינדער.

און בײַם סוף פונעם קאַפּיטל, לאָמיר ציטירן עפּעס פון מײַן זון מרדכיס בריוו. זיי וועלן עפּעס צוגעבן צום אַלגעמיינעם בילד פון מײַן מישפּחה.

# פון תפיסה-לעבן

## פון מרדכיס בריוו (צענזורירט)

אַפּריל, דעם 2טן, 1944

פון מעקס דייוויס 3146

צו רינ׳י דייוויס.

טײַערע האָדל און משפּחה: —

איך האָב דערהאַלטן דעם בריוו פון דיר, דערפאַר אַדרעסיר איך מײַן ענטפער צו אײַך אַלעמען. איך קאָן זיך פאָרשטעלן ווי פאַרנומען איר זײַט צוליב דעם יום־טובֿ פּסח. איך שטעל מיך פאָר, ווי דו און מאַ וואַשן, ריי־ניקן און איבערצײַען פאַרשיידענע זאַכן.

איך בין פרײַ פון אָט דער אַרבעט. וואָלט איך געווען אין דער היים, וואָלט איך געדאַרפט אויפהענגען די פאָרהענגלעך און אַ האַלבן טוץ אַנדערע זאַכן לכּבֿוד פּסח.

ווי איך ווייסט מסתמא, זײַנען די באַזוכן צו מיר דערלויבט יעדן טאָג פון אײנס ביז פיר. עס וועט מיר שטאַרק פרייען, מײַנע טײַערע, זיך צו זען מיט אײַך קומעדיקן שבת אָדער זונטיק. לאָזט מיר וויסן די פּינקטלעכע צײַט.

דעם פּופּצטן מײַ שרײַבט ווידער מרדכי:

„טייערער פּאָפּ, מאַם און ריני (האָדל): —

הײַנט איז „מוטערסטאָג". דאָס בעסטע וואָס איך קאָן טאָן בײַ אַזאַ געלעגנהייט — איז צו ווידמענען אַט דעם בריוו צו דער מאַמען, און די גלײַכסטע מתנה איז צו מאַכן פֿאַר איר אַ האַנטבײַטל (פּאַקעטבוק). כ'האָב זיך שוין אײַנגעשאַפֿט די סחורה און אויך דעם לעדער. איך וועל אים צו־שנײַדן און אויפֿנייען. ס'וועט אפֿשר זײַן אַ ביסל שווער אים צו עפֿענען. נו, קיין צופֿיל דערפֿאַרונג האָב איך נישט אין אַט דעם פֿאַך. מיר האָבן דאָ, אין דער געפֿענקעניש, אַ „קרעפֿט־שאָפּ", ווו איך אַרבעט. דערווײַל בין איך נאָך נישט קיין „פֿאַלנער בעל־מלאָכה", ווי די מאַמע וואָלט עס גערופֿן. איך וועל אויך מאַכן אַ האַנטבײַטל פֿאַר דיר, ריני, כ'האָב קאָפּירט אַ פֿאַ־סאָן פֿון אַ צײַטונג און ס'וועט גיין אַ גאַנג! איך וויל האָפֿן, אַז מײַנע מתּנות וועלן אײַך ביידן געפֿעלן זײַן".

אַן אויסצוג פֿון מרדכיס אַ שפּעטערדיקן בריוו:

„איך לייען אַצינד בערנאַרד שאָוס אויטאָביאָגראַפֿיע. איך באַגעגן אין בוך אַ סך אינטערעסאַנטע פּאַרשוינען. אויך שאַרפֿע באַמערקונגען וועגן וועגעטאַריזם. ער דערציילט, ווי ער איז איין מאָל קראַנק געוואָרן, האָבן אים די דאָקטוירים געוואָרנט, אויב ער וועט נישט אַרײַננעמען אין זײַן דיעטע פֿלייש, וועט ער זיך אָפּטראָגן אויף יענער וועלט. אויף דעם האָט דער גרוי־סער שריפֿטשטעלער און סאַטיריקער געענטפֿערט: „דאָס לעבן, הייסט עס, ווערט מיר אָנגעבאָטן מיטן באַדינג איך זאָל פֿרעסן ביפֿסטייק. מײַן משפּחה פֿאָדערט פֿון מיר אַ קלענערן קרבן, נעמלעך, איך זאָל כאָטש אײַנגיין אויף אַ ביף־עקסטראַקט... מײַן צוואה ווײַזט ווי זיך צו באַגיין בײַ מײַן לוויה. אַנשטאָט שוואַרצע אויטאָס מיט שוואַרץ געקליידטע דזשענטלמײַט און ליי־דיס, זאָלן נאָכגיין מײַן לוויה סטאַדעס אָקסן, לעמער, שעפּסן און חזירים, עס זאָלן דאָרטן אויך נישט פֿעלן כאַפּטעס הינער, קאַטשקעס און גענדז און אַ קליינער אַקוואַריום מיט אַרומשווימנדיקע פֿיש...

אַלע אַט די באַשעפֿענישן זאָלן טראָגן ווײַסע בענדער לכּבוד דעם אויס־טערלישן מענטשן, וואָס האָט אויסגעקליבן בעסער צו שטאַרבן איידער זיך אָנצופֿרעסן מיט אַט די אומשולדיקע בעלי־חיים. מען וועט לויפֿן אָנקוקן דעם בייזן וווּנדער, און ס'וועט זײַן נאָך אפֿשר אַ גרעסערע סענסאַציע ווי בחס תּיבה מיט זײַנען טשיקאַווע מיטפֿאַרער..."

מיט אַן אָוונט פֿריִער האָב איך געזען אַ רוסישן פֿילם אונטערן נאָמען: „דאָס געזאַנג פֿון רוסלאַנד”. עס האַנדלט זיך דאָרטן וועגן אַן אַמעריקאַנער מחזיק־קאָנדוקטאָר, וואָס האָט באַזוכט די רויטע רוסלאַנד. ער פֿאַרליבט זיך אין אַ דאָרטיק מיידל. זי איז אַ פּיאַניסטין. און ער האָט מיט איר חתונה. היות, דער ראָמאַנס קומט פֿאָר בעת די רוסן פֿירן אַן די מלחמה מיט די נאַצישע האָרדעס, ווערט דער אַמעריקאַנער באַאײַנפֿלוסט און פֿאַרכאַפּט פֿון דעם קאַמף. ער שליסט זיך אָן מיט זײַן פֿרוי אין דער אַרמיי און גייט אַוועק אין שלאַכט. ווען ער קערט זיך אום מיט זײַן פֿרוי קיין אַמעריקע, טרעט ער אַרויס אויף זײַנע עפֿנטלעכע קאָנצערטן און אַגיטירט פֿאַר רוסלאַנד און זוכט פֿינאַנציעלע שטיצע בײַם עולם...

איך ווייס, איר וועט זיך ווונדערן, וואָס איך דערצייל אײַך וועגן אַלץ וואָס איך טו. עס איז מיר אָנגענעם דאָס צו טאָן, נישט דערפֿאַר, ווײַל ס׳איז אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך, נאָר פּשוט, איך האָב ס׳געפֿיל, אַז איר געפֿינט זיך מיט מיר, און איך רעד זיך דורך מיט אײַך פּנים אל פּנים. אַזוי דאַרף פֿילן אפֿשר יעדער געפֿאַנגענער (פּריזאָנער). איך שטעל מיר פֿאָר, אַז אויך איר ווילט וויסן וואָס איך טראַכט און חלום. ס׳וואָלט געווען כּדאַי איר זאָלט זיך באַקאַנען מיט אַנדערע געפֿאַנגענע, וואָס געפֿינען זיך דאָ צוליב די זעלביקע זינד, נאָר אויף דעם דאַרף מען שוין האָבן מער צײַט און טאָקע מער געדולד...

נו, פֿאַר הײַנט וועט זײַן גענוג.

(אַרויסגענומען פֿון מרדכיס בריוו)

זונטיק, דעם 11טן יאַנואַר, 1952.

טײַערע עלטערן,

לאָזט מיר אײַך באַגריסן צו אײַער 35 יאָר פֿאַרהייראַט זײַן! מײַן האַרץ איז אָנגעפֿילט מיט פֿרייד און גליק. מיט צען יאָר צוריק האָט איר געפּראַוועט אייער 25־יאָריקן חתונה־יובילײ. צו יענער סורפּריז־שמחה זײַנען געקומען אונדזער גאַנצע משפּחה און קרובֿים. משה האָט דעמאָלט געפֿעלט, ווײַל ער איז געזעסן אין תּפֿיסה. ס׳איז אינטערעסאַנט, איך האָב זיך געריבלט אין פּאַפּירן און דאָרטן געפֿונען אַ בריוו פֿון אים...

(אַ באַמערקונג פֿון מחבר: לייענענדיק מרדכיס בריוו מיט זײַנע זכרונות, האָב איך זיך אַליין דערמאָנט אַ טשיקאַווע זאַך. נעמלעך, בעת דער פֿײַערונג האָט אַוודאי ווי געטאָן ס׳האַרץ, וואָס אונדזער זון פֿעלט אויס. מרדכי האָט עס, אַ פּנים, באַמערקט, און ווען מ׳האָט גענומען „מוווים” פֿון

אונדז אַלעמען, האָט ער אָוועקגעשטעלט משהס פֿאָטאָגראַפֿיש בילד צווישן מיר און מײַן פֿרוי, און האָט דערבײַ אונדז געווונטשן, אַז משה זאָל זיך אײַן גיכן אומקערן צו אונדז...)

אָ, פֿיל זאַכן זײַנען געשען אין אָט די צען יאָר! ווי די צײַט לויפֿט. איך וויל האָפֿן, אַז אָט די פֿאַרגאַנגענע יאָרן טראָגן אין זיך שיינע און אָנגענעמע זכרונות. ס'איז אַ שאָד, וואָס איך און מײַן פֿאַמיליע קענען נישט בײַ זײַן אײַער שמחה. מיר דערוואַרטן צו קומען אײַך באַזוכן אין האַרבסט. דאַרף איך אײַך דען זאָגן ווי מיר אַלע בענקען נאָך אײַך? מײַן זון מאַרק איז גע־וואָרן אַ יאָר, און מײַן טעכטערל, קאָני, וועט אָנהייבן גיין אין „קינדער־גאָרטן".

מע קאָן זיך משער זײַן, אַז אויך איר, ליבע עלטערן, טראַכט וועגן יענער צײַט, ווען מיר זײַנען נאָך געווען פּיצלעך קינדער. און בײַ דער פֿײַערלעכער געלעגנהײַט גייט איר איבער אין געדאַנק, ווי איר האָט אונדז דערצויגן, די אַלע שווערע צײַטן, ווען מיר, קינדער, זײַנען קראַנק געווען, ביז מיר האָבן זיך געשטעלט אויף די פֿיסלעך, ווי מיר האָבן גענומען גיין אין „סקול" און אין דער יידישער שול, ביז... ביז איר האָט שוין געקאָנט האָבן נחת פֿון אונדז. אַצינד דרייט זיך די זעלביקע ראָד בײַ אונדז...

אָט אַזוי לויפֿן די יאָרן! נו, זײַט אַלע געזונט, מיט די בעסטע ברכות.

חנעקס, פֿעלים און די קינדער.

דעם מחברס טאָכטער — האָדל

## אַכטער קאַפּיטל

# מיין טאָכטער האָדל — אַ דערציערין

ס׳איז אונדז נישט אָנגעקומען שווער צו פועלן בײַ דער קלײנער האָדלען צו באַזוכן די ייִדישע שול, וואָרעם מײַנע צוויי בנים, זאָלן געזונט זײַן, האָבן דאָך שוין אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר איר. דערצו האָט זי געהאַט אַ מאָניע איבערצײַגונגען, סײַ אין דער „פּאָבליק סקול״, סײַ אין דער ייִדישער שול, די האַנדלונג און פֿירונג פֿון דער לערערין, איר אופֿן פֿון רעדן און פֿון — זיך בייזערן אַפֿילו. זי האָט שוין, קלײנערהייט, געהאַט אין זיך אַ לערערישן אָדער. די לערערס פּלעגן אויסשטיין פֿון איר אַ היפּש ביסל צרות, דער עיקר אין די זונטיקן. זי האָט דאָך געדאַרפֿט ווײַזן פֿאַר די זונטיקדיקע געסט, שולטוער וואָס זי קאָן!...

איך בין, בשעתו, געווען פֿאַרטאָן אין ווערבירן קינדער, אין העלפֿן שאַפֿן די שולפֿאָנדן. פֿאַר מיר זײַנען יענע שעהען אין קלאַס געווען אַ נחת־רוח. איך האָב געזען (צום ווײפּלטן מאָל) ווי די ברעקלעך קינדער נעמען תּופֿס זײַן אונדזער טײַער לשון, ווי זיי דערקאָנען אַ ייִדיש וואָרט, ווי זיי נעמען אויף אַ ייִדיש לידעלע...

איך האָב געוואָרפֿן שטרענגע בליקן אויף מײַן מיידעלע, זי זאָל זיך קאָנטראָלירן. גיי שטיל אײַן דעם ווינט אין פֿעלד!... אַז דאָס גאַנצע נפֿשל איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס מיט אַ סמיטשיק. איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב זי איבערגעלאָזן ס׳ערשטע מאָל אין שול, כאַפּט מיך נאָך הײַנט אָן אַ רחמנות אויף איר, אַזוי אומבאַהאָלפֿן האָט זי אויסגעזען. האָב איך זיך דעמאָלט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז מײַן האָדעלע וועט ווערן אַזאַ „מזיק״?

איר מיינט אַוודאַי, רבותי, אַז די שול איז געווען לעבן מײַן הויז? אויב אַזוי האָט איר אַ טעות. ס׳איז געווען אַ מהלך גאַנג פֿון אַ נײַן בלאָק, און ס׳האָט איר גענומען אַ פּאָפֿצן מינוט געוויס. געווען צײַטן! ווער האָט זיך גערעכנט מיט אַזוינע זאַכן. דאָס קינד אַוודאַי נישט!

האָדל איז מיט דער צײַט געוואָרן איינע פֿון די בעסטע שילערינס אין שול, האָט זיך באַטייליקט אין די שול־קאָנצערטן, אין אַרויסטרעטונגען, האָט אָנטייל גענומען מיט קאָמפּאָזיציעס אינעם שולזשורנאַל, וואָס מ'האָט אַרויס־געגעבן מימאָגראַפֿירט. אָט איז איינע פֿון אירע אַרבעטן, וואָס איז כּדאַי, לפּי דעתּי, צו ברענגען פֿאַרן לייענער. מען זעט שוין דאָרטן, אַז זי גייט אין די פֿוסטריט פֿון די עלטערן און פֿון אירע ברידער, אַז איר יונג מוחל פֿאַרנעמט זיך מיט הויכע ענינים:

„אַ סך מענטשן שטעלן זיך פֿאָר וועגעטאַריזם פֿיל אַנדערש, ווי ס'איז אין דער אמתן", — שרייבט דאָרטן מײַן צעניאָריק טעכטערל, — „ערשטנס לאָמיר זען, וואָס מיינט אַ וועגעטאַריער? אַ וועגעטאַריער איז אַ מענטש, וואָס עסט נישט קיין פֿלייש, נישט ווײַל ער איז קראַנק, נאָר ווײַל ער גלייבט, אַז מען טאָר נישט הרגענען קיין לעבעדיקע באַשעפֿענישן פֿאַר אַזאַ צוועק. ער גלייבט, אַז אויך זיי האָבן אַ רעכט צו לעבן. דאָס איז דער עטישער וועגעטאַריזם".

און נאָך דעם ווי זי דערציילט וועגן ענלעכע געזעלשאַפֿטן אין אַנדערע לענדער, פֿאַרענדיקט זי איר קליינע קאָמפּאָזיציע מיט אָט דער באַמערקונג. „ס'איז געווען אַ קלאַנג, אַז היטלער האַלט פֿון וועגעטאַריזם. איך גלייב, ס'איז אַ פֿאַלשער קלאַנג. אַ וועגעטאַריער ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מאָראַ־לישן מענטשן, פֿאַר אַ מענטשן פֿון רחמנות. היטלער האָט נישט קיין רחמנות אויף מענטשן און אויף חיות אַוודאי נישט!..."

מע קען, פֿאַרשטייט זיך, נישט לייקענען, אַז די סבֿיבֿה, די „פּאַבליק־סקול", די חבֿרטעס, האָבן געזוכט אַריבערצוגעווינען האָדלען אויף דער „אַנדערער" זײַט. געוויס האָט זי נאָכגעטאָן די מיידלעך פֿון איר עלטער און זיך גענומען שמירן די ליפּן, נוצן בכלל קאָסמעטישע שמאָכטעס. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ריבונגען און „מיספֿאַרשטענדענישן" צווישן דער איינפֿאַך געקליידטער און נאַטירלעך אויסזעענדיקער מאַמען מיט דער אונטערוואַקסנ־דיקער טאָכטער. און הגם זי האָט זיך אין גרונט, אין עצם, נישט געביטן, האָבן פֿאָרט געוויסע שטריכן, איבערגענומענע פֿון דרויסן, שאָקירט און געערגערט...

אָט דער „קידער־ווידער" צווישן היים און גאַס האָבן גענומען לאָזן שפּורן בײַם יונגן מיידל. ס'האָט זיך בײַ איר געשאַפֿן אַ מין פּראָטעסט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מין ווערלן אַנטלויפֿן פֿון דעם אײַנגעשטעלטן גײַסט וואָס האָט געהערשט אין אונדזער הויז. הײַנט, זע איך די זאַך אַנדערש. איך זע אײַן, אַז דער „משונהדיקער אײַנשטעל" און דאָס אַנטלויפֿן „גײַסטיק" איז אַ

גאַנץ נאַרמאַלע דערשײַנונג פֿון מידלעך אינעם דאַזיקן עלטער, פֿון די אומ־שטאַנדן, פֿון קומען אין קאָנטאַקט מיט „פּאַבליק־סקול״־חבֿרטעס. און מיר זעען דאָך, כאָטש אירע חבֿרטעס זײַנען ניט אַלע מאָל געווען לויט אונדזער געשמאַק, פֿונדעסטוועגן האָט זי פֿיל באַוויזן אין לערנען סײַ אין ענגליש סײַ אין די ייִדישע שולן, אין בײַדע, אין עלעמענטאַר־און מיטל־שול. מיר געדענקט זיך זייער גוט מײַנע שמועסן וועגן איר מיט ייִדישע לערער, באַ־זונדער מיט ש. גוטמאַנען. ער האָט געהאַט גאָר אַ הויכע מיינונג וועגן איר לערנען.

מען קען נישט זאָגן, אַז איך האָב שטענדיק געהאַט נחת פֿון דער שול. איך רעד דאָ פֿון אַ ריין פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט. ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די צווייטע וועלט־מלחמה. דער דרך־הלימוד האָט גענומען אַן אַנדער ווענ־דונג. אַוודאי האָט מען ווײַטער געלערנט ייִדיש, ייִדישע ליטעראַטור און געשיכטע. אָבער דעם סאָציאַלן מאָמענט האָט מען, לפּי־דעתּי, פֿאַרנאַכלע־סיקט. דאָס ערגסטע איז געווען, און ווידער אַ מאָל פֿון מײַן קוקווינקל, וואָס אויף אַ שול־שׂמחה, האָבן די שול־אָנפֿירער, מענטשן מיט נעמען אין דעם ייִדיש פּעדאַגאָגישן וועלטל, גערעדט אין אַ שפּראַך, וואָס איז מיר נישט געווען צום האַרצן. מען האָט מער ציטירט טשוירטשילן און רוזוועלטן, ווי די קאָרי־פֿייען פֿונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. ס׳איז געווען אַ נעגאַציע פֿון די פּרינצי־פּן פֿון אונדזער פֿרײַהײַטלעכער באַוועגונג...

ווען איך האָב איבערגעקוקט האָדלס שריפֿטלעכע אַרבעטן און קאָמפּאָ־זיציעס פֿון יענעם פּעריאָד — זי האָט שוין דעמאָלט געלערנט אין דער מיטלשול — האָב איך דאָרטן געפֿונען אַזוינע טעמעס: „וועגן בעש״ט״, „אליהו בחור״, וועגן געוויסע שטעלן אין תּנ״ך, וועגן אונדזערע קלאַסיקער און נײַע שריפֿטשטעלער, אָבער אַ וואָרט נישט וועגן דער אַרבעטער־באַווע־גונג, און סאָציאַלע פּראָבלעמען...

און אָט האָט מײַן טעכטערל פֿאַרענדיקט די מיטלשול, און צו די צוויי דיפּלאָמען פֿון אירע ברידער, איז צוגעקומען אַ דריטער. איר מעגט מיר גלייבן אויפֿן וואָרט, אַז איך האַלט טײַער אָט די ייִדישע דאָקומענטן, זייערע ייִדישע שריפֿטלעכע אַרבעטן, ווי די טעקסטביכלעך, שטעלן צונויף דעם אמתן אוצר, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אין אַמעריקע...

האָדל האָט איינצײַטיק געקראָגן איר דיפּלאָם פֿון דער „הײַ־סקול״. זי האָט זיך געפֿונען אין אַ מאָדנעם צושטאַנד, הן פֿיזיש, הן גײַסטיק. זי האָט נישט געוווסט צו וואָס זיך צו נעמען. זי האָט דעמאָלט געמיינט, אַז זי דאַרף שטודירן אין אַ „האָום מייקינג סקול״, האָט זי אויפֿגענומען אַזאַ קורס. אָבער

אויך דאָרטן האָט זיך געלאָזט אַנטפּלעקן איר רעבעלירנדיקע נאַטור. ס'איז אַוועק אַ קורצע צײַט און זי האָט, מיט דער הילף פֿון די אַנדערע מיידלעך, אַרויסגערופֿן אַ סטרײַק. אָסור צי איך ווייס די אמתע סיבה. איר פֿאָדערונג איז געווען — הערט און שטוינט! מען זאָל אײַנפֿירן אין שול אויך אַ טאַנצקלאַס.

גיי און ריכט זיך, אַז פֿון אַזאַ „אויך־מיר־סטרײַק" וועט ווערן אַן ערנסטער ענין. די „סקול" האָט געסטראַשעט מיט פּאָליציי. די פֿאַרוואַלטונג האָט מיך גערופֿן און געוואָרנט, מען וועט די סטרײַקנדיקע מיידלעך נישט באַ־וויליקן קיין דיפּלאָמען. וואָס דאַרפֿט איר חכמות — די יונגע חבֿרה האָט במחילה פֿאַרלאָרן. איך דערצייל עס, דרך־אגבֿ, כּדי צו ווײַזן נאָך אַ מאָל, אַז נישט נאָר די בנים מײַנע, נאָר אויך די טאָכטער איז געמאַכט פֿונעם זעלביקן שטאָף: אומצופֿרידנקייט מיט דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט, מיט אירע פֿירונגען און מיט אירע כּלומרשטדיקע מאָראַלישע געבאָטן...

האָדל האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז בונטאַרישקייט אַליין איז נישט גענוג. מען דאַרף זײַן באַוואָפֿנט מיט וויסן, מיט בילדונג, כּדי צו קאָנען קעמפֿן פֿאַר אַ שענערן און גערעכטן לעבן. און אָנהייבן דאַרף מען פֿון די וואָרצלען, ד"ה פֿונעם קליינוואַרג. היות ווי זי האָט אַלע מאָל געהאַט ווי ערשט דערמאָנט לערערישע נטיות, האָט זי באַשלאָסן צו שטודירן ווײַטער. זי איז אַוועקגע־פֿאָרן קיין נאָרטה קאַראָליינאַ, און איז דאָרט אָנגעקומען אינעם „קווייקער גילפֿאָרד קאָלעדזש", אַ הויכשול מיט אַ הויכער רעפּוטאַציע. און האָט אויפֿ־גענומען אַ קורס צו ווערן אַ קינדערגאָרטן לערערין...

(מחשבֿותן, נאָך זײַענדיק אַ יונג קינד, פֿלעגט זי צונויפֿקלײַבן דאָס קליינ־וואַרג פֿון דער גאַס און זיי דערציילן מעשׂיות. מ'האָט אַרויפֿגעקוקט צו איר, הגם זי איז געווען אינעם זעלביקן עלטער. מ'האָט זי ליב געהאַט און זיך שטאַרק צוגעהערט צו איר...).

ס'איז אַוודאי אונדז געוואָרן אומעטיקלעך אויפֿן האַרצן, ווען אונדזער איינציקע טאָכטער האָט זיך גענומען קלײַבן אין ווײַטן וועג אַרײַן. משה און מרדכי זײַנען דעמאָלט אויך נישט געווען אין דער היים. די איינציקע טרייסט אונדזערע איז געווען, וואָס דער קאָלעדזש האָלט אַ שטרענג אויג אויף די סטודענטן, אַז דער מאָראַליש עטישער סטאַנדאַרד שטייט דאָרטן אויף אַ הויכער ניוואָ. געוויס האָט דעם יונגן מיידל געלאָקט די לאַנגע נסיעה, דאָס פֿאַרשטײַענדיקע זעלבשטענדיקע לעבן אין אַ נײַער שטאָט, דאָס טרעפֿן זיך מיט נײַע מענטשן. דאָרטן האָט געזאָלט ווערן איר „היים" אויף גאַנצע פֿיר יאָר...

און אַז פֿאַרלאָזט זי דאָס הויז, און מיר באַגלייטן זי צו דער באַן, און ס׳קומען פֿאַר די געוויינטלעכע אָפּשיידס־סצענעס: טרערן, טרייסטווערטער, אומאַרעמונגען און ווידער — טרערן. און הילדה איננה...

דאָס ערשטע יאָר איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען דאָס שווערסטע סײַ פֿאַר איר, סײַ פֿאַר אונדז. מיר האָבן געבענקט און זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ בריוו. זי האָט גראָד געשריבן רעגולער. און אַז ס׳איז אונטערגעקומען אַ „מוטערס״־צי אַ „פֿאָטערס״־טאָג, האָט זי אויסגעקליבן פֿאַר אונדז אַזוינע מתּנות, וואָס האָבן אַ ייִדישן ווערט.

(איך האָב זיך דעמאָלט, ווי געוויינטלעך אַ בעל־חלום, אומגעטראָגן מיט דער אילוזיע, אַז האָדל וועט אַ מאָל ווערן אַ לערערין אין אַ ייִדישן קינדער־גאָרטן).

אויפֿן צווייטן יאָר, האָבן מיר באַשלאָסן צו באַזוכן אונדזער טאָכטער. ס׳איז אוודאי געווען אויך די נײַגעריקײַט זיך צו באַקאָנען מיטן קאָלעדזש, אין וועלכן זי האָט געלערנט. ס׳איז, מאָלט אייך, געווען וואָס צו זען. סײַ די בנינים, סײַ דער גאַנצער אַרום, האָבן אויף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. שוין אָפּגערעדט פֿונעם גייסט, וואָס הערשט דאָרטן...

ס׳איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז די „קוויקערס״ האָבן זיך צוערשט באַוויזן אין ענגלאַנד. אויף זייער פֿאָן זײַנען אויסגעהעפֿט די צען געבאָט. דער זעקסטער „לא תרצח״ איז בײַ זיי דער סאַמע גלאַוונער. פּאַסיפֿיזם איז אַ טייל פֿון זייער רעליגיע. זיי זײַנען זיך אויסגעשטאַנען אַ היפּש ביסל רדיפֿות און פֿאַרפֿאָלגונגען אַפֿילו דאָ אין אַמעריקע. זיי האָבן עקשנותדיק אויסגע־האַלטן דעם „עקזאַמען״, זיי זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג אָנערקענט פֿאַר אַן עטישער געזעלשאַפֿט, מיט וועלכער מע רעכנט זיך זייער שטאַרק. זיי ווערט פֿאַרטרויט וויכטיקע פֿאַרהאַנדלונגען ווי אויסצוגלײַכן פּאָליטישע און געזעל־שאַפֿטלעכע סכסוכים. אין שווערע וועלטקריזיסן באַווײַזן זיי צו ברענגען הילף צו נויטבאַדערפֿטיקע. זייער רעליף־טעטיקייט אין דער צײַט פֿון די צוויי וועלט־מלחמות זײַנען ממש אַ שם־דבֿר!

מיר האָבן פֿאַרבראַכט בײַ אונדזערע פֿרײַנד, די „קוויקערס״, צען טעג. מען האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ באַקוועמען צימער אין אַ בנין, וואָס אַ געוועזע־נע סטודענטין האָט זיי געשאָנקען. מיר האָבן גוואַלטיק הנאה געהאַט פֿונעם דעמאָקראַטישן גײַסט, וואָס עס הערשט דאָרטן, פֿון דער אײדעלער און פֿרײַנדלעכער באַציִונג פֿון די לערער צו די סטודענטן און פֿאַרקערט, פֿון דער אַדמיניסטראַציע צו די באַזוכער. איך וועל זיך פֿאַר אײַך מודה זײַן, רבותי, איך בין זיי מקנא געווען. איך האָב געהאַט און האָב אַ ווונטש —

הלוואי וואָלטן מיר, יידן, געהאַט אַזוינע ווילע און פּײַנע אינסטיטוציעס ווי זיי!

איך האָב קיין מאָל נישט געלערנט אין אַ קאָלעדזש. און וואָלט מיר יאָ צוגעשפּילט דאָס מזל, וואָלט איך מיר אויסגעקליבן דעם „גילפאָרד". איך וויל נאָך אַ מאָל אויסדריקן מײַן באַוווּנדערונג פאַר אָט דער אינסטיטוציע. מיר זײַנען געווען אין זיבעטן הימל, וואָס האָדל איז אָנגעקומען אַהין!

אָט דערמאָנט זיך מיר אַזאַ פאַל: ס'איז דאָס יאָר נײַנצן הונדערט אַכט און פערציק... די פּרעסע איז אַלאַרמירט מיטן אויפשוווּנג פון אַלקאָהאָליזם, באַזונדערס צווישן די סטודענטן איבערן לאַנד. „גילפאָרד"־אַדמיניסטראַציע האָט אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן בריוו צו אירע סטודענטן און זיי דערמאָנט אין די פאַרשריפטן און רעגולאַציעס פון דער היכשול. האָדל האָט אויך באַקומען אַזאַ בריוו. עס שרײַבט זיך דאָרטן:

„די קאָלעדזש־פאַרוואַלטונג טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם נוצן פון „שטאַרקע געטראַנקען". די, וועלכע זײַנען נישט אײַנשטימיק מיטן פאַרבאָט, ראָטן מיר צו פאַרלאָזן די אינסטיטוציע. דער פאַקולטעט זאָגט זיך אַרויס קעגן רייכערן פון פרויען־סטודענטן הן אויפן קעמפּוס, הן אין די בנינים פון קאָלעדזש. די מענער־סטודענטן ווערן געבעטן צו רייכערן נאָר אין זייערע צימערן. אויב עמיצער האַלט, אַז מיט די פאָדערונגען באַשרענקען מיר די פערזענלעכע פרײַהײַטן, זאָל ער, אָדער זי, זיך געפינען אַן אַנדער לערן־אַנשטאַלט"...

איך האָב אָנגעקוואָלן פון דער שטעלונג. איך האָב געפילט, אַז האָדל געפינט זיך אין גוטע הענט. אמת, ס'ערשטע יאָר האָט זיך האָדל „געראַנגלט" מיט אירע נײַע אויפגאַבעס. פאַרגעסט ניט, זי איז נישט געווען קיין גרויסער דערפאָלג, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אין „הײַ־סקול" און אין דער „האָם־מייקינג־סקול". איך האָב אויך דערמאָנט די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דערצו. זי האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. זי האָט אויך ממשיך געווען איר לערנען אין די זומער־חדשים, און אַוודאי האָבן זיך גענומען זען גוטע רעזולטאַטן. איר שטרעבונג איז געווען צו ווערן אַ דערציִערין בײַם קליינוואַרג נישט אין די יאָרן פון שולעלטער, נאָר פון די סאַמע קנאָספּן־יאָרן. זי האָט נישט געוואָלט האָבן גרויסע קלאַסן, נאָר פאַרקערט־זיך, דער עיקר, אָפּגעבן מיט געציילטע קינדער, וועמען זי זאָל קאָנען נאָענט אָבסערווירן און העלפן אין זייער גײַסטיקער אַנטוויקלונג. ווי ס'וועט דערציילט ווערן ווײַטער, און ווי ס'וועט באַוויזן ווערן אין איר טעזיס, דערשײַנט פאַר אונדז אַ פערזענלעכקייט פון אַ העכסט אידעאַלן טיפ לערערין.

אין חודש יולי נײַנצן הונדערט און פֿופֿציק האָט האָדל אַרײַנגעגעבן איר טעזיס פֿון איין און פֿופֿציק זײַטן. די אַרבעט רופֿט זיך „סאָציאַלע צופּאַסונג פֿון פּאַרסקול פּעריאָד". צו יענער צײַט האָבן מיר באַקומען פֿון איר אַ בריוו, וואָס איז, לפֿי־דעתי, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איר דעמאָלדיקן טראַכטן און פֿילן:

„טײַערע עלטערן, ... איך האָב זייער שווער געאַרבעט אויף מײַן טעזיס, דערצו האָבן איך געהאַט פֿאַרשיידענע „טעסטס"... איך האָב הנאה פֿון אײַערע בריוו. איך פֿיל אָבער אַלע מאָל אַ ווילן זיי צו קאָמענטירן. איכ'ל פּרוּוון דאָס אויך אַצינד טאָן. ס'איז אמת, אַז די אומשטאַנדן אין וועלכע מיר געפֿינען זיך, זײַנען אַ רעזולטאַט פֿון אונדזער צײַט. אַוודאי זײַנען געווען ווינציקער פּראָבלעמען, אַ מאָל, ווען טעכנאָלאָגיש איז געווען די וועלט ייִנגער און אַנדערש. איך מיין אַנדערש אָבער נישט בעסער אָדער ערגער. צום בײַשפּיל — אין מיטלעלטער איז יעדע זאַך געווען קאָנטראָלירט פֿון דער קירך... זיי האָבן נישט געהאַט קיין „מאַשינען", ווי מיר האָבן זיי הײַנט, אָבער זיי האָבן זיך געדאַרפֿט אונטערוואַרפֿן דער אויטאָריטעט פֿון דער קירך. ס'איז ניט געווען קיין פֿרײַער אויסטויש פֿון מיינונגען און נישט קיין שעפֿערישקייט, ווי ס'איז אונדז הײַנט באַקאַנט. יעדער איינער — דער לערער, דער פּאָליטיקער, דער אַרטיסט, האָט געדאַרפֿט פֿאָלגן די טעסטאַמענטישע פֿאַרשריפֿטן. ס'איז אפֿשר דעמאָלט געווען מער זיכערקייט צוליב דעם. אָבער ווער וויל עס דיקטירט ווערן וואָס צו טראַכטן און ווי צו האַנדלען?... דו באַמערקסט אין דײַן בריוו, אַז מיר זײַנען שקלאַפֿן צו דער מאַשין. איך גיב צו. אין אַ געוויסן זין זײַנען מיר אַלע מאָל געווען „שקלאַפֿן". זײַנען מיר נישט קיין „שקלאַפֿן" פֿון אונדזער געוויסן? טוען מיר דען אַלץ, וואָס מיר ווילן? מיר זײַנען „שקלאַפֿן" צו די נאַטור־געזעצן". מיר האָבן באַשרענקטע פֿרײַהייט... פֿאַר וואָס דאָס נישט צוגעבן?... מען רעדט וועגן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. מיינסטו נישט, אַז אויך דאָרט וועלן זײַן באַגרענעצונגען. מען דאַרף פֿאַרשטיין ברייטער דעם ענין. וואָס איז דער צוועק און ציל פֿון אונדזער זײַן אויף דער ערד? דאַרפֿן מיר צופֿרידן שטעלן בלויז אונדזערע אייגענע גלוסטונגען און אימפּולסן, אָדער מיר געפֿינען זיך דאָ פֿאַר העכערע צוועקן?..."

איר זעט אינעם בריוו אַ געמישטן צוגאַנג צו מענטש און וועלט. אַ יוגנטלעכער אַרויסטריט קעגן די צאַמען פֿון דער געזעלשאַפֿט, און אַן אונטערוואַרפֿן זיך צו די אייביקע מיסטישע געזעצן פֿון דער מענטשלעכער נאַטור... אײדער איך גיב אײַך איבער דעם תּמצית פֿונעם טעזיס, פֿיל איך זיך פֿאַר־

פֿליכטעט אײַך צו באַקאָנען כאָטש אויף איין פֿוס מיט נאָך עטלעכע פֿאַקטן וועגן גילפֿאָרד־קאָלעדזש, וואָרעם איך שטעל מיך פֿאָר, אַז איר שמייכלט אין די וואָנצעס: — וואָס האָט מײַן טאָכטער געדאַרפֿט זיך פֿאַרקלײַבן אַזש קיין נ. קאַראָליינאַ, אַן פֿאַר וואָס עפּעס גראָד אין דער אינסטיטוציע?

1. גילפֿאָרד קאָלעדזש איז דער עלטסטער אין דער „סאַוט״, וואָס באַדינט סטודענטן פֿון בײדע געשלעכטער. ער האָט אַ פּראָגרעסיווע לערן־פּראָגראַם, און ער איז אָפֿן צו אַלע דענאָמינאַציעס.

2. דער קאָלעדזש האָט אַ קאָאָפּעראַטיווע הויזפֿירונג־פּלאַן. ער האַלט אָן אויג אויף נויטבאַדערפֿטיקע סטודענטן.

3. דער קאָלעדזש האָט צוגעשטעלט אַ היפּש ביסל לערערס און פֿירערס פֿון הויכער קוואַליטעט פֿאַר פֿאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס.

אין אירע פֿיר און פֿופֿציק מאַשין־באַשריבענע זײַטלעך, באַמיט זיך האָדל נישט אַזוי צו זײַן אַ נאָוואַטאָרין, נאָר צו פֿאַרשטיין איר ראָליע ווי אַ לערערין. זי שטרײַכט אונטער דעם אַלטן אמת, אַז אין די ערשטע פֿינף יאָר פֿונעם קינדס לעבן ווערט פֿאָרמירט זײַן כאַראַקטער. יעדער מענטש טראָגט אין זיך שפּורן פֿון זײַן פֿריִער קינדהייט און זיי זײַנען אָפֿט שטאַרק און מערקבאַר, די נאַטור פֿון די געשעענישן אין דער קינדהייט דעטערמינירן אָפֿט אויף וויפֿל דאָס קינד וועט זיך קאָנען שפּעטער אַרײַנפּאַסן אין דער וועלט פֿון דערוואַקסענע. צו פֿיל צערודערונג אין דער פֿריִער קינדהײַט דערוועקט זאָרג און דאַגות און דערלאָזט ניט צו נאָרמאַלער גײַסטיקער רײַפֿקייט . : .

האָדל ברענגט אין איר שטודיום אַן אינטערעסאַנטן רעפּאָרט פֿון דרײַ באַוווּסטע דערציִערס וועגן דרײַ טיפּן פֿירער, וואָס האָבן געניצט אין פֿיר קלובן פֿון עלף־יאָריקע קינדער. די דעמאָקראַטישע, די אויטאָקראַטישע און „טו־ווי־דו־ווילסט״־מעטאָדן.

דער דעמאָקראַטישער פֿירער האָט דערלויבט דיסקוסיעס אויף אַ ברייטן אופֿן פֿון עקספּערימענטאַציע. ס'איז דערלויבט געווען מער פֿרײַהייט און דער אָנפֿירער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פֿון דער גרופּע. זײַן לויב און זײַן קריטיק זײַנען געווען אָביעקטיוו״.

דער אויטאָקראַטישער אָנפֿירער האָט אַליין באַשלאָסן, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן אין דער גרופּע. ער איז געווען צו פּערזענלעך אין זײַן קריטיציזם און לויב. ער איז געבליבן פֿון דער ווײַטנס און האָט קיין מאָל נישט אָנטייל גענומען אין די טעטיקייטן אַחוץ פֿאַר דעמאָנסטראַטיווע צוועקן.

דער דריטער טיפּ, דער „טו־ווי־דו־ווילסט״־אַנפירער, האָט באַווייליקט אַבסאָלוטע פרייהייט. ער האָט זיך ניט באַטייליקט אין די דיסקוסיעס אָדער אין די פּלענער פון דער גרופּע. די חברה, וואָס האָט געהאַט דעם אויטאָ־קראַטישן אָנפירער האָט אַרויסגעוויזן מער אַפּאַטיע אין דער אַרבעט, און ווען דער לעצטער איז אַרויס פון צימער, האָט די גרופּע אַרויסגעוויזן אַ העכערע מאָס אַגרעסיע.

האַדל פירט ווייטער איר אינטערעסאַנטן אַנאַליז. זי ווייזט אַרויס אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר קינדער־און יוגנט־דערציִונג. זי זאָגט ווייטער אין איר טעזיס: „דער אָנפירער שאַפט די סאָציאַלע אַטמאָספערע אין דער גרופּע און מיטן וויסן פונעם היינטערגרונט ביים יוגנטלעכן קאָן ער „היילן״ אַזוי צו זאָגן זיין צערודערונג, זיין „פרוסטראַציע״ און צו באַשטעטיקן אירע אָבסערוואַ־ציעס, ברענגט זי ציטאַטן און מיינונגען פון זיגמונד פרויד און פוירסיוואַל סיימאָנדס. זי דערמאָנט אין איר אַרבעט וועגן די קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר, ווען אַ ניי קינד קומט צו אין דער פאַמיליע. די עלטערע קינדער פילן זיך פאַרלאָזן צוליב דער גרויסער אויפמערקזאַמקייט צום ניי געקומענעם.

מיין טאָכטער באַגלייט דאָס קינד פון געבורט ביז עס שטעלט זיך אויף די פיס, ביז עס הייבט אָן צו גיין אין שול. זי צייכנט אָן די שוועריקייטן, וואָס עס באַגעגנט אויף שריט און טריט. קאָנפליקטן, וואָס וואַקסן אַרויס אין די באַציִונגען צווישן קליינוואַרג, צווישן קינדער און עלטערן, צווישן קינדער און לערער. „אַגרעסיוויקייט מצד דעם קינד״, שרייבט ווייטער האַדל, „איז אַ נאָרמאַלער ענטפער אויף דער אייגענער צערודערונג, און ווי אַ רע־זולטאַט, קומט די שטראָף מצד די עלטערן, און ס׳איז אָנגענומען פאַר אַ „ריכטיקן״ מעטאָד אין דער פרימיטיווער ווי אין דער ציוויליזירטער געזעל־שאַפט. און הגם דאָס קינד „אָנערקענט״ די סיבה פון דער שטראָף, בלייבט אָפט ביי דעם אַ האַס צו די עלטערן״.

האַדל באַשולדיקט נישט די עלטערן. זי געפינט אַ זכות אויף זיי. נאָך אַלעמען זיינען זיי מענטשן און קאָנען ווערן עמאָציאָנעל און פאַרכאַפּט פון אַ שטראָף־שיגעון... בכלל זעט זיך אין איר ווערק אַ טענדענץ צו אָביעק־טיוויטעט. פונדעסטוועגן שרייבט זי מיט פאַרדראָס און אַפילו מיט ווייטיק, ווען עלטערן באַשטראָפן דאָס קינד דורך פאַרנאַכלעסיקן עס, מיט אַנדערע ווערטער, דעם קינדס אינטערעסן און ווונטשן ווערן פאַרקוקט אָדער מיני־מיזירט. אין אַן אַנדער אָרט פון איר אַרבעט ברענגט זי אַרויס אַ וויכטיקע אָבסערוואַציע. זי זאָגט: „אַ יינגעלע, וואָס איז באַשטראָפט פאַר אַ שלעכטער האַנדלונג, וועט באַווייזן זיין אומצופרידנקייט מיט אַ שלאָגן אַ צווייט יינגעלע״.

און ווייטער: „קינדער קאָנען אונטערשיידן צווישן אַ שטראָף, וואָס ווערט זיי געגעבן פֿון כּעס, פֿײַנדשאַפֿט אָדער אַנטוישונג, און אַ שטראָף, וואָס זוכט זיי אויסצובעסערן. דאָס קינד וועט אַקצעפּטירן די שטראָף, אויב דער שטראָפֿער איז ערנסט און אויפֿריכטיק".

האָדל, ווי אַ קינדער־פּסיכאָלאָגין, פֿאַרטיפֿט זיך אין דער נשמה פֿונעם קליינוואַרג און פּרוווט זיך צו אָריענטירן אין אָט דעם וועלטל. מע זעט ממש, אַז אָט דאָס וועלטל איז איר טײַער. זי קוקט אַרײַן אין דעם נישט ווי אַ פֿרעמדע, נײַערט ווי אַ נוגע־בדבר. „דער שׂפֿלות־קאָמפּלעקס קאָן אַרויפֿגעצ־וווּנגען ווערן אויף קינדער". — זאָגט זי ערגעץ אַנדערש. „דאָס געפֿיל פֿון אויפֿטו בײַם קינד קאָן צעשטערט ווערט מיט אומפּאַסיקער באַציִונג מצד די דערוואַקסענע".

איבערהויפּט שרעקט איר דער אומשטאַנד, ווען אַ קינד שפּירט, אַז „אַלע" זײַנען קעגן אים. זייער פּײַנלעך איז, ווען אַ פֿאָטער צי אַ מוטער, וואָס איז צעקריגט, צוליב עפּעס אַ סיבה מיט שכנים אָדער צווישן זיך, לאָזן אויס זייער אומצופֿרידנקייט און כּעס צום קינד. ס'טרעפֿט אָפֿט דאָס שלעכטע סעקסועלע לעבן צווישן עלטערן זאָל גורם זײַן צו קריגערײַ, און דער קרבן זאָל ווערן דאָס קינד, און אָט איז נאָך אַ ווערטפֿולע אָבסערוואַציע:

„... פֿיל עלטערן זײַנען גענייגט צו זײַן גרויזאַם צו זייערע קינדער, און הגם אָט דער אימפּולס איז נאָך נישט אויפֿגעקלערט, קאָן מען עס אָבער דער־קלערן מיט דער השערה, אַז זיי האָבן געליטן פֿון אַכזריות אין זייער אייגענער קינדהייט"...

האָדל, ווי יעדע אמתע דערציִערין, איז זיכער, אַז עס זײַנען פֿאַראַן מער סיבות צו זײַן קעגן שטראָף ווי פֿאַר. זי ווייסט, אַז די שטראָף וועט נישט באַפֿרײַען דאָס קינד פֿון זײַן צערודערונג אָן פֿרוסטראַציעס. זי האַלט, אַז ס'איז שווער פֿאַר אַ קינד צו פֿאַרשטיין שטראָף, און אומבאַרעכטיקטע שטראָף דערוועקט שרעק אין קינדער. די קליינע חבֿרה האָט ליב צו טאָן זאַכן, וואָס עס איז איר אָנגענעם. די יונגע מחברין שווימט אין „ים פֿון קינדער־פּסי־כאָלאָגיע" מיט אַ סך געניטקייט, זי פֿאַרענדיקט איר טעזיס מיט אָט די ווערטער:

„אין אַלגעמיין דאַרף די אויפֿזיכט איבער קינדערישער אויפֿפֿירונג, זײַן באַזירט אויב מע וויל זײַן גערעכט און עפֿעקטיוו, אויף סימפּאַטיע, שׂכל און פֿאַרשטענדעניש. דאָס קינד נייטיקט זיך אין זײַן אומבאַהאָלפֿנקייט אין אַ סך מיטגעפֿיל, ווײַל זײַנע פּראָבלעמען זײַנען אמתע און וויכטיק פֿאַר אים. אויב עלטערן טוען זייער פֿליכט און באַזאָרגן דעם קינדס נויטן און גיבן

אים אַ געלעגנהייט אויפֿצוזאַמלען פּרינציפּן און אידעאַלן, וועט דאָס קינד (אין די שפּעטערדיקע יאָרן) פּרוּוון זיך דערהייבן צו זייער הויכן סטאַנדאַרד. קאָאָפּעראַציע צווישן קינדער און עלטערן איז וויכטיק פֿאַרן אַלגעמיינעם פּראָגרעס".

איך בין אַ בעלן געווען אַרײַנצוקוקן אין דער ביבליאָגראַפֿיע, פֿון וואַנען זי האָט געשעפּט אַזאַ רײַכע אינפֿאָרמאַציע. זי האָט זיך באַנוצט מיט די ווערק פֿון פֿינף און פֿערציק מחברים. דאָס מיידל האָט אַרײַנגעלייגט אַ שלל מיט מי און אַרבעט. ס'האָט זיך געלוינט, רבותי!

נאָך דער גראַדויִרונגס־צערעמאָניע זײַנען מיר געפֿאָרן אַהיים. איך האָב מער נישט געקענט און נישט געוואָלט רעכענען, אַז האָדל וועט זיך אומקערן צו מײַן שאַפֿקע. זי האָט אַצינד געגומען זוכן אַ לערער־שטעלע, און עס געפֿונען אינעם געשטאַלט פֿון אַ „נוירסערי־סקול". איך האָב זיך אַ מאָל אַרײַנגעכאַפּט אַהין אַ שמעק טאָן, ווי אַזוי מײַן טאָכטער ספּראַוועט זיך מיט איר נײַער עבֿודה. איך האָב פֿאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אינעם קינדערוועלטל און בין געווען דערשטוינט און באַגײַסטערט. ס'קליינוואַרג זיצט בײַ קליינע צוגעפּאַסטע טישעלעך פֿאַרטאָן אין שערן, קלעפּן, מאָלן, אַנדערע שמײַען אום מיט אַנדערע „אינטערעסן". קיינער שטערט זיי ניט. דער טערמין „שטראָף" פֿעלט אין גאַנצן פֿונעם וואָקאַבולאַר... ס'קומען מאַמעס מיט פֿאַרשיידענע פֿראַגעס צו דער לערערין. מײַן טאָכטער, אַ געזונט אויף איר קאָפּ, גיט אַוועק שעהען צו דערקלערן, צו אינפֿאָרמירן, אַנצווייזן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיטן קליינוואַרג. די מוטער איז דאַנקבאַר. זי גייט אַוועק אַ צופֿרידענע. זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ מענטשן, וואָס פֿאַרשטייט פֿיל בעסער איר קינד...

מײַן פֿאָטערלעכע פֿרייד און נחת איז געווען נאָך גרעסער, ווען האָדל האָט געאַרבעט אין אַ ייִדישער געגנט מיט ייִדישע קינדערלעך. דאָרטן האָט זי געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן אירע קענטעניש פֿון די ייִדישע יום־טובֿים. דערציילן זיי מעשׂהלעך פֿון ייִדישן מקור, און זינגען ייִדישע לידעלעך מיטן קליינוואַרג.

רבותי, מיר קומט אויס אַ סך איבערצולעבן בעת איך שרײַב אָט די שורות. מיר קומט אויס צום ווײַפֿלטן מאָל איבערצולייענען דעם מאַטעריאַל ווען איר שילדער דאָס לעבן און טוונגען פֿון מײַנע קינדער. ווי שוין דער־מאָנט האָב איך געשעפּט נחת בעת זי האָט געלערנט אין די ייִדישע „דיי נוירסעריס" זי האָט אויסגענוצט דאָס ייִדישע, וואָס זי האָט דערלערנט אין די ייִדישע קינדערשולן. איך פֿיל ווי זיך צו טיילן מיט אַ געדאַנק, וואָס האָט

אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. איך בין זיכער אַז ניט נאָר איך בין אַזוי באַגײַסטערט פֿון טייל געדאַנקען פֿון טעזיס און דעם אופֿן ווי זי באַהאַנדלט פּראָבלעמען פֿון דער קליינער קינדערוועלט, נאָר די לייענער וועלן אויך הנאה האָבן פֿון איר אופֿן ווי זי פֿאַרענטפֿערט פּראָגעס וואָס זײַנען נוגע עלטערן וואָס האָבן קינדער. איך באַצי זיך צו יענעם טייל פֿון איר טעזיס, ווו זי זאָגט זיך אַרויס קעגן באַשטראָפֿן קינדער.

אַזוי ווי כ׳האָב געשילדערט דאָס לעבן פֿון מײַן טאָכטער, און האָב נישט איבערגעגעבן קיין ראָמאַנסן, ווילט זיך שילדערן כאָטש איין ראָמאַנס אירן. זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַן אינטערעסאַנטן יונגנמאַן, אַ מעדיקער, אַ פּליט פֿון אונגאַרן. ער איז געווען אַן אומלעגאַלער אימיגראַנט און האָט נישט געקענט פּראַקטיצירן זײַן פֿאַך. ער האָט געמוזט אַרבעטן ווי אַן „אינטוירן״ אין פֿאַרשיידענע שפּיטאָלן. וויפֿל אַזאַ איינער קריגט באַצאָלט איז אַ דבֿר־ידוע, דערצו האָט ער געדאַרפֿט אַרויסהעלפֿן זײַנע עלטערן, וואָס זײַנען געבליבן אין דער היים. ער האָט זיך אָפֿט געטראָפֿן מיט האָדלען און פֿון די אָרעמע פֿאַרדינסטן פֿלעגט ער פֿונדעסטוועגן קויפֿן מתנות פֿאַר מײַן טאָכטער.

איך האָב אים איין מאָל געטראָפֿן און ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ וווּנדערבאַרן אײַנדרוק. איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, איך האָב זיך נישט געוווּנטשן קיין בעסערן זיווג פֿאַר איר. כ׳האָב זיך געטראַכט: — אַ מענטש אין זײַנע אומשטענדן און האָט אין זינען צו העלפֿן זײַנע עלטערן, און נאָך אָפּצושפּאָרן פֿאַר האָדלען אַ געשאַנק, איז אַוודאי אַן איידעלער בר־נש. אַזוי האָט אויך געקלערט האָדל. אגבֿ, איז ער געווען אַ הויכער און שלאַנקער יונגערמאַן מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען און ער איז געווען אויך אָנגענעם בעת ער האָט גערעדט...

ס׳איז געווען זומער. מײַן טאָכטער האָט געאַרבעט אין אַ קעמפּ. אַהין פֿלעגט דער אונגאַרישער פּליט קומען זיך צו טרעפֿן מיט האָדלען. דאַרף איך דען אײַך לאַנג ניט ברײַען, אַז אין אַזאַ אומגעבונג איז ניט שווער זיך צו פֿאַרליבן. יאָ, ס׳איז געשען! מײַן האָדל האָט זיך פֿאַרקאָכט אין אָט דעם, אין תּוך, אומבאַקאַנטן מענטשן. דער ראָמאַן האָט אָנגעהאַלטן העכער אַ יאָר צײַט. וועגן חתונה האָבן האָט ער ניט גערעדט, ביז ער וועט זיך לעגאַלידירן, דורכגיין די נייטיקע עקזאַמענס און עפֿענען אַן אָפֿיס פֿאַר זיך.

מײַן טאָכטער, ווי שוין דערמאָנט, האָט דעמאָלט געאַרבעט. זי איז געווען וויליק אַרויסצוהעלפֿן און אויב נייטיק וואַרטן, נאָר מיט אַ מאָל איז דער

יונג פֿאַרשוווּנדן, נעלם געוואָרן, ווי ער וואָלט קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געווען.

מע קען זיך ניט פֿאָרשטעלן ווי זי האָט געפֿילט, אָבער, די וועלט גייט ניט אונטער, זי וועט נאָך פֿירן ראָמאַנסן... רבותי, איך קען נישט פֿאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל וועגן האָדלען נישט ברענגענדיק אַ בריוו פֿון איר, געשריבן נאָך בעת זי האָט נאָך געלערנט אין קאָלעדזש. אין בריוו שפּיגלט זיך אָפּ איר פּרעזענלעכקייט. עס מערקט זיך דאָרטן אַזאַ פֿײַנע באַציִונג צו אירע חבֿרטעס, אַזאַ וווּנדערלעכע באַציִונג צו די עלטערן. נאָט אײַך דעם בריוו און לייענט אים בעסער אַליין: „טייערע מאַמע און פּאַפּאַ: נעכטן בין איך געווען דער צענטער פֿון „קינאה״. אַלע מיידלעך האָבן מיר מקנא געווען, ווײַל איך האָב באַקומען גאַנצע זיבן בריוו: דאָס איז אַ זעל־טענע דערשײַנונג אין די היגע קרײַזן. איך וועל אײַך אויסרעכענען די נעמען פֿון די בריוושרײַבער: ראָזע און סאָפֿי פֿון דער ייִדישער שול, עלענאָר פֿון דער „סקול״; פֿונעם מיידל, וואָס איז געווען בײַ אונדז צו גאַסט, איידער איך בין אַוועקגעפֿאָרן. פֿון מײַנע פֿרײַנדינס, גלאָריאַ און עלענאָר (הײַ־סקול), און אַ בריוו פֿון אײַך. ס'איז געווען אַן אמתע פֿרייד צו לייענען אַזוי פֿיל בריוו. לעצטן אָוונט האָט דער דראַמאַטישער קלוב אויפֿגעפֿירט אָסקאַר ווײַלדס „די וויכטיקייט צו זײַן ערנסט״. איך דערמאָן עס, ווײַל איך וויל איר זאָלט זײַן באַקאַנט, וואָס ס'קומט פֿאָר בײַ אונדז. אָט באַקענט זיך מיטן מיידל וואָס טיילט מײַן צימער. זי זיצט אַצינד אויפֿן בעטל און שטודירט אַ קאַפּיטל „פֿילאָסאָפֿיע״. זי האָט אַ טעסט. נעכטן האָט זי באַקומען איר באַריכט־קאַרטל: זי האָט געקראָגן סאַמע „איינסן״. דאָס איז שוין איין מאָל אַ באַריכט־קאַרטל! איך פֿאַרהאָף, אַז זי וועט האָבן אַן אײַנפֿלוס אויף מיר. זי איז דאָ זייער פּאָפּולער. זי איז אַ שיינע פּערזענלעכקייט. ווער עס טרעפֿט זי מוז זי אים געפֿעלן ווערן: הלוואַי וואָלט איך געקאָנט מאַכן אַזאַ אײַנדרוק אויף מענטשן! זי איז אַלט נײַנצן יאָר און קומט פֿון מאַסאַטשוזעטס״.

„דאָס עסן דאָ איז גאָר אַנדערש ווי אין דער היים. ס'טוט מיר לייד דאָס צו זאָגן. איך האָב אַן אויסשלאָג אויף מײַן הויט. און מיר דוכט, אַז ס'איז פֿון די היגע שפּײַזן. כ'האָב אויך אַ חשד, אַז די מערסטע עסנס זײַנען געקאָכט מיט פֿלייש. איך זוך אויסצומײַדן אָט די עסנס, בלײַב איך טאַקע אָפֿט הונ־געריק. אַפֿילו די גרינס־מאכלים זײַנען, קאָנטיק, אויסגעמישט מיט פֿלייש. מען באַנוצט דאָ אויך חזיר־פֿעטס. דו קאָנסט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ טעם און ריח דאָס געקעכטס האָט! עס פֿאַרשטייט זיך, מען קען נישט ענדערן די קיך צוליב מיר. דאָ אַרבעט אַ נעגערין און זי העלפֿט מיר אַרויס אין שײַכות

מיט שפּיַז. מיַין לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט, ווען מ׳האָט אָנגעשטעלט אַ נײַע „הרעזווירטין״. כ׳האָב איר דערציילט, אַז כ׳בין אַ וועגעטאַריערין. זי האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַז איך זאָל אַריַינגיין אין קיך איידער מע טוט אַריין דאָס פּעטס און נעמען מײַן פּאַרציע. ס׳האָט ניט געגומען לאַנג און די קוכערקע האָט אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיט אויל, און בכלל סערווירן אָפּטער גרינצײַג־שפּיַזן. די סטודענטן האָבן געגאַסן צוליב מיר. אַצינד האָב איך מער הנאה פון די מאָלציַיטן״...

„ווי פילסטו? מאַמע, איך וויל האָפן, אַז דו אַרבעטסט ניט צו שווער. ווען איך בין געווען אין דער היים, פלעג איך דיר אַרויסהעלפן און זען דיר, צו פאַרשפּאָרן אַ סך אַרבעטן. איך ווייס ניט, צי דו וועסט מיר פאָלגן פון דער וויַיטנס. איך בעט דיר, דו זאָלסט זיך צוהערן צו מיר, ניט אַזוי צוליב זיך, ווי צוליב מיר. איך ווייס, ס׳איז „עגאָיִסטיש״ פון מײַן זײַט. נאָר איך וויל האָבן אַ געזונטע מאַמע. ווען איך וועל זיך אומקערן וויל איך דיר טרעפן געזונט! און דאָס זעלביקע ווינטש איך, פאַרשטייט זיך, דעם פּאַפּאַן. איך וויל, ער זאָל זײַן געזונט און שטאַרק! יאָ, איך בין אַן „עגאָיִסטין!״

„איר זעט, ליבע עלטערן, מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. אַ מאָל האָט איר אויפגעפּאַסט אויף מיר, און זיך געזאָרגט, איך זאָל זײַן געזונט. אַצינד האָב איך די זאָרג אויפצופּאַסן אויף אײַך ביידן. אמת, ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך אײַך אָפט נישט געפאָלגט, אָבער איך בעט אײַך, איר זאָלט מיר יאָ פאָלגן...

מיט גרויס ליבע, אייער האָדל״.

אַך, רבותי, איך שרײַב דאָס קאַפּיטל מיט גרויס נאָסטאַלגיע. געווען שווערע יאָרן. איך האָב געאַרבעט אין שאָפּ ווי אַ רוח, געדאַרפט מפרנס־זײַן אַ משפּחה, אויסהאַלטן האָדלען אין קאָלעדזש, און ווען איך האָב דערהאַלטן אַזאַ בריוו פון איר, האָט עס קאָמפּענסירט פאַר אַלץ. איך האָב זיך אומגע־טראָגן מיטן שריפט, ווי מיט אַן אבן־טוב. געוויזן גוטע פרײַנד, און בין געווען זייער שטאָלץ מיט איר ווי מיט אַלע מײַנע קינדער. כ׳האָב געהאַט און האָב ס׳געפיל, אַז כ׳האָב נישט געלעבט אומזיסט. איך האָב דערצויגן דרײַ וווּנדערלעכע מענטשן. יאָ, איך דערמאָן זיך נישט איין מאָל ווי דאָס געוויסן האָט מיך געפּלאָגט, וואָס הייסט איך נעם דרײַ קינדער און וויל דווקא זיי זאָלן גיין אין מײַנע דרכים, אין מײַנע פוסטריט אין אַזאַ האַרבער, אומפרײַנד־לעכער וועלט, וווּ יעדע אַנדערשקייט ווערט באַגעגנט מיט חוזק און ציניזם?

מיינט עס נישט אַ בערישע טובֿה געטאָן זיי? אָבער מײַנע צוויי זין און טאָכטער האָבן אויסגעהאַלטן דעם געזעלשאַפֿטלעכן דרוק און זײַנען אַרויס מיט גאַנצע ביינער. איך האָב זיי געגעבן אַן אידעאַל אין לעבן.

# נײַנטער קאַפּיטל

# פּאַרטײַ אין געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן

איר שטויסט זיך שוין אָן מסתמא, רבותי, פֿון מײַנע בלעטלעך זכרונות, אַז איך בין געווען און בין נאָך עד־היום, אַ גרויסער חסיד פֿון דער אַנאַרכיסטישער און וועגעטאַרישער אידעע. מילא צו זײַן אַ וועגעטאַריער דאַרף איך אײַך לאַנג נישט ברײַען. איך בין דערצו געקומען נאָך אין מײַנע יינגלשע יאָרן צוליב ריין עטישע מאָטיוון און איך דאַרף זיי דאָ נישט איבערחזרן. עס ווילט זיך מיר אָבער יאָ דערציילן, ווי אַזוי דער אַנאַרכיזם האָט מיך, בשעתו, פֿאַרמאַגנעטיזירט. און געשען איז עס אַזוי:

ווי נאָר איך האָב באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין דעם „דאַון־טאַונער ברענטש״, וווּ לויס היימאַן איז געווען שטאַרק אַקטיוו. ער האָט דאָרטן געהאַלטן זײַנע פֿלאַם־פֿײַערדיקע רעדעס קעגן „סוועט־שאַפּ״, קעגן קינדער־אַרבעט און קעגן די „פֿאַרקויפֿטע פּאָליטישנס״ פֿון די צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. זײַנע רעדעס האָבן מיך שטאַרק באַגײַסטערט. זײַן טעמפּעראַמענט האָט מיך פֿאַרכאַפּט. אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל איך בין אַליין געשניטן פֿונעם זעלביקן טייג (אמת, מיטן גאַנג פֿון די יאָרן, בין איך געוואָרן געצוימטער). אַזוי צי אַנדערש, דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז געוואָרן מײַן רעליגיע. איך האָב אים געדינט בלבֿ־ונפֿש, אים אַוועקגעגעבן מײַן מי און מײַנע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן, ביז ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

ווען די קאַרפּנקעפּ פֿונעם סאָציאַליזם האָבן געשטימט אין רײַכסטאַג, אין די פּאַרלאַמענטן פֿון אייראָפּע פֿאַרן קריגסבודזשעט און האָבן באַרעכטיקט קריג, און ברודער קעגן ברודער האָט אויפֿגעהויבן די שווערד — דעמאָלט

איז געקומען די גרויסע אַנטוישונג. ביז אַ סך, ווי איך, איז אויסגעקומען, אַז די סאָציאַליסטישע אידעע האָט באַנקראָטירט...

אַוודאי זיינען דעמאָלט געווען יחידים, ווי צ״ב יודזשין וויקטאָר דעבס, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן. ער האָט אָפן געקעמפט, ווי מיר אַלע געדענקען נאָך, קעגן מלחמה און קעגן אירע פירער, און איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן מיט געפענקעניש.

די פּאַסיפיסטישע אויסנאַם־יחידים האָבן אָבער מיך נישט אָפּגעהאַלטן פון בלייבן אין די רייען פון דער ס״פּ. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו דער אַנאַרכיסטישער גרופּע און דאָרטן געפונען, ווי מיר דוכט זיך נאָך היינט, די אמתע תרופה צו אַלע צרות און איבלען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן...

איך האָב זיך ניט באַנוגנט מיטן לייענען די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. איך האָב געפּרוווט לעבן אַנאַרכיסטיש, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן. איך האָב אָנגעהויבן מיט זיך, מיט מיינע בני־בית. איך האָב נישט געשיקט מיינע קינדער, אין דער פּערער־שול. ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, מחמת איך האָב געוווינט אין ניו־יאָרק און די שול איז אין — סטילטאָן, ניו־דזשוירזי. דערצו האָב איך געוואָלט מיינע קינדער זאָלן לערנען יידיש — ווי שוין פריער באַמערקט, האָב איך געהאַט אַן אידעען־קאָנפליקט, צי פּערער אין ענגליש אָדער יידיש — יידיש האָט געוווּנען.

אַ סך בעסער האָט זיך מיר איינגעגעבן מיין צווייטע ליבלינג־אידעע, נעמלעך, דער וועגעטאַריזם, כאָטש צוריק געשמועסט, גייען זיי ביידע האַנט אין האַנט. ווי מיר האָבן עס געזען אין מיינע שילדערונגען פון מיינע צוויי זין ערב און בעת דעם מיליטערישן „דרעפט". איך בין געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער וועגעטאַרישער באַוועגונג. דער „לא תרצח" האָט געדעקט ביידע פראָנטן. עס געדענקט זיך מיר גאַנץ גוט איר דעמאָלסדיקער אָנפירער, אַ יידישער לערער פון די שלום־עליכם־שולן, חיים גאָלדבלום. אַ זעלטן איידעלער און עטישער מענטש. ער פלעגט קריכן אויף טרעפּ, באַזוכן באַלעבאָסטעס און זיי לערנען ווי צוצוגרייטן וועגעטאַרישע מאכלים, און נישט איין מאָל האָט ער געקראָגן אַ פּסק פאַר מישן זיך אין פרעמדע עסקים.

איין מאָל גייענדיק מיט אים אין גאַס, האָט זיך אונדז פאַרוועלט אָפּפּוצן די שיך. גאָלדבלום האָט זיך פאַרטראַכט, צי ס'איז עטיש, אַז איין מענטש זאָל קניען פאַרן צווייטן און טאָן אַן אַרבעט, וואָס דער ערשטער קאָן עס גאַנץ גרינג אַליין דערפילן. ס'איז נישט וויכטיק מיט וואָס דער ענין האָט זיך געענדיקט, דער עיקר איז געווען, וואָס ער זאָל נישט האָבן געטאָן, האָט ער געמוזט האָבן די סאַנקציע פון זיין געוויסן...

נאָך אַ וויכטיקער טוער איז געווען ש. ד. מאַט. ער איז נישט געווען קיין אימיגראַנט, נאָר אַ הי־געבאָרענער. ער האָט זיך ביי אונדז אויסגעלערנט יידיש און פלעגט האַלטן באַגייסטערטע רעדעס וועגן וועגעטאַריזם אויף מאַמע־לשון. ס'איז אָפּגערעדט, אַז ער איז געווען אַן אידעלער און פיין פילנדיקער מענטש. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ איבערציינגנדיקן טאָן, אַז מענטשן האָבן זיך נאָך דעם געמיאוסט צוצורירן צו אַ שטיקל פלייש...

אויך דער פאַרשטאָרבענער שריפטשטעלער, יצחק האָראָוויץ, איז געווען נאָענט צו אונדז. אמת, ער איז נישט געווען קיין אַקטיווער מיטגליד. אָבער ער האָט מיט זיין דראַמע „דאָס קול פון די שטומע" באַווירקט דעם יידישן לייענער. אָט וואָס שרייבט וועגן אים דער דיכטער אהרן ניסענזאָן אין דער פאָ"ש פון ערשטן מיי, ניינצן הונדערט צוויי און זעכציק:

„...גאָר פרי אין זיין שאַפערישן לעבן האָט יצחק האָראָוויץ באַגריפן, אַז דער העכסטער דערגרייך איז שיינקייט, און אַז שיינקייט באַשטייט פון אַ שותפות פון עסטעטיק און עטיק, וואָס דער טרעגער פון ביידן איז דער מענטש... אָט די פאָדערונג האָט ער געשטעלט צו יעדן שאַפערישן מענטשן... ער האָט צוערשט געזוכט דעם מענטשן און דערנאָך דעם שרייבער"...: אָט אַזוינע מענטשן־עקזעמפּלאַרן האָט פאַרמאָגט אונדזער קליינע באַוועגונג. ס'איז געווען אַ דינאַמישע באַוועגונג. מ'האָט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און גערעדט אָפּט צו „טויבע" אויערן. און אויף מאָרגן האָט מען עס ווידער געטאָן.

ס'געדענקט זיך מיר, ווי איין מיטינג איז פאָרגעקומען לעבן אַ פלייש־געשעפט. הירש רייף איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרמע און גערעדט. פלוצלונג איז דער קצב אַרויס אין זיין פאַרבלוטיקטן פאַרטעך און האָט אַ פאָכע געטאָן אויף אונדז מיט דער האַק. דער עולם, וואָס איז אַנגעלאָפן צו זען דעם בייזן ווונדער, האָט געכאַפּט די פיס אויף די פלייצעס און האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן. אויף די געבליבענע האָט דער „ספּעקטאַקל" געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. זיי זיינען געוואָרן אונדזערע אָנהענגער און זיי פלעגן קומען צו אונדזערע אונטערנעמונגען.

אין יענער צייט איז אויך געווען טעטיק די גרופּע „טאָלסטאָיאַנער". אירע נאָכפאָלגער האָבן זיך אויך גערופן „נאַטוריסטן". איר אָנפירער איז געווען משה יצחק ליטויער, ע"ה. די גרופּע האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ שריפט מיטן נאָמען „דער נאַטוריסט". אפשר געפינען זיך נאָך מענטשן, וואָס געדענקען, ווי אָט דער ליטויער פלעגט אומשפּאַנען אין זיינע ווייסע בגדים און לייוונטענע שיך, ווי איינער פון די פאַרצייטיקע איסיים, איבער די

גאַסן פון דער „איסט־סײַד" און פאַרקויפן אויף אַ שטופּוועגעלע „האָול ווײט מאַפּנס" און אַנדערע פּראָדוקטן פון גאַנצן וויץ. דער קריטיקער און פּובליציסט ש. ניגער האָט געשריבן וועגן דעם ענין בזה־הלשון:

„הייסט־עס, עס זײַנען דאָ בײַ אונדז מענטשן, וואָס טראַכטן וועגן זיך אַליין אויך, וועגן דעם אייגענעם לעבן! אַבי איך האָב גערעכנט, אַז מיר זײַנען געוואָרן אַ פאָלק פון לויטער כּלל־פאַרזאָרגערס. איך בין זיך מודה־ומתוודה: מיך האָט עס שטאַרק געשראָקן. עפּעס ניט קיין זיכערער פונדאַמענט זײַנען די, וואָס פאַרגעסן אין זיך אַליין און זאָרגן נאָר פאַר יענעם, נאָר פאַרן כּלל, — און רק פאַר דער צוקונפט. עפּעס לייגן זיי אָפּ אַלץ אויף שפּעטער, ווען עס וועט דערגרייכט ווערן דער אידעאַל און די גאולה וועט קומען, און וואָס איז עפּעס מכּוח היינט?"

לײדער, לײדער, איז די גרופּע אין גיכן צעפאַלן. דער רוף „צוריק צו דער נאַטור" האָט פאַרלאָרן זײַן המשך, און דאָס ביסל מענטשן איז זיך צעלאָפן אין די שטעט. אויך, אונדזער וועגעטאַרישער פאַראיין פונעם גאָלד־בלום־פּעריאָד האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן. צום דריטן יאָרצײַט פון זײַן פּירער, האָט מען זיך צונויפגעקליבן מיט דער כּוונה אָרײַנצובלאָזן אַ נײַעם רוח־חיים אין אים. מ'האָט מיך אויסגעקליבן פאַרן סעקרעטאַר. איך האָב זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט מײַן גאַנצער ענערגיע. דער פאַראיין האָט גענומען וואַקסן. מיר האָבן זיך נישט געציילט אין די הונדערטער, דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט צווישן אונדז אַן אידעאַליסטישן עלעמענט. מיר האָבן שטרענג אָפּגעהיט אַלע פאַרשריפטן פון וועגעטאַריזם. ס'זײַנען געווען מיטגלידער וואָס האָבן אַרויסגעוויזן עקסטרעמע נייגונגען. אַזוי צ"ב האָבן זיי געפאָדערט, אַז וועגעטאַריער זאָלן זיך משדך זײַן בלויז מיט וועגעטאַריער...

מיר האָבן אויך געהאָלפן גרינדן אַן ענגליש־רעדנדיקן וועגעטאַרישן פאַראיין, וואָס עקסיסטירט נאָך, אגבֿ, ביז היינט. נישט נאָר האָבן מיר, די מיטגלידער, זיך אויסגעלעבט אין דער אידעע, אָפּגעהיט אַלע פאַרשריפטן, נאָר מיר האָבן אויך געזאָרגט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן גיין אין די זעלביקע דרכים, ווי ס'איז שוין אויבן דערציילט געוואָרן.

מיר האָבן אַפילו דורכגעפירט עפנטלעכע פּסח־סדרים מיט וועגעטאַרישע מאכלים, פאַרשטייט זיך. אונדזערע געסט זײַנען געווען די שריפטשטעלער, טקאַטש און אַברהם רעגלסאָן. דער ערשטער האָט אונדז אָפּגעגעבן בשעתו אַ גרוס פון ארץ־ישראל, און דער צווייטער האָט גערעדט וועגן דער באַדײַטונג פון אונדזערע יום־טובֿים.

איך פֿאַרשפּאָר אייך צו זאָגן, רבותי, אַז די הויפּטאַרבעט פֿון אַראַנזשירן און דורכצופֿירן אָט די אונטערנעמונגען איז געפֿאַלן אויף מיר. ווער האָט דעמאָלט געטראַכט פֿון רו? די באַגײַסטערונג און דער גלויבן אין דער אידעע האָבן געשטאַרקט און געמוטיקט. ס'האָט זיך געוואָלט איבערשאַפֿן די וועלט, דעם מענטשן, אָבער קודם־כּל — זיך אַליין!...

צוועלף יאָר האָב איך אָנגעהאַלטן מײַן פּאָסטן ווי אַ סעקרעטאַר. איך וואָלט אים נישט פֿאַרביטן אויף אַן אַנדערן ערגעץ אַנדערש. די צוויי ווערטער פֿונעם זעקסטן געבאָט „לא־תרצח" האָבן מיך פֿאַרכּישופֿט. איך האָב גע־גלייבט דעמאָלט באמונה שלמה, אַז מיטן אַרויסברענגען עפּנטלעך אָט די הייליקע ווערטער ווער איך אַליין גערייניקט און געהייליקט און מײַנע צו־הערער אויך אַזוי. עס זײַנען געווען צײַטן, ווען בײַ אַ מיטינג זײַנען בײַגעווען דרײַ פֿיר חבֿרים. פֿון אומעטום האָט געיאָגט אַן אומעט, אַן עלנט. אַ שדל אין מיר האָט געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. נאָר אַזוי גיך ווי מיר האָבן אָנגעהויבן פֿונאַנדערצוּוויקלען די געדאַנקען פֿון וועגעטאַריזם און פּאַסיפֿיזם, זײַנען אויסגעוואָקסן בײַ אונדז פֿליגלען און מיר האָבן זיך דערהויבן צו די העכסטע רוימען. מיר האָבן דערזען פֿאַר זיך אַ באַפֿרײַטע וועלט, פֿרײַ פֿון מלחמות, פּאָגראָמען, בלוט־פֿאַרגיסונג בכלל, און נישט נאָר בנוגע דעם בן־אָדם, נאָר אויך בנוגע די „שטומע" באַשעפֿענישן, וואָס גייען אום אויף אונדזער אַלעמענס ערד. אין מינוטן פֿון צווייפֿל פֿלעג איך זיך צוכאַפּן צו די ווערטער פֿון אונדזערע גרויסע לערערס, פֿירערס, שריפֿטשטעלערס און בײַ זיי זוכן טרייסט און נחמה. אָט האָב איך געפֿונען בײַ שלום עליכמען אַן ענטפֿער אויף אַ בריוו צום שוין דערמאָנטן יוסף פּערפּער (אין רוסלאַנד). ער שרײַבט דאָרטן: „...איר האָט געטראָפֿן, איך האָב שוין וויפֿל מאָל געוואָלט ווערן אַ וועגעטאַריער, האָבן אומשטאַנדן ניט דערלאָזט און איצט מײַן קראַנקייט... וואָס מיך אינטערעסירט ווי אַ ייִד, (פֿרעגט ער אַ שלום־עליכמדיקע שאלה) וואָס וואָלט געווען, ווען אַלע ייִדן נעמען אָן אײַער אידעע און מע פֿירט טאַקע אײַן וועגעטאַריזם אין די הײַזער. — כ'מיין, וואָס וואָלט געווען מיט די שוחטים און רבנים. מיט דער פֿראַגע פֿון כּשר און אַלע שאלות פֿון בשר און חלבֿ? וואָס פֿאַראַ איבערקערעניש ס'וואָלט גע־וואָרן!... בײַ מיר איז דאָ ערגעץ אַ זאַכעלע „צער בעלי חיים". איך וועל אַ זוך טאָן און עס צושיקן פֿאַר אײַער זשורנאַל"...

בײַם סוף פֿונעם צוועלפֿטן יאָר האָט דער וועגעטאַרישער פֿאַראיין מיך אַרויסגעוואָרפֿן אַלס סעקרעטאַר. ס'וועט זײַן אינטערעסאַנט פֿאַר אײַך, רבותי, זיך צו באַקאָנען מיט דער סיבה.

אַ. גאָלאָמב האָט אָנגעשריבן בשעתו אַן אויפֿרוף, ווו ער רופֿט ייִדן צו שאַפֿן אייגענע ייִשובֿים און זיך צו פֿאַרנעמען מיט ערדאַרבעט און מיט — הינערצוכט. איך מוז מיך, מודה זײַן, אַז איך בין שטאַרק באַגײַסטערט געוואָרן פֿון דער אידעע. אייגענע ייִדישע ייִשובֿים! גאָר אַ קלייניקייט! ווײַט פֿון די גרויסע שטעט, אַן אייגענע ייִדישע סבֿיבֿה! די ייִדישע קולטור וועט זײַן געזיכערט... אין מײַן גרויס התלהבֿות האָב איך פֿאַרזען אַ „פּונקט", וואָס רופֿט אַרויס פֿאַרביטערונג בײַ יעדן ערנסטן וועגעטאַריער, נעמלעך „הינערצוכט".

איך האָב אַרויסגעשיקט דעם אויפֿרוף צו אונדזערע מיטגלידער און זיך אַליין ניט געכאַפּט וואָס פֿאַר אַ פֿײַער איך האָב אָנגעצונדן!...

זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג הינטער מײַנע פּלייצעס און אַן חקירה ודרישה מיך באַזײַטיקט פֿון מײַן אַמט.

איך האָב באַטראַכט דעם אַקט פֿאַר קליינלעך, וואָרעם מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט קום איך זאָגן דעם ייִשובֿ ווי ער זאָל זיך פֿירן? הכּלל ס'איז אויף מײַן אָרט דערוויילט געוואָרן יעקבֿ פֿײַן. דער פֿאַראיין האָט סײַ ווי ניט עק־סיסטירט מער ווי קנאַפּע צוויי יאָר.

פֿרעגט נישט קיין פֿראַגעס, רבותי, אויך וועגעטאַריער זײַנען נישט מער ווי מענטשן און אַ מאָל — דאָס אויך נישט!...

אין די צוועלף יאָר פֿון מײַנע „אַרויפֿס און אַראָפּס" אין דער אַזוי געררו־פֿענער וועגעטאַרישער באַוועגונג דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס ביכל „דאָס קול פֿון דעם וועגעטאַריער", וואָס איז אַרויס אונטער מײַן רעדאַקציע. די ייִדישע פּרעסע האָט געלויבט דאָס ביכל. פֿאַר מיר איז געווען אַ ספּעציעלער נחת־רוח יעקבֿ גלאַטשטיינס אָפּרוף אין „מאָרגן־זשורנאַל" פֿון צוואַנציקסטן אָקטאָבער, נײַנצן הונדערט צוויי און פֿופֿציק. ער שרײַבט דאָרטן אין זײַן קאָלום „פּראָסט און פּשוט" אַזוי.

„כ'בין שטאַרק איבערראַשט געוואָרן ווען כ'האָב דערהאַלטן אַ ייִדישע זאַמלשריפֿט געווידמעט דעם עטיש וועגעטאַרישן געדאַנק", אונטערן נאָמען — „דאָס קול פֿון דעם וועגעטאַריער". דער נאָמען פֿון זאַמלבוך האָט מיך דערמאָנט אין דער וועגעטאַרישער דראַמע, וואָס יצחק האָראָוויץ האָט אַ מאָל געשריבן. זײַן צער־בעלי־חיים־דראַמע האָט געהייסן „דאָס קול פֿון די שטומע"... דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס די זאַמלונג איז אַרויסגעגעבן פֿונעם „ייִדישן וועגעטאַרישן פֿאַראיין אין ניו־יאָרק". אויף זײַט דרײַ לאָזט מען וויסן, אַז דער דאָזיקער פֿאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1907 און איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1939. הייסט עס, אַז די ייִדישע

וועגעטאַריער זײַנען נאָך גאַנץ אַקטיוו, הגם מען הערט פֿון זיי וויניק. מיר געפֿעלט בפֿירוש די זאַמלונג פֿון די ציכטיקע זאַכעלעך, וואָס זײַנען דורכ־געשטראַלט מיט ליבשאַפֿט צו לעבעדיקע באַשעפֿענישן, אײַנשליסנדיק דעם מענטשן, וואָס מ׳דאַרף זיך אָנשטרענגען אים ליב צו האָבן לויט די טײַערע מעשׂים זײַנע פֿון די לעצטע טעלעכע און דרײַסיק יאָר״.

„דער רעדאַקטאָר איז נתן שמואל דייוויס און דער מאַטעריאַל איז צוזאַ־מענגעשטעלט געוואָרן פֿון אַ קאָמיטעט, וואָס צוויי מיטגלידער זײַנע זײַנען געשטאָרבן אין מיטן דער אַרבעט. מיר געפֿעלן שטאַרק די שבֿחים, וואָס מען זאָגט נאָך די צוויי אָפּגעשיידטע חבֿרים. וועגן שמואל דוד מאַט, דעם גרינדער פֿון דער וועגעטאַרישער באַוועגונג, זאָגט מען, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די שענסטע מידות טובֿות, לויט דער ייִדישער טראַדיציע, אהבת הבריות, עניוות, צדקות און רחמנות, הויכע גײַסטיקייט און עטישער וועלטבאַנעם״. ווי מיר זעען איז דער וועגעטאַריזם נישט נאָר אַ מילכיקע אָדער אַ פּאַרעווע באַוועגונג, נאָר זי איז צו עפּעס מחייבֿ. וועגן דעם פֿאַר־שטאָרבענעם מיטגליד מנחם מאָרגענשטערן, אויך אַ בויער פֿון דער וועגע־טאַרישער באַוועגונג, ווערט איבערגעגעבן, אַז ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט, אַ חבֿר פֿון די פּועלי־ציון, אַ טוער אין דער הסתדרות, אַן אידעאַ־ליסט, וואָס האָט געפּרעדיקט אַן ארץ־ישׂראל אין גײַסט פֿון די נבֿיאים. און אחרון, אחרון חבֿיב, ער האָט געקעמפֿט פֿאַר דער ריינקייט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און פֿאַר דער אָפּהיטונג פֿון די ייִדישע יום־טובֿים״...

„אָט די שבֿחים ווײַזן בולט, אַז די וועגעטאַרישע שיסל איז פֿול מיט אַ גאַנץ רײַכן אויסוואַל פֿון גוטע גײַסטיקע מאכלים. מיר געפֿעלן די דאָזיקע אידעאַליסטן. זיי זײַנען מיר צום האַרצן און מיר געפֿעלט בפֿירוש וואָס אונדזער קליינער ייִדישער זשורנאַלן־אויסשטעל איז באַרײַכערט געוואָרן מיט אַזאַ זאַמלבוך״.

„אין דעם אַרײַנפֿיר זאָגט אונדז דער רעדאַקטאָר נתן שמואל דייוויס, אַז דער וועגעטאַרישער אידעאַל איז באַזירט אויף דער דערקענטעניש פֿון דער חשיבֿות פֿון אַלץ וואָס „לעבט און שוועבט צווישן הימל און ערד״. דער רעדאַקטאָר וואַרפֿט אָפּ דעם געזונט־שטאַנדפּונקט פֿאַר דעם וועגעטאַרישן אידעאַל, אַזוי אַז אַלע דיעטעטישע אַרגומענטן פֿאַלן אַוועק און ווערן פּרוכט־לאָז. ער ווײַזט אָן, און ער איז גערעכט, אַז „עטישע וועגעטאַריער פּאַראַדירן ניט מיטן וואָרט „געזונט״, מחמת דאָס געזונט פֿון יחיד, זאָגט ער אונדז, הענגט ניט בלויז אָפּ פֿון עסן. עס איז ענג געקניפּט און געבונדן מיט די עקאָנאָמיש סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן. „דער עטישער

וועגעטאַריזם גרענעצט זיך אויך אָפּ פֿון די אַזוי־גערופֿענע פֿיזישע קול־טוריסטן"...

„דאָס זאַמלבוך באַשטייט פֿון פֿײַנעם געקליבענעם מאַטעריאַל און איז באמת, אויף זײַן שטייגער אַ בײַשטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. די אַרטיקלען זײַנען „גראַמאַטנע", פֿאַרזיכטיק געשריבן און מיט אַ סך דרך־ארץ פֿאַר אונדזער לשון".

„מיר האָבן אינעם זאַמלבוך לידער און אַרטיקלען וועגן וועגעטאַריזם פֿון מלך ראַוויטש, נתן חפשי, פּלוטאַרק, אָוויד, מנחם מאַרגענשטערן, מאיר זימל סקאַטש, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אויסצוגן פֿון טאָלסטאָי, זעצערס איבער־זעצונג פֿונעם „קעלבל" — די באַרימטע קינדער־מעשה פֿון פֿייערבערג — און אַ פּרינציפּן־דערקלערונג פֿון דער געזעלשאַפֿט".

„אין גאַנצן זאַמלבוך האָב איך געפֿונען בלויז איין פּגם. דער דיכטער אָוויד, וועמעס אַן איבערגעזעצט ליד ווערט געבראַכט אין „דאָס קול פֿון דער וועגעטאַריער" ווערט באַצייכנט ווי „אַ באַרימטער קלאַסישער דיכטער פֿון אַלטן גריכנלאַנד", בעת אַלע ווייסן און דאַרפֿן וויסן, אַז ער איז געווען אַ רוימישער און אַ לאַטייניש‏ער פּאָעט".

„איך באַטראַכט זיך בפֿירוש פֿאַר אַ נישט־געוואָרענעם, אָדער אַ שיעור־געוואָרענעם מיטגליד פֿון דער וועגעטאַרישער משפּחה און איך וועל פֿאַרענ־דיקן מיט עטלעכע שורות, טאַקע פֿונעם גרויסן לאַטיינישן פּאָעט אָוויד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן דרײַ און פֿערציק יאָר פֿאַר דער הײַנטיקער צײַט־רעכענונג:

„געוונג אײַך, מענטשן, זיך צו באַפֿלעקן מיט ניט־דערלויבטע שפּײַזן! איר האָט דאָך ברויטן, (קערנער). אונטער דער שווערקייט פֿון דער רײַכער משׂא פֿון די זאַפֿטיקע רויטלעכע פֿרוכטן בייגן זיך צווײַגן פֿון דיביימער. פֿול מיט זאַפֿט הענגען די טרויבן פֿון זייערע צווײַגן, וואָרצלען, גראָזן צאַרטע, געשמאַקע שטייען רייף אויף די פֿעלדער. און די אַנדערע, די וואָס זײַנען האַרטע, — מאַכט זיי דאָס פֿײַער ווייך, מאַכט זיי זיסער"...

און בײַ אַ צווייטער געלעגנהייט פֿאַרענדיקט יעקב גלאַטשטיין:

וויל איך פֿונדעסטוועגן פֿאַרענדיקן דעם הײַנטיקן דורכשמועס צווישן לייענער און שרײַבער, אין לײַכטערן געמיט, קודם־כּל וויל איך איבערגעבן אַ שטיקל גרוס פֿון דער וועגעטאַרישער באַוועגונג.

לייב קאַנער פֿון 309 פֿיפֿטע עוועניו, ניו־יאָרק, שרײַבט מיר: „חשובער פֿרײַנד יעקב גלאַטשטיין, אײַערע האַרציקע און ערלעכע פֿאַר ווערטער וועגן וועגעטאַריזם בכלל, און דעם ביכל „דאָס קול פֿון דעם וועגעטאַריער"

בפֿרט האָבן גאָר אַ סך צו טאָן מיט דער נײַער פֿרײלעכער שטימונג, וואָס עס הערשט איצט אין דער ייִדישער וועגעטאַרישער באַוועגונג. מיט דאַנק, לייב קאַנער".

דאַכט זיך מיר, אַז דעם שבֿח האָב איך נישט פֿאַרדינט, אָבער מיך פֿרייט וואָס די אידעאַליסטישע באַוועגונג איז אויפֿגעלעבט געוואָרן. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן די וועגעטאַריער אַפֿילו געהאַט אַ שׂמחהלע און ייִדישע דיכטער זײַנען געווען צווישן פֿאַרבעטענע געסט וואָס האָבן מהנה געווען די וועגעטאַריער מיט זייערע לידער.

# צענטער קאַפּיטל

## אַ פּרוּוו צו שאַפֿן אַ ייִדישן ייִשוב אין אַמעריקע

איך גיי איצינד אַריבער צום קאַפּיטל „ייִדישער ייִשוב אין אַמעריקע". ווי איך האָב פֿריִער שוין געזאָגט, האָט דער דאָזיקער פּרוּוו בײַ מיר צוגענומען פֿיר־פֿינף יאָר פֿון מײַן לעבן. ס'איז שוין אַזוי מײַן נאַטור, ווען איך נעם זיך צו אַ געזעלשאַפֿטלעכן פּראָיעקט לייג איך אַרײַן אין אים מײַן גאַנצע ענערגיע און כּוח. איך וויל אַוודאי נישט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז כ'בין געווען אַ נאָוואַטאָר. ווי אַלע וויסן, זײַנען געווען יחידים און זיכער די „פֿרײַלאַנד־ליגע" וואָס האָט געשטרעבט און שטרעבט עד היום צו שאַפֿן קאָנצענטרירטע ייִדישע ייִשובים, ווו עס לאָזט זיך. דער ציל איז אַלעמען באַקאַנט. אין קאָנצענטרירטע ייִדישע ייִשובים וועט דערמעגלעכט ווערן דער המשך פֿון דער ייִדישער קולטור, פֿון דער ייִדישער שפּראַך. מ'וועט אָנהייבן פֿון „קינדערגאָרטן" און גיין אַלץ העכער. בקיצור, זשיטלאָווסקיס לייזונג: „דאָס ייִדישע קינד — דעם ייִדישן פֿאָלק!" קאָן נאָר פֿאַרווירקלעכט ווערן אין באַזונדערע ייִדישע ייִשובים. די ערשטע חסידים האָבן מיר געפֿונען צווישן די „טעריטאָריאַליסטן". די „פֿרײַלאַנד־ליגע" איז, כּידוע, פֿאַר גרויס קאָלאָניזאַציע. בלויז געציילטע ייִדישע טוער, הגם זייער חשובֿע און פֿון הויכן סטאַזש, האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אונדזער קליינעם פּאַרמעסט, צווישן זיי — ד"ר י. נ. שטיינבערג ע"ה, ד"ר מ. שעכטער, מ. מענדעלסבערג ע"ה און לייבל כּהן.

די ערשטע זיצונג וועגן דעם ענין איז טאַקע פֿאָרגעקומען אין ד"ר שטיינבערגס הויז. ער האָט דעמאָלט געוווינט אין „הענרי האַדסאָן פּאַרקוויי", ניו־יאָרק. איך בין געווען זייער גערירט פֿון דער שטרענג־וועגעטאַרישער וועטשערע וואָס פֿרוי שטיינבערג האָט סערווירט. ס'איז דעמאָלט

אַרומגערעדט געוואָרן דער „יִשוב־פּראָיעקט". דער וווּנדערלעכער ייִד און מענטש, ד"ר שטיינבערג, הגם שוין דעמאָלט אַ קראַנקער, איז געוואָרן דער „רוח־חיים" צווישן אונדז. ער האָט געמוטיקט, כאָטש ס'רובֿ פֿון זײַנע קאָלעגן האָבן מיט אים נישט מסכּים געווען...

זייער וואַרעם האָבן אויפֿגענומען די חבֿרים מײַן גרייטקייט אַריבערצופֿירן מײַן שניפּס־פֿאַבריקל אין דעם געפּלאַנעוועטן שטעטל. ווו מענטשן וועלן קאָנען גלײַך צוציען חיונה פֿון אַרבעט און אפֿשר וועט מען זיך פֿאַרקוקן אויף מיר. און אַנדערע וועלן נאָכטאָן. ס'וועלן זיך געפֿינען ייִדן, וואָס וועלן אויך טראַנספּערירן זייערע געשעפֿטן אין אַ ריין ייִדישער סבֿיבֿה. אינדוסטריע און אַגריקולטור זאָלן געפֿינען זייער אָרט אין אַרום אַזאַ פּלאַנירט שטעטל. די פֿאַנטאַזיע האָט זיך בײַ אונדז צעשפּילט: — פֿאַר וואָס ניט שאַפֿן דאָ אין אַמעריקע ייִשובֿים אויף די נעמען פֿון די חרובֿ־געוואָרענע ייִדישע שטעט, ווי „נײַ־ווילנע", „נײַ־לובלין": מיר האָבן דעמאָלט אַרויסגעלאָזט דעם פֿאָלגנדיקן אויפֿרוף:

„צו די ייִדן אין אַמעריקע! אַ סך פֿון אײַך זײַנען ניט צופֿרידן מיטן לעבן אין די גרויסע שטעט, מיטן טומל און געררויש, מיטן לויפֿן און האַווען, מיטן פֿאַרלירן דאָס געזינט אין די סאָבווייס און אין די טומלדיקע גאַסן. אַ סך פֿון אײַך בענקען נאָך אַ שטיל לעבן פֿון אַ קליין שטעטל, אַ סך פֿון אײַך וואָלטן גערן געוואָלט צו ראַטעווען דאָס געזונט און די נערוון בײַ אַ רויִקער אַרבעט. אַ סך פֿון אײַך קוקן צו מיט אַנגסט, ווי די גרויסע שטאָט ווירקט שווער אויף דער מאָראַל פֿון אײַערע קינדער, ווי דער אַרום רײַסט זיי אַוועק פֿון זייער ייִדישן שורש... קומען מיר צו אײַך מיט אַ גוטן גרוס: מיר ווילן שאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט, וואָס איר ציל זאָל זײַן — געזונט צו מאַכן דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע.־ מיר ווילן שאַפֿן אַ ייִדישן יִשובֿ, וואָס זאָל באַזיצן אַלע מעלות פֿון אונדזער לאַנד מיט די מעלות פֿון אונדזער אַמאָליקער היים... אַמעריקע איז אַ גרויסער באַגריף! מיר קאָנען דאָ אויפֿבויען אַן אמתע היים פֿאַר ייִדן און פֿאַר ייִדישקייט... מיר באַזיצן אַ שטח לאַנד פֿון 2,500 אַקער, ניט ווײַט פֿון ניו־יאָרק. דער יִשובֿ ווערט (דערווײַל) פּלאַנירט אויף 200 ווירטשאַפֿטן. די הויפּט־פּרנסה זאָל זײַן היגערצוכט און אַנדערע פֿאַרמען פֿון אַגריקולטור און אינדוסטריע... די אָפֿיציעלע שפּראַך פֿונעם יִשובֿ זאָל זײַן ייִדיש. שבת און אַלע ייִדישע יום־טובֿים זאָלן אָפּגעהיט ווערן... ס'זאָל אויפֿגעשטעלט ווערן אַ טאָגשול פֿאַר קינדער און אַ שול צו דאַווענען, ווי אויך אַ לייענזאַל און אַ ביבליאָטעק. אונדזער יִשובֿ זאָל זײַן אַ היימיש ייִדיש שטעטל מיט אַלע אַמעריקאַנער באַקוועמלעכקייטן... מיר זײַנען זי־

כער, אַז אונדזער פּלאַנירט שטעטל קאָן ווערן אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע אַזוינע שטעטלעך... מיר האַלטן, אַז אויף דרײַ טראַדיציאָנעלע יסודות זאָל זיך האַלטן אונדזער קינפּטיק שטעטל — על התורה — אויף יידישקייט, על העבודה — אויף אַרבעט, ועל גמילות חסדים, אויף חבֿרישער קאָאָפּעראַציע... מיר מעגן גלייבן, אַז די יונגע דורות, וואָס וועלן דערצויגן ווערן אין אַזאַ סבֿיבֿה, וועלן זײַן בעסערע מענטשן און בעסערע יידן. „ניי־ווילנע" וועט זײַן אַ המשך פֿון אַלט־ווילנע און „נײַ־לובלין" — פֿון אַלט־לובלין... מיר רופֿן אַלע באַוווסטזיניקע יידן צו בויען אַ נײַ יידיש לעבן אין אַמעריקע"!...

ווי איר זעט, רבותי, האָבן מיר געוואָלט צופֿרידנשטלן הן דעם וועלט־לעכן, הן דעם רעליגיעזן יידן (ניט די סאַטמאַרער חסידים, חלילה!...) מאָלט אײַך, ס'זײַנען פֿאָרגעקומען גענוג שטורמישע זיצונגען בײַם אויס־אַרבעטן די תקנות און גענוג קאָנפֿליקטן בײַם אַדוואָקאַט גאָלדסטאָן אין אָפֿיס. דאַכט זיך, אַלע האָבן געשטרעבט צום זעלביקן ציל, און דאָך אין יעדע ריכטונג צוגעגאַנגען פֿון אַן אַנדער ווינקל. בקיצור, ווי אַ התחלה איז גע־שאַפֿן געוואָרן אַ סומע פֿון צען טויזנט דאָלאַר. אַליין נישט קיין גרויסער גבֿיר, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'איז אַ היפּשע אַפּותיקי. מילא, נישט אין געלט אַליין גייט עס... כאָטש צוריק געשמועסט, וואָלטן מיר האַרציק באַ־גריסט עפּעס אַ ווילן מעצענאַט, אָבער מעצענאַטן האָבן זיך עפּעס נישט געקלעפּט צו אונדז. מיר האָבן געקלאַפּט טרעוואָגע פֿיר חדשים נאָך אַנאַנד אין דער יידישער פּרעסע. מיר האָבן אָפּגעריסן די טירן אין די רעדאַקציעס און נישט געקענט באַקומען אַן אַרטיקל וועגן אונדזער פּראָיעקט. דער אייג־ציקער וואָס האָט געשריבן וועגן אונדזער ענין איז געווען מלך ראַוויטש. זײַן אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין „קענעדער אָדלער" און איבערגע־דרוקט אין מעקסיקאַנער „וועג" און אין אַ יידישער צייטונג אין מדינת ישראל.

מיר זײַנען געווען זייער דאַנקבאַר דעם שריפֿטשטעלער מלך ראַוויטש פֿאַר זײַן אייגנאַרטיקן און אינטערעסאַנט געשריבענעם אָפּרוף. אין סעפּטעמ־בער־אָקטאָבער נומער „אויפֿן שוועל" פֿון יאָר 1952 האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „פֿרײַלאַנד פֿאַר אַמעריקע". איך טרעט דאָרט אַרויס קעגן די „גרויס־קאָלאָניזאַטאָרס", איבערהויפּט פֿאַרן אוועקמאַכן מיט דער האַנט אונדזער באַשיידענעם אָנהייב. איך ווײַז אָן, אַז אַפֿילו יהושע בן נון האָט זיך צוערשט באַנוגנט מיט פֿאַרנעמען קלענערע שטחים אין כנען. אמת, דעמאָלט איז געווען אַן אַנדער לאַגע און אַנדערע אומשטאַנדן... און רעדנדיק וועגן מענטשן־מאַטעריאַל דערלויב איך זיך צו באַמערקן: „ווען מע זאָל זיך קאָנצענטרירן בלויז אויפֿן אויסגעמאַטערטן אייראָפּעישן יידנטום,

זײַנען פֿאַראַן סכּנות, לויט מײַן מיינונג, אַז דאָס קאָן ווערן אַ שטער צו דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿונעם נײַעם ייִשוב. פֿאַר וואָס זיך ניט פֿאַרטראַכטן אויך וועגן דעם אַמעריקאַנער ייִדן ?... זײַנען מיר צופֿרידן מיט אונדזער אייגענעם אַרט לעבן ?" און איך פֿאַרענדיק: „אונדזער לעבן דאַרף זײַן געבויט אויף מאַקסימום קאָאָפּעראַציע און מינימום עקספּלואַטאַציע !"

מיר האָבן געהאַט אַ סך שוועריקייטן מיטן „קאַצעטלער־פֿאַרבאַנד", אָנגעפֿירט פֿונעם חבֿר י. צעלעמענסקי. דער פֿאַרבאַנד האָט ניט געוואָלט הערן פֿון רעליגיע אינעם געפּלאַנטן ייִשוב. מיר האָבן זיך באַמיט צו געפֿינען אַ קאָמפּראָמיס און ניט געקענט, מחמת דער צווייטער צד מיט לויִס פֿעל בראש, האָבן זיך גאָרנישט געקענט פֿאָרשטעלן אַ ייִדיש שטעטל אָן אַ שוחט, בית־תּפֿילה און חדר. עס זײַנען געפֿירט געוואָרן נאָכאַנאַנדיקע פֿאַרהאַנדלונגען, ביז מען האָט געפֿונען אַ פּשרה, אַ פּשרה וואָס האָט צופֿרידנגעשטעלט בײדע צדדים, נעמלעך, דער וועלטלעכער סעקטאָר זאָל אויפֿשטעלן די אינסטיטוציעס וואָס זײַנען אים ליב, און דער צד שכּנגד — די רעליגיעזע.

מיר זײַנען אַוועק צום אַדוואָקאַט גאָלדסטאָן און דורכגעפֿירט אַלץ „כּדת־וכדין". מיר האָבן, ענדלעך, באַקומען די אינקאָרפּאָריר־פּאַפּירן אונטערן נאָמען. „געזעלשאַפֿט צו העלפֿן שאַפֿן ייִדישע ייִשובֿים אין אַמעריקע" און לייבל כּהן איז געוואָרן אונדזער סעקרעטאַר. דער „סערטיפֿיקייט אָף אינקאָרפּאָריישן" איז דאַטירט אַפּריל, 1954. די פֿאָלגנדיקע נעמען געפֿינען זיך אויפֿן היסטאָרישן דאָקומענט: ד"ר י. נ. שטיינבערג, לויִס פֿעל, אַנשל באַרזיקאָווסקי, מאָריס גרינבאַום, מאיר קאָרנבליט, נייטן דייוויס, לייבל כּהן, יוסף גאַטיינער, הערש פּאָדלאָווסקי, ישׂראל ליבערמאַן, הערי זיגאָס, ד"ר הענרי וואַכטעל, יעקב צעלעמענסקי און מאיר מענדלסבערג.

דער וווּנדערלעכער און גוטער ד"ר שטיינבערג איז אין יענע טעג געווען זייער פֿאַרהאַוועט. ניִשט נאָר האָט ער אַוועקגעגעבן זײַנע לעצטע געלטער פֿאַרן פּראָיעקט, נאָר ער איז געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער בײַם אַדוואָקאַט. זיך געזאָרגט וועגן יעדער קלייניקייט. האָט קיין מאָל ניט פֿאַרפֿעלט קיין זיצונג, האָט אַגיטירט און געשריבן וועגן דעם ענין אין „אויפֿן שוועל" אַפֿילו עדיטאָריעלן, כאָטש דאָס איז ניִשט געווען צום האַרצן ס'רוב טעריטאָריאַליסטן פֿון דער „פֿרײַלאַנד־ליגע". נאָך דעם ווי די אינקאָרפּאָריר־פּאַפּירן זײַנען „גוט־געהייסן געוואָרן" פֿון אַ „סופֿרים־קאָורט"־ריכטער, אין אָלבאַני, נ"י, האָבן מיר אָפּגעדרוקט דעם אויבן געבראַכטן „אויפֿרוף". למען־האמת זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז געשריבן דעם „אויפֿרוף" האָט ניט קיין אַנדע־

רער ווי דער באַרימטער פובליציסט און פּעדאַגאָג אַ. גאָלאָמב.

אַצינד ווען אונדזער חברה איז געזעצלעך אינקאָרפּאָרירט און האָט שוין געהאַט אַן אויסגעאַרבעטע קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער מיר זאָלן זיך פירן, און לויט וועלכער מיר זאָלן איינאָרדענען אונדזער לעבן, האָבן מיר געדאַרפט — ווי אמתע מנחם־מענדלס — ערשט גיין זוכן אַ פּאַסיקע „טעריטאָריע", מיט אַנדערע ווערטער, אַ שטיקל לאַנד פאַרן ערשטן יידישן שטעטל אויף אַמעריקאַנער ערד. אַ געוויסער מאַרק פלאָטניק, וואָס האָט באַזוכט אונדזערע זיצונגען, האָט אונדז אינפאָרמירט וועגן דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר קיין אויסטראַליע, אַז אָט די הויך געשטעלטע פּערזאָן פאַרמאָגט שטחים לאַנד אַרום ווינלאַנד, ניו־דזשוירזי, וואָס וואָלט אפשר געווען גרייט מיט אונדז צו פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ יידישן יישוב דאָרטן, מחמת ער באַציט זיך זייער סימפּאַטיש צו אונדזער ענין.

מיר האָבן זיך אין גיכן דערוווּסט, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט אַקער לאַנד פאַרן מקח פון פינף און דרייסיק דאָלאַר אַן אַקער אויף אויסצוצאָלן, און טאַקע אויף גוטע באַדינגונגען. איך בין געשפּרונגען פון פרייד! מיין האַרץ האָט זיך נישט געוואָלט איינשטעלן. ס'איז פאַראַן געוונג לאַנד נישט נאָר פאַר אַ דערפל, נאָר פאַר אַ גאַנצער שטאָט! איר קאָנט זיך עפּעס פאָרשטעלן אַ ריין יידישע שטאָט! די פאַנטאַזיע האָט אין יענע טעג געפלאַקערט! געמאָלן איין בילד שענער פאַר דעם צווייטן: יידישע טאָגשולן, הונדערטער יידישע קינדערלעך לערנען אונדזער טייער יידיש לשון. די גאַסן זיינען פול מיט אונדזער שפּראַך, אין די היימען זינגט מען יידישע לידער...

מ'האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט אָנצוקוקן דאָס לאַנד מיטן בונדישן קאָצעטלער י. צעלעמענסקין בראש. דעם קאָמיטעט איז געפעלן געוואָרן דאָס לאַנד, נאָר... נאָר, ווו אַ נאָר, זאָגט שלום־עליכם, דאָרט איז דאָך אַ צרה!... צו פיל געלט און צו ווייניק מענטשן! מ'האָט אָפּגעהאַלטן איין אַסיפה נאָך דער אַנדערער, וואָס דאַרפט איר חכמות? ס'האָט זיך פונעם ענין גאָרניט אויסגעלאָזן. מיינט איר דאָך אוודאי, רבותי, אַז איך האָב אויפגעגעבן מיין „ערדישע" האָפענונג? מאַכט איר אַ טעות! איך האָב אַ באַקאַנטן מיטן נאָמען נאָטע שקלאָווער, אַ טייערער ייד, אַ וועגעטאַריער, אַ פרומער, וואָס קאָן טיילן פון ש"ס אויסנווייניק, איז ער פאַרבונדן מיט אַ „ריעל־עסטייט"־פירמע, און ער פאַרשטייט זיך אויך אויף לענדערייען. אגב, איז ער געווען דער פאַרשוין, וואָס האָט רעקאָמענדירט די „הייטסטאָן" קאָלאָניע, וועלכע רוזוועלט האָט געשטיצט מיט אַ מיליאָן דאָלער. מילא, וואָס פון

„הייטסטאָן" איז געוואָרן ווי אַ ייִדישער יישוב דאַרף איך אײַך נישט דערציילן, אָבער אַ ביסל ייִדן איז דאָך דאָרטן פאָרט געבליבן. זיי האָבן אַפילו דאָרטן אַ ייִדישן מעיאָר. האָב איך געשריבן צו אָט דעם נאָטע שקלאָווער און אים דערציילט וועגן דער גרופּע עקשנים, וואָס צוליב דעם וואָס זי קען נעבעך נישט אַריבער, וועט זי מוזן אַרונטער; מיט אַנדערע ווערטער — מיר זײַנען גרייט אויף קליין־קאָלאָניזאַציע; זאָל כאָטש זײַן אַ דערפל, נאָר אַ ריין ייִדיש דערפל!

ס'האָט נישט גענומען לאַנג, רבותי, און ער האָט פאַר אונדז אויסגעזוכט אַ פײַן ערטל פון אַן ערך צוויי הונדערט אַקער לאַנד, נישט ווײַט פון לייקוווד, ניו־דזשוירזי. אַן אַקער האָט דאָרטן געקאָסט פינף און אַכציק דאָלאַר. מיט קוואַלן וואַסער און מיט אַ פליסנדיק ריטשקעלע, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ טײַך, אויב מע וואָלט אויפגעשטעלט אַ דאַמבע.

נו, אַצינד האָבן זיך געפאָדערט צוויי זאַכן און ווידער אַ מאָל — געלט און מענטשן־מאַטעריאַל. מיר האָבן געשאַפן צווישן זיך צען טויזנט דאָלאַר און מיר האָבן אָנגעהויבן גלײַכצײַטיק אַן אַקציע פאַר מער מזומנים און פאַר מער מענטשן, מיט אַנאָנסן אין דער פּרעסע און מיט אַרויסגעבן אַ מימעאָ־גראַפירטע שריפט אונטערן נאָמען „ייִדיש לעבן". הגם די שריפט „ייִדיש לעבן" האָט געהאַט אַ קורץ לעבן, איז זי אָבער געווען אָנגעפּאַקט מיט אינ־פאָרמאַציע וועגן דער פאַרשטייענדיקן יישוב. מ'האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אונדז איבערן גאַנצן לאַנד.

ס'האָט זיך אָנגערוקט די צייט, ווען מיר האָבן געדאַרפט איבערנעמען אונדזער „מאַיאָנטעק". פונעם טאָג, וואָס מיר האָבן געגעבן האַנטגעלט ביזן „טייטל" האָט גענומען אַ דרײַ־פיר חדשים און בשעת־מעשה זײַנען אָנגעקו־מען הונדערטער בריוו און אָנפרעגעס. מענטשן האָבן געוואָלט זען דאָס לאַנד, און מיר האָבן יעדן זונטיק געהאַט אַן אַרויספאָר מיט די יישוב־קאַנדידאַטן. די דאָזיקע לײַט האָט מען נישט נאָר געדאַרפט פירן אַהין, גאָר מען האָט אויך זיי געדאַרפט געבן אונטערצולייגן דאָס האַרץ, וואָרעם זיי האָבן זיך באַטראַכט פאַר אונדזערע געסט און מיר זײַנען מחויב זיי שפּײַזן, ווען זיי זײַנען הונגעריק געוואָרן.

איך מוז אָבער צוגעבן, אַז זיי זײַנען געווען ערנסט און אויפריכטיק פאַר־אינטערעסירט אין דעם פּראָיעקט. דאָס זײַנען ס'רוב געווען אַרבעטער, און זיי וואָלטן זיך פשוט מחיה געווען מיט דער מעגלעכקייט צו לעבן אָט דאָ אונטערן פרײַען הימל אַ שטיל און פּראָדוקטיוו לעבן. זיי זײַנען אָבער געווען

אַן געלטמיטלען, און זייער בענקשאַפט נאָך לאַנד האָט איינפאַך געריסן בײַם האַרצן.

נישט איין מאָל האָט זיך געטראַכט: ווען אונטער אונדז וואָלט געשטאַנען עפעס אַן אָרגאַניזאַציע מיט פאָנדן, וויפל וווּנדער מיר וואָלטן אויפגעטאָן מיט אָט דעם מענטשן־מאַטעריאַל! ליידער, האָבן מיר געהאַט געציילטע פּיאָנערן, וואָס וואָלטן אַלץ אײַנגעשטעלט און זיך אַריבערגעקליבן אינעם געפּלאַנטן שטעטל. לאָמיר כאָטש דערמאָנען דאָ זייערע נעמען: אויפן ערשטן אָרט קומען ד״ר מרדכי שעכטער, לייבל כּהן, אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער יונגערמאַן, מײַן ווייניקייט און נאָך אַ פּאָר משפּחות.

ווען מיר האָבן געדאַרפט אײַנצאָלן די אַנדערע צען טויזנט דאָלאַר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר קענען דאָס געלט נישט קריגן. מיט פאַרקלעמטע הערצער האָבן מיר זיך געמוזט זעגענען אויך מיט דער „קליין־קאָלאָניזאַציע". ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן געמאַכט אַן אומפאַרגעבלעכן טעות. דאָס זעלביקע שטיק לאַנד איז באַלד פאַרקויפט געוואָרן פאַר דרײַ מאָל אַזוי פיל, וויפל מיר האָבן אײַנגעצאָלט...

מיר זײַנען געגאַנגען פון איין דורכפאַל צו אַ צווייטן און דעם פּראָיעקט דאָך ניט געוואָלט אויפגעבן. האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אַ נײַעם ייִדן מיטן נאָמען מינעס. אָט דער מינעס פאַרמאָגט לאַנד אָן אַ שיעור, און ער האָט אונדז געוואָלט צוטיילן פאַר אַ צוגענגלעכן פּרײַז וויפל אַקער מיר דאַרפן. צו יענער צײַט זײַנען צוגעשטאַנען צו אונדז יעקב לעווין מיט זײַן פרוי. מיר זײַנען צוזאַמען מיט זיי געפאָרן באַטראַכטן אונדזערע „ערדישע" גיטער. אַלץ וואָלט, דאַכט זיך, געווען גוט, האָט זיך אָבער אין דער לעצטער מינוט די קאַצעטלער־גרופּע צוריקגעצויגן. יאָ, איר האָט געטראָפן, אויך פון מינעסעס „לענדערײַען" איז גאָרנישט געוואָרן...

## דער לעצטער פּרווו

דער סאַמע לעצטער פּרווו צו שאַפן אַ ייִדישן יישוב. איז געווען אַ ריי הײַזער וואָס זײַנען נישט געווען פאַרענדיקט לעבן שטעטל הייטסטאָן, וואָס איז באַווינט כּמעט הונדערט פּראָצענט פון ייִדן, אַפילו דער „מעיאָר" איז אַ ייִד. די גרופּע האָט באַשלאָסן אָפּצוקויפן די הײַזער. צו הילף — כאָטש צו צו מאַכן אַ שטודיום, פאַר וואָס איז דער טעריטאָריאַליזם אומעטום געווען אַ שפּעט — איז דעמאָלט צוגעקומען דער טעריטאָריאַליסט און פרײַלאַנד־ליגע־טוער יהודה זעליטש, אַדוואָקאַט פון פילאַדעלפיע.

מיר האָבן אים דערציילט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַ ריי אומפֿאַרענדיקטע הײַזער וואָס גייען „אונטערן האַמער" (אין אָקשן־פֿאַרקויף) ווײַל די הײַזער־בויער האָבן באַנקראָטירט. י. זעליטש האָט אָנגעבאָטן זײַן פֿרײַע הילף. ער איז ספּעציעל געקומען אין געריכט און ער האָט אויך מיטגעבראַכט מיט זיך אַ הײַזער־ספּעציאַליסט, אָפּצושאַצן דעם הײַזער־קויף. נאָר אַ געהילץ־קאָמפּאַניע וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ סך געלט אין דער באַנקראָטירטער פֿירמע האָט באַשלאָסן אָנבאָטן דעם העכסטן פּרײַז פֿאַר די הײַזער. מיר האָבן פֿאַרלוירן אַ זעלטענע געלעגנהייט צוליב דעם וואָס עס האָבן זיך געפֿונען אַ סך ייִדן אין הייטסטאָן און ווײַל עס איז דאָרטן אַ מאָל געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו וואָס איז געשטיצט געוואָרן פֿון דער פֿעדעראַלער רעגירונג אונטער רוזוועלטס אַדמיניסטראַציע.

הגם מיר זײַנען שוין געווען געווינט צו דורכפֿאַלן, האָט אָבער די לעצטע מפּלה אונדז פּשוט פּריטשמעליעט. מיר האָבן זיך אַרומגעזעצן, אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש. ס'וואָלט אפֿשר אינטערעסאַנט געווען צו מאַכן אַ שטודיום פֿאַר וואָס איז דער טעריטאָריאַליזם געווען אַ דורכפֿאַל, אַפֿילו קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אין ערגעץ נישט אײַנגעגעבן, נעמט צום בײַשפּיל, אַרגענטינע, ביראָ־בידזשאַן. איך ווייס, מען וועט געפֿינען פֿאַרשיידענע תּירוצים, אָבער...

פֿונדעסטוועגן, רבותי, בין איך אַן אומהיילבאַרער אָפּטימיסט אין שײַכות פֿון אַ ייִדישן ישוב אין אַמעריקע. אָבער דעמאָלט האָב איך זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן דער מערהייט, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויפֿצוגעבן דעם פּראָיעקט. מען האָט, במחילה, אַרויסגענומען דאָס ביסל געלט פֿון באַנק און עס צוריקגעגעבן די חבֿרים...

איך קען נישט ענדיקן דאָס קאַפּיטל נישט באַרירנדיק דעם נס מדינת ישׂראל. אויב ניסים געשען נאָך מיט ייִדן, פֿאַר וואָס זאָל נישט קענען געשען אַט אַזאַ נס אויך אָט דאָ, אין דער מדינה אַמעריקע. קאָנען מיר זיך דען פֿאָרשטעלן, אַז אַלע מיליאָנען ייִדן וועלן פֿון דאַנען אויסוואַנדערן און זיך באַזעצן אין ישׂראל? אויב נישט, מוזן מיר פֿאַרזיכערן אונדזער ייִדישן קיום דאָ אין לאַנד, מיט שאַפֿן ייִדישן ישובֿים אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות!

ווי אַ סימן, אַז איך מיין ערנסט מיט מײַנע רייד, האָב איך זיך בשעתו, אָנגעשלאָסן אין דער „פֿרײַלאַנד־ליגע". איך האָב דעמאָלט באַקומען דעם פֿאָלגנדיקן בריוו פֿונעם אומדערמידלעכן פֿירער אירן, י. נ. שטיינבערג. אָט איז ער וואָרט אין וואָרט:

„ליבער פריינד, נ. דייוויס:

נעכטן אָוונט, בײַ דער זיצונג פון דער „פרײַלאַנד"־עקזעקוטיווע, האָב איך פאָרגעלייענט אייער בריוו מיט דער דערקלערונג, אַז איר שליסט זיך אָן ווי אַ מיטגליד אין דער פרײַלאַנד־ליגע.

„די ידיעה, באַזונדערס אײַער גײַסטרײַכע באַגרינדונג פון אײַער באַשלוס, האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע צופרידנקייט. אײנשטימיק האָט מען אײַך אויפגענומען אין דער פרײַלאַנד־משפּחה. מיר שאַצן אָפּ אײַער אַקט זייער ערנסט, ווײַל איר האָט עס געטאָן מיט אָפענע אויגן, ווײַל איר ווייסט גענוי, אַז אונדזער באַוועגונג שווימט קעגן דעם שטראָם. אָבער אַ דאַנק דער דערפאַרונג פון אײַער לעבן האָט איר דערוואָרבן דעם מוט צו פאַרטיידיקן, אַפילו קעגן אַ מערהייט, יענע גרויסע אידעאַלן פון ייִדישקייט און מענטש־לעכקייט, וואָס באַגײַסטערן אײַך. האָפן מיר, אַז אין אונדזער באַוועגונג וועט איר אַרײַנטראָגן אײַער קלאָרקייט פון געדאַנק און אײַער גרייטשאַפט צו טאָט, און דערמיט באַרײַכערן אונדז אַלעמען. „פרײַלאַנד", ווי איר ווייסט, איז ניט קיין פאַרטיי, נאָר אַ ליגע, וואָס זוכט ניט אַרויפצוצווינגען אויף אירע אָנהענגער דירעקטיוון פון אויבן, נאָר דערוואַרט פון זיי פרײַע איניציאַטיוו".

„איז לאָמיר גיין צוזאַמען צו אונדזערע געמיינזאַמע צילן, וואָס זאָלן ברענגען טרייסט און האָפענונג סיי צו אונדזער פאָלק, סײַ צו דער מענטשהייט".

זײַט, ה׳ נתן דייוויס, באַגריסט"!

מיט פרײַנדשאַפט, י. נ. שטיינבערג, גענעראַל־סעקרעטאַר".

מיט אָנשליסן זיך אין דער „פרײַלאַנד־ליגע" האָט זיך מײַן טעטיקייט אויף אַנדערע געביטן נישט אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך עפּעס אַלע מאָל געפונען צווישן קליינע גרופּקעס מיט גרויסע השׂגות, וואָס זוכן צו ראַטעווען די וועלט פון אירעליידן און פּײַנען, און קענען זיך אַליין נישט דערהאַלטן בײַם לעבן. אָבער אַזוי איז שוין מײַן גורל! עפּעס אַן אינערלעכער כּוח שטופּט און טרײַבט מיך צו די שוואַכע, צו די ווינציקע, און לפי־דעתי — צו די גערעכטע.

# עלפטער קאַפּיטל

## „איחוד", „יידישע פרידנס־ברודערשאַפט און ווענעטאַרישע קאָלאָניע אין ישראל

ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט די טעטיקייטן פון „איחוד" אין ישראל און מיט דער שריפט „נר", האָב איך דערפילט אין דער גרופע אַ נאָענטן חבר אין קאַמף, מחמת די צילן פון „איחוד" זיינען מיר געווען נאָענט און טייער, בפרט ווען אין זיין שפיץ שטייען אַזוינע לויטערע און עטישע געשטאַלטן, ווי ר' בנימין, משה סמילאַנסקי, ד"ר סענאַטאָר, ד"ר שערעשעווסקי און נתן חפשי. מיטן לעצטן האָב איך זיך טאַקע געשטעלט אין פאַרבינדונג, און זיינע בריוו צו מיר בין איך ניט נאָר אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס דער „איחוד" טוט, נאָר זיי זיינען געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון טרייסט און דערמוטיקונג. איך האָב באַשטעלט אַ צאָל נומערן פונעם „נר" און האָב זיי פאַרשפרייט צווישן די עבֿרית־לייענערס. איך האָב די פּראָגראַם און די צילן פון דער גרופע פּראָפּאַגאַנדירט, הגם די יידישע עפנטלעכע מיינונג האָט אין איר איבערוועגנדיקער מערהייט ניט געוואָלט הערן פון זיי. איך האָב זיך אַפילו „פאַרקריגט" מיטן וווּנדערלעכן שריפט־שטעלער און שאַרפזיניקן עסייִסט, אַ. אַלמי, וואָס איז אָפט אַרויסגעטראָטן קעגן מיין פריינד חפשי. אין מיין אַרטיקל: „קריטיק אָדער פּאָליטיק" אין „טאָג" פון זונטיק, דעם ניינטן נאָוועמבער, ניינצן הונדערט צוויי און פופציק, שרייב איך צווישן אַלעמען. איך פרעג: „קענען ניט די עשׂרת הדברות זיין אַ קריטעריום פאַר אַן עטיש דערהויבענער געזעלשאַפט? לויט פריינד אַלמיס מיינונג, איז ניט גענוג צו זאָגן צום פאָלק „לא תגנוב!" נאָר מע דאַרף אים דערלאַנגען גאַנצע פעק טעאָריעס, אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, כדי ער זאָל וויסן דעם טייטש פון „לא תגנוב". אַ ציטאַט איז אַ שיינער ליטעראַרישער אָרנאַמענט. עס רעגט די פאַנטאַזיע ביים לייענער..."

„פֿרײַנד אַלמי טוט געוויס אָן אומרעכט צו די פֿײַנע, טיפֿזיניקע אַר־טיקלען און עסייען פֿון נ. חפֿשי, וואָס צילן בלויז צו איין זאַך: שלום און זיכערקייט פֿאַר די ייִדן אין ארץ־ישׂראל. ס'איז זיך גוט צוצוהערן אויך צו יענע, וואָס ווײַזן אָן אויף אַן אַנדער דרך. דעם אַלטן דרך ווייסן דאָך אַלע, וואָס האָט ער אונדז געבראַכט? מער יוגנטלעכע קרבנות, שרעק פֿאַרן מאָרגנ־דיקן טאָג... אויך סאָלדאַטשינע פֿאַר דער פֿרוי..."

...„בן־גוריון האָט געזאָגט אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, זו־מער 1931: ,מיר נעמען נישט אָן דעם לאָזונג ייִדנשטאַט, וואָס האָט פֿאַר זײַן ענדציל די הערשאַפֿט פֿון די ייִדן איבער דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג אין לאַנד, מיר ווילן נישט זײַן אין ארץ־ישׂראל קיין שוצייִדן, אָבער אויך נישט קיין הערשנדיקע ראַסע...' זאָל בן־גוריון אַזוי גוט זײַן און זאָגן, צי האָט ער יאָ, צי נישט געזאָגט די ווערטער?... ער האָט אויסגעקליבן דעם דרך פֿון בילטמאָר... ער האָט מסכּים געווען אויף דער חלוקה פֿון לאַנד און דאָס האָט דערפֿירט צו דער ייִדיש־אַראַבישער מלחמה..."

„דאַקעגן האָט נתן חפֿשי, און מיט אים די חבֿרים פֿון „איחוד" זיך גע־האַלטן בײַ אַן אַנדער מיינונג. ווען די ציוניסטישע באַוועגונג מיט בן־גוריונען בראש, וואָלטן געשטאַנען אויפֿן באָדן פֿון די לאָגישע רייד פֿונעם ערשט דער־מאָנטן קאָנגרעס, וואָלט נישט דערגאַנגען צו דער סכּנה פֿון אַ שחיטה אויף די נהלל־קינדער. פּונקט ווי ס'איז נישט געווען קיין געפֿאַר אין יענער צײַט, ווען ייִדן זײַנען געקומען בויען נהלל... אויפֿן ווײַסטן באָדן האָבן זיי געפֿו־נען דאָס זיכערסטע און בעסטע אָרט פֿאַר זייערע קינדער אין אַ דורכויס אַראַבישער סבֿיבֿה..."

„...אויב חפֿשי נעמט זיך אָן די קריוודע פֿון די אַראַבער, איז עס דען נישט אַ ייִדישע מידה זיך אָנצונעמען פֿאַרן שוואַכן?"

ווי איר זעט, רבותי, ברענגט חפֿשי אַרויס אין דעם בריוו און אין אַנ־דערע זײַנע בריוו גרויסע באַשולדיקונגען, מיט וועלכע נישט אַלע פֿון די לייענערס וועלן אפֿשר מסכּים זײַן. אַנדערע וועלן זיי אפֿשר באַטראַכטן פֿאַר צו געוואָגט און אַפֿילו פֿאַר שעדלעך. אָבער קיינער, דאַכט זיך, וועט נישט לייקענען, אַז אָט דער אידעאַלער מענטש איז אויסן אייגננוציקע אינטערעסן. ס'רובֿ וועלן דערשפּירן אין זײַנע רייד אויפֿריכטיקע שרעק פֿאַר דער צו־קונפֿט פֿונעם לאַנד און פֿאַר אירע באַוווינער, ייִדן און אַראַבער. אַני הקטן גלייב אין זײַן ערנסטקייט און גוטן ווילן. הלוואַי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך פֿון זײַנס גלײַכן, וואָלטן מיר אפֿשר געפֿונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט די אַראַבער. פֿון אַלע זײַנע בריוו צו מיר זעט זיך אַרויס די ז אָ ר ג, די

טיפע זאָרג וועגן אונדזער גורל אינעם קליינעם לאַנד. אין זײַן פֿאַרצווייפֿלונג פֿון זײַן אַ נישט־געהערטע מיעוט, פֿאַרלירט ער דאָך נישט זײַן גלײַכגעוויכט און איז פֿאַרזיכטיק מיט זײַן וואָרט אַפילו צו זײַנע קעגנער. וועגן אונדזער טעטיקייט אין דער „פֿרײַלאַנד־ליגע" באַמערקט, ער מיט גרויס ווייטיק: „...איך שעץ זייער הויך ד"ר י. נ. שטיינבערגס אַרבעט פֿאַר „פֿרײַלאַנד", איך בין אָבער אַלע מאָל באַזאָרגט, צי פֿרײַלאַנד וועט האָבן גענוג איבער־געגעבענע חלוצים. זאָגט מיר טאַקע אײַער מיינונג, באַגרינדעט אויפֿן פּראַק־טישן לעבן פֿון יידן אין אַמעריקע. איך האָב זייער מורא, אַז ניט נאָר וועלן זיי ניט ריזיקירן צו פֿאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישׂראל, נאָר זיי וועלן זיך ניט לאָזן אַפילו אינעם בעסטן פֿרײַלאַנד און אָפּטרעטן פֿון זייער „ביזנעס" אין די גרויסע שטעט. זאָגט מיר, ליבער דייוויס, צי דער דאָזיקער פֿאַר־דאַכט מײַנער איז אַ באַרעכטיקטער? ס'איז מיר אינטערעסאַנט צו הערן אײַער מיינונג וועגן דעם?...!

ווען איך לייען הײַנט — אין 1962 — חפֿשים ברייו, באַגלייט מיך דער זעלביקער אומעט און צער. די גרופּע „איחוד" איז נאָך אַלץ אומבאַהאָלפֿן און פֿאַרפֿאָלגט. אירע שׂונאים האָבן זיך געמערט, אָבער קיין סך פֿרײַנד זײַנען נישט צוגעקומען. מײַן אַלטער פֿרײַנד חפֿשי ראַנגלט זיך נאָך אַלץ פֿאַר זײַנע „אמתן" און זײַן קול איז נאָך אַלץ אַ „קול קורא במדבר!"...

ד"ר י. נ. שטיינבערג איז געווען זייער נאָענט צו דעם "איחוד". די גרופּע אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן דעם „נר", האָט ער באַ־טראַכט, אין אַ געוויסן זין, פֿאַר אידעיִש נאָענטע חבֿרים זײַנע. אין אים האָט זיך געראַנגלט זײַן פּאַסיפֿיזם מיטן געפֿיל פֿון נקמה צו דער היטלע־ריסטישער מלחמה. ער האָט, אַגבֿ, פֿאַרלאָרן זײַן מוטער דורך די נאַצישע רוצחים. זײַן גרויסקייט ווי אַ מענטש און ייִד האָט זיך, כּידוע, אָפּגעשפּיגלט אין אַלע זײַנע מעשׂים, און איך האָב נישט קיין סך מערער וואָס צוצוגעבן. ס'איז אָבער יאָ כּדאַי צו דערציילן עפּעס וועגן זײַן פּערזענלעכער באַציִונג צו מענטשן ווי יחידים. אין ניו־יאָרק געפֿינט זיך אַ געוויסער מוזיקער ד"ר ז. עס גיט זיך אָפּ מיט פֿאַרפֿאַסן מוזיק צו תּפֿילות, צו קאַפּיטלעך תּהילים. און תּנ"ך. אָבער קיין געלט אויף אַרויסצוגעבן זײַן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזי־ציעס האָט ער ניט געהאַט. היות ווי ער האָט זיך אומגעטראָגן מיט זײַן „חלום" אַ לאַנגע צייט, און קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף אים, איז אים ד"ר י. נ. שטיינבערג געקומען צו הילף מיט אַ „מתן־בסתר" פֿון צוויי הונדערט דאָלער... אַ פֿאַנטאַסטישע סומע פֿאַר ד"ר י. נ. שטיינבערגס דע־מאָלסטיקער עקאָנאָמישער לאַגע.

איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען און מיר זײַנען געבליבן אַליין, האָט ד"ר שטיינבערג גענומען רעדן וועגן דעם „קימ־בערליי פּראָיעקט". צוערשט איז זײַן טאָן געווען אַ מונטערער, נאָר באַלד האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אַ נאָטקע פֿון טרויער — ס'איז געווען אַ שטיקל צײַט נאָכן טויט פֿון זײַן פֿרוי — און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט ווייטיק: „זי וואָלט אפֿשר, נאָך געלעבט, ווען איך וואָלט נישט אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסטראַליע אויף פֿיר יאָר..." צוויי אבֿדות, איינע גלײַך נאָך דער אַנדערער, האָבן צעטרייסלט זײַן לעבן און האָבן אונטערגעגראָבן זײַן געזונט — דער טויט פֿון זײַן פֿרוי און פֿון זײַן באַגאַבטער איבערגעגעבענער טאָכטער אַדאַ סיגעל.

און נאָך אַ גורם איז געווען שולדיק אין זײַן פֿריצײַטיקן אָוועקגיין פֿון דער וועלט. נאָר וועגן יענעם „גורם" האָט קיינער נישט געשריבן. איך מיין, נעמלעך, זײַן דורכפֿאַל אין קריגן אַ טעריטאָריע פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל, און דער ביטול און שטילער חוזק מיט וועלכן מ'האָט געקוקט אויף זײַן גאַנ־צער אַרבעט...

הגם איך בין געווען און פֿאַרבליבן אַ טעריטאָריאַליסט בין איך אויך איבערפֿולט מיט טיפֿער ליבע און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר ארץ־ישׂראל, — איך זע נישט קיין סתירה אין אַזאַ געפֿילן! — האָב איך באַטראַכט ד"ר י. נ. שטיינבערגס „גרויס־קאָלאָניזאַציע" פֿאַר אַן אוטאָפּיע. וואָרעם ווער ווייסט עס הײַנטיקע צײַטן אָוועקגעבן צי פֿאַרקויפֿן אַ טעריטאָריע צו ייִדן? און ווו געפֿינען זיך דען בכלל פֿרײַע טעריטאָריעס? ווער זעט דען נישט די גרויסע אויפֿוואַכונג פֿון דער „טונקעלער" אַפֿריקע?

איך גלייב אין דער מעגלעכקייט פֿון אויפֿצובויען קליינע ייִדישע ייִשו־בֿים, ווי שוין אַ סך מאָל דערמאָנט, דאָ, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע אָדער אין אַנדערע לענדער.

און דאָך האָט מיך די שטיינבערג־פּערזענלעכקייט אימפּאָנירט, באַגײַס־טערט און דערהויבן! איך האָב געזען נאָך אַ נתן חפֿשי זיך ראַנגלען מיט דער וועלט אויף אַן אַנדער געביט. ס'איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל שיינקייט און עטישע דערהויבנקייט אין אַזאַ געראַנגל: איינער קעגן אַ וועלט! בפֿרט ווען דער איינער קעמפֿט פֿאַר גרויסע, אומדערגרייכבאַרע און הויך וויכטיקע אי־דעען און אַספּיראַציעס...

עס וועט נאָך קומען בײַ ייִדן אַ היסטאָריקער, וואָס וועט דאָס קאַפּיטל „טעריטאָריאַליזם בײַ ייִדן" באַלײַכטן פֿון אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו, און ער וועט דערווײַזן וויפֿל ליבע און שעפֿערישע איבערגעגעבנקייט עס

האָבן יחידים און גרופּעס אַרײַנגעלייגט אין געפֿינען פֿאַרן אונדזער גע־רודפֿטן פֿאָלק אַ מקום־מנוחה.

אויב די ציוניסטן איז אָנגעקומען שווער, ממש מיט קריעת־סוף אײַנ־צונעמען ארץ־ישׂראל און אויפֿצובויען דאָס לאַנד, בעת אונדזערע תּפֿילות זײַנען אָנגעזאַפּט מיט ציון־בענקעניש, און אונדזער „בראשית" הייבט זיך אָן טאַקע דאָרטן, איז וואָס קאָנען שוין האָפֿן און דערוואַרטן די טעריטאָ־ריאַליסטן? וועט איר דאָך פֿרעגן, רבותי, אַ פּשוטע פֿראַגע: אויב מיר האָבן שוין ישׂראל, צוליב וואָס דאַרף מען דעם טעריטאָריאַליזם און אַפֿילו יידישע שטעטלעך? איז דער ענטפֿער, לפּי דעתּי: „אַז מדינת־ישׂראל טאָר ניט אויסשליסן גײַסטיקע און עקאָנאָמישע פֿאַרפֿעסטיקונגען אין די תּפֿו־צות־לענדער. יידישע טעריטאָריעס, יידישע שטעטלעך זײַנען אַ גרויס באַ־וואָרעניש פֿאַר די יידן וואָס בלײַבן אין „גלות" און ווילן זיך אויסלעבן ווי יידן, און אָנהאַלטן ווײַטער זייער קולטור־לעבן. און אפֿשר זײַנען זיי אויך אַ פֿעסטע פּאָזיציע פֿאַר מדינת־ישׂראל?!?"

* * *

צו מײַנע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן דאַרף איך אויך צורעכענען די גרופּע — „דזשויש פּיס פעלאושיפּ", אַ ניט־פּאָפּולערע חבֿרה, ווי איר שטויסט זיך שוין אַליין אָן. און ווי איך האָב שוין פֿריִער דערציילט, האָט מיך אַלע מאָל געצויגן צו מיעוטן, צו די ווייניקע, אויב נאָר זיי האָבן גע־רופֿן צו העכערס עטיש מאָראַלישע ווערטן.

אָט די „יידישע פֿרידנס־ברודערשאַפֿט" ווי מ'האָט זי געררופֿן אויף אונדזער לשון, איז אויפֿגעקומען בעת דער מלחמה אין 1941 און איר צוועק איז געווען צו העלפֿן יענע יידישע יונגעלײַט, וואָס זײַנען געווען געוויסנס־קעגנער פֿון קריג. איר גרינדער, ד"ר איזידאָר ב. האָפֿמאַן, עצה־געבער פֿון קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט פֿאַר די יידישע סטודענטן אין רעליגיעזע אָנ־געלעגנהייטן, איז נאָך הײַנט אויך איר פֿירער.

די „קעגנער האָבן זיך בשעתּם אײַנגעטיילט אין צוויי קלאַסן. איין קלאַס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין קריג צוליב הומאַניטאַרע סיבות, די אַנדערע — מחמת רעליגיעזע, וואָס זײַנען אין לעצטן סך־הכל — די זעל־ביקע. בײַ ביידן איז דאָך וויכטיק געווען דער זעקסטער געבאָט פֿון די עשׂרת־הדברות — דער „לא תּרצח". די אַלגעמיינע צאָל פֿון די „קריגס־קעגנער" איבערן לאַנד האָט מען גערעכנט אַרום עלף טויזנט. די ברודער־שאַפֿט האָט געציילט אַן ערך הונדערט און פֿופֿציק מאַחינו בני־ישׂראל. אַ דריטל פֿון דער צאָל, האָט אָנגעגעבן זײַן קעגנערשאַפֿט — רעליגיע. „די

ברודערשאַפֿט" איז אַ טייל פֿון דער פּאַסיפֿיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. טייל מיטגלידער מיט ד"ר האָפֿמאַנען בראש זײַנען אויך מיסיעס בײַ דער „יו־ען" כּדי אָנצופֿירן די אַקציע קעגן די נוקלעאַרע עקספּערימענטן.

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער „ברודערשאַפֿט" בײַ איר סאַמע גרינדונג. און ווי איך בין דעמאָלט געווען פֿאַרנומען, האָב איך אויך געפֿונען צײַט זיך צו לערנען העברעיִש אין דער „טאָמאַס דזשעפֿערסאָן הײַ־סקול", וואָס האָט געגעבן אַזאַ קורס פֿאַר דערוואַקסענע. מײַן לערער איז געווען אַ געוויסער ד״ר גרענט, ער האָט נאָר וואָס געהאַט באַזוכט ארץ־ישׂראל און האָט גערעדט מיט גרויס סימפּאַטיע און ליבע וועגן די דאָרטיקע קיבוצים. ער האָט, אין פּריוואַטע שמועסן מיט מיר, אַרויסגעוויזן זײַן קעגנערשאַפֿט צו מלחמה. עפּעס האָב איך דערפֿילט אַ גײַסטיקע קרובֿישאַפֿט צו אים. ס'איז געווען, אַגבֿ, די צײַט ווען מײַנע צוויי זין, משה און מרדכי, זײַנען גערופֿן געוואָרן צום מיליטער־דינסט. ער פֿלעגט זיך נאָכפֿרעגן אויף זיי און זיך אינטערעסירן מיט יעדער קלייניקייט. מיט אַ מאָל איז ער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער האָט געדאַרפֿט „באַצאָלן" פֿאַר זײַן אַ קריגסקעגנער. איין מאָל פֿאָרנדיק צו אַ זיצונג פֿון דער „ברודערשאַפֿט" האָב איך, צו מײַן אָנגענעמער איבערראַשונג, געטראָפֿן דעם ד"ר גרענט. זיצנדיק בײַ דער פֿאַרזאַמלונג האָבן מיר זיך ביידע דערפֿרייט פֿונעם צופֿאַל. ער איז ניט לאַנג צוריק באַפֿרײַט געוואָרן פֿון אַ קעמפּ, ווו ער האָט „אָפּגעדינט" זײַן פֿולן טערמין.

אַרבעטנדיק אין דער גרופּע איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז אונדזערע אידעען דערגרייכן נישט ווײַט. איך זע פֿאַר מײַנע אויגן בלויז די עליטע, אַזוי צו זאָגן: מענטשן מיט הויכע טיטולן, דאָקטוירים און ראַבאַיס. אָבער ווו איז „עמך"? און, אַגבֿ, ווערט די גאַנצע אויפֿקלערונגס־אַרבעט געטאָן צווישן די ענגליש־רעדנדיקע מענטשן. אונדזער געדאַנק האָט ניט קיין „דריסת־הרגל" צו מענטשן וואָס רעדן ייִדיש, און איך האָב בײַ די זיצונגען געפֿאָדערט צו דרוקן ליטעראַטור אויף אונדזער לשון. דער סעקרעטאַר, הערשל מאַט, האָט מיר דעמאָלט צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכער ער דריקט אויס הסכּמה אין פּובליקירן אויסגאַבעס אויף ייִדיש. ער שרײַבט צווישן אַנדערע ענינים: „...מיר האָבן זיך שוין לאַנג געקליבן אַרויסצוגעבן אַ פּאַמפֿלעט וועגן יודאַיִזם און פּאַסיפֿיזם, אָבער צוליב דוחק אין פּאַסיקע מענטשן און אין פֿינאַנצן, האָבן מיר נישט געקענט דורכפֿירן דעם פּראָיעקט... מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן נישט בלויז צו די מיטגלידער פֿון דער גרופּע, נײַערט אויך צו נישט־פּאַסיפֿיסטן..."

ס'האָט זיך מיר איינגעקריצט פֿון יענער צייט אין זיכּרון אַ יונגערמאַן, אַ פֿרומער ייִד אייבערמאַן וואָס איך וויל אים דאָ כאָטש דערמאָנען. ער האָט אויך געהערט צו דער גרופּע. ער איז „געזעסן" מיט מײַנע בנים אין דענבערי, קאַנ' פֿאַר די זעלביקע חטאים. דער וואָרדן האָט אים באַזאָרגט אויף פּסח מיט מצה און אַפֿילו מיט וויין. ער האָט באַדויערט, וואָס ער קען אים נישט צושטעלן די איבעריקע זאַכן צום סדר.

* * *

נאָך אַ קאַפּיטל פֿון געזעלשאַפֿטלעכער עסקנות דאַרף איך פֿאַררעכענען דאָס העלפֿן אַ גרופּע וועגעטאַריער צו שאַפֿן אַ וועגעטאַריש־קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אין ארץ־ישׂראל. בײַ מיר איז געווען אַ פֿרייד אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען מיט די ישׂראל־חבֿרים. זיי האָבן אַרויסגעגעבן צוויי שריפֿטן אײַנעם יונגן לאַנד, וואָס זײַן זעלבשטענדיקייט איז נישט עלטער געווען ווי פֿיר יאָר. די צוויי צײַטשריפֿטן האָבן זיך גערופֿן: „חיים חדשים" און „ידיעות". וואָלטן די העפֿטן דערשינען אויף ייִדיש, וואָלטן מיר פֿאַרשפּרייט דאָ אין די הונדערטער, אויב נית מער. מיר האָבן זיך אָבער געמוזט באַגרענעצן מיט דער פֿאַרשפּרייטונג, ווײַל גאָר ווייניק קענען העברעיִש. ווי אין אַלע אַזוינע חבֿרות טראָגן דעם עול בלויז געציילטע מענטשן. איז דעריבער כּדאַי צו דערמאָנען דעם הויפּטאָנפֿירער פֿון דער גרופּע. זײַן נאָמען איז יחזקאל דאָרן. ווען איך האָב געבראַכט די נײַעס פֿאַר אונדזערע חבֿרים, האָבן זיי עס אויפֿגענומען מיט גרויס שׂמחה, מען איז, הייסט עס, ניט אַליין אויף דער וועלט און מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצודרוקן אַן אויפֿרוף און זאַמלען געלט פֿאַר דער אונטערנעמונג. אָט זײַנען טיילן פֿונעם אויפֿרוף:

„...מיר, ייִדישע וועגעטאַריער, האָבן באַקומען אַ וויכטיקע ידיעה פֿון אונדזערע חבֿרים אין מדינת־ישׂראל, אַז זיי גרייטן זיך צו גרינדן אַ וועגעטאַרישע קאָלאָניע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות... זיי פֿאַרהאַנדלען מיטן קרן־קימת וועגן באַקומען באָדן... דאָס לאַנד געפֿינט זיך אין באר־יעקבֿ, נישט ווײַט פֿון תּל־אָבֿיבֿ... פֿון די איבער צוואַנציק מיטגלידער וואָס האָבן זיך פֿאַרשריבן, געפֿינען זיך מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן און פּראָפֿעסיעס... דאָס עפֿנט גרויסע פּערספּעקטיוון פֿאַר דער וועגעטאַרישער אידעע אין מדינת־ישׂראל... מיר פֿילן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַזאַ אונטערנעמונג און מיר באַגרײַפֿן, אַז עס וועלן נייטיק זײַן שווערע אָנשטרענגונגען צו דערפֿירן די גרויסע אַרבעט צו אַ דערפֿאָלג... אַפֿילו וועגעטאַריער אין אַמעריקע, וואָס ווילן אָדער קענען זיך דאָרטן ניט באַזעצן, דאַרפֿן העלפֿן

אינעם גרויסן אויפֿבויווערק. לאָמיר שטאַרקן זייערע הענט און זיי זאָלן אימ־שטאַנד זײַן צו פֿאַרשפּרייטן דאָס הייליק עטישע געבאָט פֿון „לא תרצח" אין ציון, און פֿון ציון איבער דער גאַנצער וועלט. ווי אין פּסוק שטייט: „כי מציון תצא תורה!"

מיר האָבן דורכגעפֿירט פֿאַרשיידענע געלט־אַקציעס לטובֿת אונדזערע ישׂראל־חבֿרים. אויף איין געלט־אַקציע, דערמאָנט זיך מיר, איז אַרויסגע־טראָטן דער אַקטיאָר לייזער ראָזנשטיין. ס'האָט אויך אָנטיילגענומען אַ ישׂראל־זינגערין רבֿקה מחט. אונדזערע פֿרויען האָבן צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה. באַגײַסטערונג האָט נישט געפֿעלט, שיינע רעדעס אויך נישט, אָבער געלט, ממשותדיקע סומעס, וועגן דעם לוינט זיך נישט צו רעדן... נאָר מיר האָבן ערשט געהאַלטן בײַם ערשטן אַרויסטריט.

די ארץ־ישׂראל חבֿרים האָבן געלייגט אַ סך האָפֿענונגען אויף אַמע־ריקע. ערשטנס די התלהבֿותדיקע בריוו, וואָס זיי האָבן פֿון אונדז באַקומען, צווייטנס, האָבן זיי זיך אײַנגערעדט, טאַקע אויפֿן סמך פֿון די בריוו, אַז באַלד פֿאַרלאָזן די וועגעטאַריער זייער זאַטע אַמעריקע און לאָזן זיך אַוועק קיין ישׂראל. נו, צו מאַכן אַ לאַנגע מעשׂה קורץ, דאַרף מען דערציילן, אַז נאָך אַ מניעה האָט זיך געשטעלט זיי אין וועג. בעמלעך, דער קרן־קימת האָט זיי אָנגעבאָטן לאַנד נאָענט צו דער גרענעץ. היות, ס'איז געווען אַ געפֿאַר, אַז די חבֿרים זאָלן אַרייַנגעצויגן ווערן אין סטיטשקעס מיט די אַראַבער און היות ווידער, זיי זײַנען געווען פּאַסיפֿיסטן צווישן דער גרופּע, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם באָדן, און פֿונעם פּלאַן, ווי פֿון אַלע אַזוינע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם... אַזוי וואָלט אפֿשר דער פּעסי־מיסטישער לייענער געוואָלט איך זאָל פֿאַרענדיקן. ניין, רבותי, אַזוי האָט זיך עס נישט געענדיקט. מחמת ישׂראל איז דאָך ניט גלאַט אַ לאַנד. דאָרטן איז מען זייער נײַגעריק צו קאָלאָניזירן יעדן פֿרײַען באָדן. אונדזערע דאָר־טיקע חבֿרים האָבן ענדלעך אָפּגעזוכט אַ פּאַסיק שטיקל ערד אין גליל און מיט זייער אייגענער הילף האָבן זיי גענומען אים באַזעצן און שאַפֿן אַ וועגעטאַרישן ישובֿ, אָן שלאַכטהײַזער, אָן חלפֿים, ווו מ'האָט אײַנגעשטעלט אַ פֿרידלעכע באַציִונג מער־ווייניקער צווישן מענטש און מענטש און אויך צווישן דעם מענטשן און זײַן „שטומען" חבֿר, גאָטס באַשעפֿעניש...

צו יענער צײַט האָט, אמת, דער ניו־יאָרקער וועגעטאַרישער פֿאַראיין שוין מער ניט עקסיסטירט, אָבער בײַ זײַנע אַמאָל אַקטיווע טוער איז פֿאַר־בליבן אַ גליקלעך געפֿיל, אַז זיי האָבן כאָטש מיט עפּעס בײַגעטראָגן צום

דערפֿאָלג פֿון יענער אונטערנעמונג פֿאַר זייערע מער מזלדיקע ישראל־חבֿרים.

מיטן שוין דערמאָנטן יחזקאל דאָרן בין איך געשטאַנען די גאַנצע צײַט אין קאָנטאַקט. ער האָט מיר אינפֿאָרמירט וועגן די עליות און ירידות פֿון דער וועגעטאַרישער גרופּע אין ישראל. בײַ מיר זײַנען פֿאַרבליבן פֿון אים בריוו פֿון די יאָרן 1946־1953. געציילטע אינטערעסאַנטע בריוו, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם געמיט־צושטאַנד פֿון די דאָרטיקע חבֿרים. איך וועל דאָ ברענגען איינעם ווי אַביישפּיל:

„טײַערער חבֿר דייוויס:

„איך שרײַב ווידער, נאָך דעם ווי איך האָב אײַך אַרויסגעשיקט אַן ענטפֿער אויף אײַער בריוו... דאָס מאָל וועגן אונדזער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט... דעם 31סטן מאַרץ זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן צוועלף חבֿרים פֿון אונדזער אירגון (וואָס ציילט דרײַסיק מיטגלידער) אויף אַ באַראַטונג אין אָפּיס פֿון דער בוי־געזעלשאַפֿט „„ראַסקאָ". זי גיט זיך אָפּ מיט באַזעצן מענטשן אויפֿן באָדן פֿון „קרן קימת". ווי מ'האָט מיר מיטגעטיילט קומען, פֿאָרלויפֿיק, אין אַכט נאָר צען, צוועלף חבֿרים... ס'האַנדלט זיך וועגן „בצרה" לעבן „גן־חיים", וואָס ליגט בײַם הויפּט־שאָסייוועג תל־אביב—חיפֿה, אַ צען קילאָמעטער נאָך רעננה. צוליב די איצטיקע אומשטאַנדן אין לאַנד, ווי אויך צוליב דער קליינער צאָל חבֿרים, איז אוממעגלעך צו באַקומען אַן אָפּגעזונדערט שטיקל באָדן. מ'האָט דעריבער אונדז פֿאָרגעלייגט, מיר זאָלן זיך אָנשליסן אין „בצרה", וואָס באַשטייט פֿון זיבעצן פֿאַמיליעס, און ס'איז נאָך דאָרטן דאָ גענוג אָרט פֿאַר אַנדערע. אין פֿאַל מיר נעמען אָן זייער פֿאָרשלאָג, וועט „ראַסקאָ" אויפֿשטעלן פֿאַר אונדז די הײַזקעס. יעדע הײַזקע וועט האָבן איין צימער מיט אַ קיך און וועט קאָסטן 550 פֿונט... די גרייס פֿונעם שטח פֿאַר יעדן חבֿר וועט זײַן צוואַנציק דונאָם: דרײַ בײַ דער שטוב, צען דונאָם פּרדס וואָס גיט שוין פּרוכט און זיבן דונאָם פֿאַר אַ גרינסגאָרטן. ווי ס'קוקט אויס וועלן מיר אײַנגיין אויפֿן פּראָיעקט מיט דער פֿאַרשטענדעניש, עס זאָלן רעזערווירט ווערן פּלעצער פֿאַר די איבעריקע חבֿרים פֿון אירגון... מיר וועלן זיך אָבער מוזן באַזעצן מיט אייגענע מיטלען... צוליב דער אומזיכערער לאַגע אין לאַנד קענען זיך די מיטגלידער נישט צונויפֿקומען... דאַך גלייב איך, אַז פֿאַר פּסח וועלן מיר שוין וויסן גענוי, ווער עס גייט אויף התישבֿות, און מיר וועלן אײַך קאָנען מיטטיילן אַלע אייַנצלהייטן"!...

* * *

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון מדינת־ישראל. דער שרײַבער י. מעצקער האָט באַזוכט אַ וועגעטאַרישן דאָרף דאָרטן און ער באַשרײַבט אין „פֿאָרווערטס” פֿון 25סטן מאַרץ, 1961 זײַנע אײַנדרוקן. איך ברענג דאָ אַ לענגערן אויסצוג פֿון זײַן אַרטיקל:

„... איך האָב אויסגעפֿונען, אַז די וועגעטאַריער אין ישׂראל ציילן זיך אין די טויזנטער, אַז זיי האָבן אַן אָרגאַניזאַציע פֿון עטלעכע טויזנט מיט־גלידער און אַז זיי זײַנען אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. בײַ אַ סך פֿון זיי איז אָבער דאָ דער פֿאַרלאַנג זיך אָפּצוזונדערן פֿון די פֿליישעסערס. זיי ווילן בעסער וווינען אין באַזונדערע יִשובים, ווו עס וועט זיי זײַן לײַכטער צו פֿירן זייער אייגנאַרטיק לעבן און ווו זיי וועלן אויך בעסער קאָנען דער־ציִען, זייערע קינדער לויט זייערע אידעאַלן און פּרינציפּן. עס איז אַזוי אַרום בײַ זיי געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו בויען פֿאַר זיך ספּעציעלע דערפֿער, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו זייער וועג פֿון לעבן”.

„איין דאָרף אַזאַ האָבן זיי שוין. דאָס דאָרף, וואָס הייסט אַמירים, גע־פֿינט זיך אין די בערג פֿון גליל, ניט ווײַט פֿון צפֿת. מען האָט עס ניט לאַנג צוריק אויפֿגעבויט און עטלעכע צענדליק פֿאַמיליעס וווינען דאָרטן שוין דאָס צווייטע יאָר. נאָך אַזאַ קאָלאָניע וועט אין גיכן אויך געבויט ווערן אויפֿן הר הכּרמל און עס זײַנען דאָ פּלענער אויפֿצושטעלן אַזעלכע דערפֿער אין אַנדערע געגנטן”.

„איך האָב באַזוכט דאָס דאָרף אַמירים. אָבער אַזוי ווי איך בין אַהין געקומען אין אַ קאַלטן און רעגנדיקן טאָג האָב איך דאָרטן אַלץ געזען ווי דורך אַ פֿאַרהויכט גלאָז און עס איז מיר פֿאָרגעקומען, אַז דאָס דאָרף איז אַ ביסל צו פֿאַרשלאָפֿן. דער וועג צום דאָרף איז ניט קיין געפּלאַסטערטער און דער שאָפֿער, וואָס האָט מיר געבראַכט אַהין, האָט ניט געוואָלט זיך לאָזן מיט זײַן אויטאָ אין באַרג אַרײַן, ווייל ער האָט פּשוט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט בלײַבן שטעקן אין בלאָטע. איך בין דעריבער פֿונעם הויפּטוועג אַרויף צופֿוס צום דאָרף”.

„נאָך איידער איך האָב דאָרטן רעכט באַטראַכט די יונגע ביימלעך, די גערטנער און די פֿאַרשיידענע הײַזער, גרעסערע און קלענערע, וואָס זײַנען געבויט באַרג אַרויף ווי איינס איבערן אַנדערן, האָב איך באַלד געמערקט די אַנדערשקייט פֿונעם דאָרף. און אַנדערש איז עס שוין געווען דערפֿאַר, וואָס איך האָב דאָרטן ניט געזען קיין עוף, קיין שאָף, קיין קו און קיין פֿערד”.

„איך בין צוגעגאַנגען צום געוועלבל פֿון דאָרף, ווו איך האָב אײַנגעהאַנדלט אַ ביסל קערלעך און ווו איך האָב באַגעגנט עטלעכע מענטשן פֿונעם

יִשוב. ווען איך בין אַרײַן אין סטאָר איז פֿון דאָרטן אַרויסגעקומען אַ יונגער־מאַן, וואָס איז געווען אַ טיפּישער נאַטוראַליסט. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע באָרד, אַ קאָפּ לאַנגע האָר און ער האָט געטראָגן לייוונטענע שיך. איך האָב דאָרט, באַגעגנט מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן, וואָס האָבן מיר דערציילט, אַז זיי ווױנען שוין אין אַמירים באַלד צוויי יאָר און אַז זיי אָרדענען זיך ביסלעכווײַז אײַן. אַ פּאָר פֿון זיי האָבן מיר דערציילט, זיי האָבן אויפֿגעגעבן שטעלעס אין שטאָט און זײַנען געקומען זיך באַזעצן אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור צו פֿירן אַ לעבן, וועגן וועלכן זיי האָבן יאָרן געחלומט".

„— ווי פֿילן זיך דאָ אײַערע קינדער? — האָב איך געפֿרעגט בײַ אַ יונגער פֿרוי, וואָס איז אַרײַנגעקומען אין געוועלב מיט אַ מיידעלע. דאָס מיידעלע האָט אויסגעזען געזונט און שיין און איז אומגעגאַנגען באָרוועס. זי האָט געטראָגן קורצע הייזלעך, כאָטש אין דרויסן איז געווען גאַנץ קאַלט".

„— מיר האָבן דאָ ניט קיין פּראָבלעמען מיט די קינדער. זיי לײַדן דאָ ניט פֿון קיין שום קראַנקײַטן און זיי לעבן נאָרמאַל. אין שטאָט, ווו זיי האָבן געהאַט פֿאַרשיידענע פֿרײַנד איז געווען אַנדערש, — האָט די פֿרוי דערציילט — זי, פּונקט ווי אַנדערע עלטערן־וועגעטאַריער, האָבן שטענדיק זיך געדאַרפֿט זיך פֿאַרענטפֿערן און רק געבן דערקלערונגען פֿאַר וואָס זייערע פֿרײַנד מעגן יאָ עסן פֿלייש און זיי ניט".

„— און דאָ זײַנען טאַקע אַלע גלײַך? — האָב איך זי געפֿרעגט".

„— קיינער עסט דאָ ניט קיין פֿלייש אָדער פֿיש. עס זײַנען אָבער דאָ אַזעלכע, וואָס עסן נאָך אַ ביסל מילכיקס. בײַ מיר אין הויז ווייסט מען אַפֿילו ניט פֿון קיין מילך און אייער. אונדזערע מאכלים האָבן אַלע טעמים און זיי זײַנען געמאַכט פֿון פֿרוכט, פֿון ניס, פֿון גרינסן און פֿון אייל, האָט די פֿרוי, וואָס איז פֿון איר יוגנט אָן אַ שטרענגע וועגעטאַריערין, מיר געגומען דערקלערן ווי שעדלעך ס'איז פֿאַרן מענטשן די אַלע פֿליישיקע שפּײַזן. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זייערער אַ דאָקטער באַהויפּט, אַז דער מענטש איז לויט זײַן קערפּער ניט באַשאַפֿן געוואָרן צו עסן פֿלייש און אַז ער קאָן דעריבער ביז הײַנטיקן טאָג ניט פֿאַרדייען ווי געהעריק אַזאַ שפּײַז, וואָס איז ניט פֿאַר אים".

„דער מענטש האָט געקאָנט לעבן הונדערט און פֿופֿציק יאָר און נאָך מער, ווען ער זאָל נאָר עסן פֿרוכט און געוויקסן, — האָט איר אַרויסגעהאָלפֿן אַ מאַן פֿון אַ יאָר עטלעכע און זעכציק, אַ לאַנגצײַטיקער וועגעטאַריער. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין דאָרף ווױנען פֿאַרשיידענע לײַט, עלטערע און ייִנגערע, פֿון פֿאַרשיידענעם כאַראַקטער. אָבער איין גרויסע אידעע פֿאַראייניקט זיי

אַלעמען, נעמלעך, זיי עסן ניט דאָס פֿלייש און דאָס בלוט פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן. דערצו לעבן זיי אויפֿן לאַנד, ווײַט אַוועק פֿון שטאָטישן טומל און אַרבעטן בײַ דער ערד, וואָס שפּײַזט זיי צו זאַט".

„דער מאַן האָט זיך פֿאַר מיר ווי באַרימט, אַז גאַנץ אָנגעזעענע מענטשן קומען זיך באַזעצן אין זייער דאָרף אַמירים. דערבײַ האָט ער דערמאָנט, אַז איינער פֿון די וועגעטאַריער, איז דער פֿאָרזיצער פֿונעם פֿינאַנץ־קאָמיטעט פֿון כּנסת, י. גורי. מיר האַלטן ערשט בײַם אָנהייב, אָבער ווען איר וועט קומען אין עטלעכע יאָר אַרום וועט דאָ אַלץ אַנדערש אויסזען. מע וועט דאַרפֿן דאָ אײַנפֿירן אויך אַ ביסל אינדוסטריע און אויפֿשטעלן אַ פּאָר פֿאַבריקלעך. און אַזוי ווי די לופֿט איז דאָ זייער אַ גוטע, פּלאַנט מען דאָ צו שאַפֿן אָ דער־הוילונגס־היים, ווו מענטשן וועלן געפּלעגט ווערן מיט וועגעטאַרישע מאַכלים".

„איך האָב דערנאָך באַזוכט אַ פּאָר היימען און געזען, אַז די מענטשן האָבן דאָרטן ניט קיין גרויסע השׂגות, זיי שטרעבן ניט רײַך צו ווערן, זיי שטעלן זיך צופֿרידן מיט אַ גאַנץ באַשיידענעם לעבן. לעבן געוועלבל האָב איך באַגעגנט אַ מיטליאָריק פּאָרפֿאָלק מיט אַ יונגער בלאָנדער טאָכטער, וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך ענגליש. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי קומען פֿון נעבראַסקאַ ערשט מיט צוויי יאָר צוריק. זיי זײַנען פֿון דער סעקטע „סעוון דיי אַדווענטיסטס", וואָס היט אָפּ שבת, און זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אינעם לאַנד פֿון דער ביבל. און אַזוי ווי זיי זײַנען וועגעטאַריער, זײַנען זיי געקומען בויען זייער היים אין אַמירים" . . . די פֿרוי האָט מיר איבערגעגעבן דעם טשיקאַוון פֿאַקט, אַז עס זײַנען נאָך פֿאַראַן אַ פּאָר ניט ייִדישע פֿאַמיליעס פֿון אַמעריקע. זייערע קינדער לערנען עבֿרית און זיי לעבן זיך דאָ גאַנץ גוט אײַן".

„...צולעצט האָב איך פֿאַרבראַכט דאָרט מיט אַ היימישן ייִדן, וואָס איז שוין איבער צוואַנציק יאָר אַ נאַטוראַליסט. זײַן נאָמען איז ברוך שאַפּיראָ. ער און זײַן פֿרוי, נאָך גאַנץ יונגעלײַט, האָבן גערעדט מיט באַגײַסטערונג וועגן זייער לעבן. מ"ר שאַפּיראָ גיט זיך אָפּ מיט פֿאָרשערישער און ביבליאָגראַ־פֿישער אַרבעט, האָט זײַן צײַט אײַנגעטיילט אויף תּורה און עבֿודה. אין זײַן קליינעם שטיבל האָט ער אַ גרויסע ביבליאָטעק. דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג איז ער באַשעפֿטיקט אין דרויסן. זײַן פֿרוי העלפֿט אים. אין הויז שמעקט מיט פֿאַרשידענע וועגעטאַרישע מאַכלים און געבעקסן... איך האָב פֿאַרלאָזן דאָס רויִקע און פֿרידלעכע דאָרף מיט אַ צופֿרידענעם געפֿיל..."

## צוועלפטער קאַפּיטל

# אַקטיווע טוער אין דער וועגעטאַרישער באַוועגונג

אַצינד, ווען איך בין פֿאַרטיק געוואָרן מיט שילדערן מײַנע טעטיקייטן ווי דער סעקרעטאַר פֿונעם „יידישן וועגעטאַרישן פֿאַראיין", איז נישט מער ווי רעכט אויך צו דערמאָנען אַ צאָל נעמען פֿון פֿרײַנד, וואָס האָבן געהאָלפֿן, יעדער אויף זײַן שטייגער און לויט זײַנע כּוחות, צו פֿאַרשפּרייטן די וועגעטאַרישע אידעע.

איכ'ל אָנהייבן מיטן חבֿר בן־שמר, אַ באַגײַסטערטער וועגעטאַריער. ער פֿלעגט אָפֿט אויפֿטרעטן מיט זײַן קאָנצערטינע בײַ אונדזערע יום־טובֿים און פֿלעגט אויסשפּילן ארץ־ישׂראלדיקע און יידישע ניגונים. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט קיין האָנאָראַר פֿון אונדז נישט געפֿאָדערט. ער האָט עס געטאָן כּדי צוצוציִען אַ גרעסערן עולם, וואָס זאָלן בעת־מעשׂה אויך הערן אַ וואָרט וועגן אונדזער לערע. מיר האָבן טאַקע דעמאָלט, אַ דאַנק אים, פֿאַראינטערעסירט נײַע מענטשן אין דער באַוועגונג.

דער העברעיִשער דיכטער, אַבֿרהם רעגעלסאָן, הײַנט אַ תּושבֿ אין ישׂראל, איז געווען אַן אָפֿטער גאַסט בײַ אונדז. ער האָט געקראָגן אַ סך צוהערערס בײַ זײַנע לעקציעס. ס'איז טאַקע געווען אַ נחת־רוח אים צו הערן. ס'איז געווען וואָס צו לערנען און מ'האָט געהאַט אַן עסטעטישן פֿאַרגעניגן פֿון זײַן דיכטערישן לשון. נאָך זײַנע לעקציעס, און בײַ אַנדערע אונטערנעמונגען פֿלעגט זײַן פֿרוי אויפֿטרעטן מיט אַ קראַנץ העברעיִשע און יידישע לידער.

מיר האָבן געהאַט דאָס גרויסע פֿאַרגעניגן צו האָבן בײַ אונדזערן אַ באַנקעט דעם פֿאַרדינסטפֿולן יידישן דיכטער, עסייִסט און שריפֿטשטעלער מלך ראַוויטש. ער איז, אַגבֿ, כּידוע, אַן עטישער וועגעטאַריער, אַ ספּינאָזיסט

און בכלל אַ וווּנדערלעכע פּערזענלעכקייט. ס׳געדענקט זיך מיר, אַז בײַ יע־נעם באַנקעט האָט זיך אַרויסגעזען צווישן דעם געקליבענעם עולם־געסט, די באַגאַבטע דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

דער וויל־באַקאַנטער פּאָעט מ. ז. טקאַטש איז געווען אַ מיטגליד פון פּאַראיין. ער פלעגט אָפט פאָרלייענען זײַנע לידער פאַר אונדז: ווען מאָר־געגשטערן איז נפטר געוואָרן, האָט חבר טקאַטש איבערגענומען די אַרבעט צו פאַרענדיקן דאָס ביכל „דאָס קול פונעם וועגעטאַריער". שטאַרק אַקטיוו איז געווען אַ חבר מיטן נאָמען מעקס גאָלדשטיין. ער האָט נישט זעלטן אַרײַנגעלייגט די האַנט אין קעשענע, ווען מיר זײַנען געווען הינטערשטעליק אין פינאַנצן. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין די דיסקוסיעס, און האָט טאַקע אַרײַנגעבראַכט אַ רוח־חיים אין דער גרופּע. איך וויל דערמאָנען צום גוטן אַ חברטע, אידע גאָלאָווי, אַן איבערגעגעבענע לייענערין פון דער פּא״ש, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ שטיקל פּאַספּאָרט. זי, ווי אַ פרוי, האָט פיל אַרויסגעהאָלפן אין אונדזערע אונטערנעמונגען. זי האָט געגלייבט באַ־מונה שלמה אין דער אידעע פון וועגעטאַריזם, אַז אויב די וועלט וועט אַ מאָל אויסקוקן בעסער, וועט עס זײַן אַ דאַנק די בני־הוועגעטאַריזם.

יעקבֿ פײַן איז אויך ווערבירט געוואָרן פון דער לייענערשאַפט פון דער פּאַ״ש. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש מיט אַ קענטעניש אין דער קולינאַרער קונסט. ער איז צוגעקומען צו דער גרופּע אין די שפּעטער־דיקע יאָרן. דאָס האָט ער פינאַנסירט דאָס איבערזעצן ד״ר בן־ציון ליבערס ביכל „דאַרפן מיר עסן פליישי?" אויף ענגליש. די איבערזעצונג האָט גע־מאַכט פ. רובין, ער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון פּאַראיין אַ קורצע צײַט, איידער ער האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

יונה שאַליט איז געווען אַ באַקאַנטער נאָמען אין אונדזער גרופּע. ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט און אַ טייער האַרץ. ער האָט אונדז קיין מאָל נישט געלאָזט פאַלן. ווען מ׳האָט זיך געבייטיקט אין אַן עצה האָט מען זי געפונען בײַ אים.

מ. באַסין איז דער מחבר פון אַ ביכל לידער „רגעס", וועגן וועלכן ה. לייוויק האָט געהאַט צו זאָגן אַ גוט וואָרט. ער איז געווען מײַן גאַסט בײַ אַ וועגעטאַרישער סעודה, און ער האָט זיך שפּעטער נישט געקענט אָפּלויבן פון די אײַנדרוקן, וואָס ער האָט פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן. ער איז געווען אַ התלהבֿותדיקער אָנהענגער פון אונדזער אידעע.

די לאַנדינס — מאַן, פרוי און זון — אַ וועגעטאַריש משפּחהלע. שלמה וועלוול לאַנדין ע״ה איז געווען אַ געוויסנס־קריגס־קעגנער אין דער ערשטער

וועלט־מלחמה. ער איז געווען אַ שוכפּאַבריקאַנט. ווען ער איז געוואָרן אַ וועגעטאַריער האָט ער די שוכפּאַבריק אויפגעגעבן. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהערט אויך בעקי שקלאָווער. מיט אַ באַזונדער פּיעטעט ווילט זיך מיר דערמאָנען די גרויסע פאַרצווייגטע משפּחה, ליבערזאָן. פון אָט דער משפּחה זיינען באַזונדערס געווען טעטיק ביי אונדז, ראָוז ניומאַן־ליבערזאָן, און אידע ליבערזאָן. זי איז, אַגבֿ געווען אַ לענגערע צייט כּאַנינס סעקרעטאַרשע אין אַרבעטער־רינג. דער טראַגישער טויט פון איר טאָכטער האָט מסתמא גע־ווירקט, זי זאָל אויפגעבן איר שטעלע. עס בליצט פאַר מיר אויף, אין אָט דער רגע, די פיגור פון נחום כּאַנין, ווי ער האָט מיט פאַרוויינטע אויגן זי געטרייסט אויפן טראַגישן פאַרלוסט פון איר קינד. די דאָזיקע אידע איז אַגבֿ, געווען די דערפינדערין פון יידישער סטענאָגראַפיע. זי פלעגט לערנען אין יידישן לערער־סעמינאַר סטענאָגראַפיע. אין אָנדענק פון איר פאַרשטאָר־בענעם פאָטער, וואָס איז געווען אַ וועגעטאַריער און בכלל אַן אידעלער מענטש,פלעגט אָט די ווונדערלעכע פרוי צושיקן יעדן יאָר אַ פיינע ביי־שטייערונג צום פאַראיין.

אידע ליבערזאָן האָט איבערגעזעצט פון ענגליש דאָס אַרטיקל „דער פרייז פון אַ פעלעכל" פון סידי סטייוו פאַר אונדזער זשורנאַל, און זי האָט זיך בכלל אויסגעטויגט אויף פאַרשיידענע געביטן. דער וועגעטאַרישער פאַראיין האָט אָפט פאַרבראַכט ביי איר משפּחה אין סטעטן־אײַלאַנד. ווער קאָן פאַרגעסן די אָוונטן ביים „סילווער לייג", און די סעודות שפּעטער ביי איר אין הויז?

צו אָט דער פאַמיליע געהערט דאָך אויך דער באַקאַנטער שריפטשטע־לער דוד ליבערזאָן, מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". זיין שוואָגער זאַלצמאַן האָט אַ מאָל געגעבן אַ סעריע לעקציעס פאַר אונדזער גרופּע איבער אַנ־טראָפּאָלאָגיע פאַר אַ גרויס באַזוכטן עולם.

אויך פעני לעוויט איז געווען אַ געטרייע חבֿרטע פון דעם פאַראיין. זי האָט קיין מאָל ניט אויסגעפעלט צו אַ זיצונג פון דער יידישער צי פון דער ענגליש־רעדנדיקער סעקציע. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, רבותי, אַז ביי איר איז געווען רעכט איינצואָרדענען דעם וועגעטאַרישן פּסח־סדר ביי איר אין הויז. זי איז געווען אין זיבעטן הימל, ווען איר זון, יקותיאל, האָט געפרעגט די פיר קשיות. ליידער, האָבן אומגליקן באַרירט אויך איר טיר. זאָל זי געפי־נען טרייסט כאָטש אין דער אָפּגעטאָגענער אַרבעט.

חבר חכם און זיין פרוי זיינען געווען אָפטע געסט ביי אונדזער גרופּע. ער האָט מיט זיין תּלמודישער חריפות, לאָגיק און גראַדן שכל געשטאַרקט

אונדזער באַוועגונג. פאַר זײַן אָפּפאָרן קיין ישׂראל, האָבן מיר אים געזעגנט מיט אַ מתּנה, נעמלעך „דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך" פון נחום סטוטשקאָוו.

לייב קאַנער איז געווען אַ זײַל פון אונדזער באַוועגונג. אויב איר ווילט, איז ער געווען איר אַמבאַסאַדאָר. אַליין אַ באַשיידענער מענטש, האָט ער אָבער צוגעטראָגן אַ סך מיט זײַן ליבע און געטרײַשאַפט. אַצינד, ווען די באַוועגונג איז מער נישטאָ, זײַנען אָבער פאַראַן וועגעטאַריער און דער ווירק־זאַמסטער איז נאָך אַלץ לייב קאַנער.

הירש רייף און זײַן פרוי בעלאַ זײַנען גוט באַקאַנטע פּערסאָנאַזשן און לאַנגיאָריקע וועגעטאַריער. מ׳האָט געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצן קאַפּיטל וועגן אָט דעם אָריגינעלן הומאָריסט. ער איז דער מחבר פון „לחיים יידן!" אין זײַן געזעלשאַפט מוז זײַן פריילעך און לעבעדיק. ווען ער האָט אַ נעם געטאָן אַ הומאָרעסקע און זי פאָרגעלייענט, איז נישט נאָר געווען אַ מחיה אים צו הערן, נאָר מ׳האָט זיך פּשוט געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אין די לעצטע יאָרן איז הערש רייף געוואָרן אַן אַנטוישטער מענטש. ווען מ׳האָט אים געפרעגט, צי ער האַלט נאָך פון וועגעטאַריזם, איז זײַן ענטפער געווען: „איך האָב נישט קיין כּוח אים אויפצוגעבן".

שיינדל האָפמאַן און איר ברודער, ד"ר מאַן, ע"ה האָבן אַגיטירט די וועגעטאַרישע אידעע אויף דער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו אי־ווי־די". זיי האָבן אַפילו צוגעשטעלט שפּייז־„רעסיפּיס" צו פאַראינטערעסירטע מענטשן, ווי צו לעבן אויף גרינס און מילכיקס. און טאָמער האָט זיך עמיצן פאַר־שמעקט דוקא געפילטע פיש, האָט יענער זיי געקענט עסן, הגם זיי זײַנען געווען צוגעפּראַוועט מיט ניס און אַנדערע נאַרהאַפטע נישט־פליש פּראָ־דוקטן.

פעני שיפער — מיט צוויי זין, און אַ טאָכטער — דייטי, ווערבי, זיניאַ — און אייניקלעך — אַ גאַנצע משפּחה וועגעטאַריער. ס׳איז שוין העכער פערציק יאָר, ווי די פרוי פאַרוואַלטעט מיטן שטרענג וועגעטאַרישן האָטעל אין וווּדריטש. נישט נאָר סתם שמחות, נאָר אַפילו חתונות ווערן דאָרטן דורכגעפירט כּדת־וכדין הוועגעטאַריזם. אַוודאי וואָלט געווען צום כּבֿוד פון אַזאַ האָטעל, ווען די פאַרוויילונגען דאָרטן זאָלן שטיין אויף אַ מער העכע־רער מדרגה. נו, איין סעזאָן איז דאָרטן געווען, לפּי דעתּי אַ גראַטענער. דעמאָלט האָט אין האָטעל „גאַסטראָלירט" דער באַקאַנטער זינגער, מאַקסים בראָדין מיט זײַן פרוי. דאָס פּאָרל באַלאַנגט אויך צו אונדזער „חדר". מאַקסים בראָדין האָט אָפּט פאַר אונדז געזונגען דעם וועגעטאַרישן הימן „געבענשט

זאָל דער זײַן, ווער ס׳קוקט מיט רחמנות אין לעבן אַרײַן״, פֿאַרפֿאַסט פֿונעם באַוווסטן מוזיקער, י. פּיראָזשניקאָוו.

העלער: שטענדיק געווען גרייט צו העלפֿן דעם פֿאַראיין, האָט מעגלעך געמאַכט דאָס דערשײַנען פֿון ביכל „דאָס קול פֿונעם וועגעטאַריער״.

קאַזשדאַן: ענטוזיאַסטישער וועגעטאַריער, חוץ דעם זיך שטענדיק אָנגעגומען פֿאַרן חשיבֿות פֿון ייִדישן וואָרט.

איך האָב דערמאָנט נעמען פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן פֿון און אַרום אונדזער קרײַז. מענטשן, וואָס האָבן געלאָזן זייער שטעמפּל אויף דער באַוועגונג. ס׳זײַנען אויך געווען אַזעלכע מיט וויכטיקער איניציאַטיוו, און זייערע נעמען זײַנען מיר אויסגערונען פֿון זיכּרון. און אויב דאָס קאַפּיטל וועט אַרײַנפֿאַלן אין זייערע הענט, זאָלן זיי מיר מוחל זײַן. איך האָב זיכער נישט געמיינט זיי צו קריוודען.

בײַם שליסן דאָס קאַפּיטל האָב איך אַ ווונטש, ס׳זאָל קומען אַ נײַע אויפֿלעבונג אין דער וועגעטאַרישער אידעע, אָן וועלכער אַ שלמותדיקע געזעלשאַפֿט קען נישט געדייען.

* * *

ווי איר זעט שוין, רבותי איז מײַן „הויפּטשוואַכקייט״ — וועגעטאַריזם און טאַקע דער עטישער וועגעטאַריזם. וועגן וואָס איך זאָל נישט שמועסן, קער איך זיך אַלץ אום צו אָט דער טעמע. פּונקט ווי יעדער מענטש האָט זיך זײַן „אידעע פֿיקס״, אַזוי האָב איך זיך מײַנע. און ווו איך געפֿין עפּעס וואָס קאָן באַקרעפֿטיקן, צי באַיומטובֿן אָט דעם געדאַנק בין איך, ווי די פֿראַנצויזן זאָגן: — „פֿול מיט אויערן״. הײַנט שטעלט אײַך פֿאָר מײַן שׂמחה, ווען איך האָב אָפּגעזוכט אַ בריוו פֿון אונדזער האַרציקן שלום־עליכמען, ווו ער זאָגט זיך אַרויס וועגן וועגעטאַריזם צו יוסף פּערפּער — אַ הײַנט פֿאַרגעסענער נאָמען, אָבער צו יענער צייט, אין 1910, דער רעדאַקטאָר פֿון דער רוסישער שריפֿט „וועגעטאַריאַנסקאַיאַ אָבאָזרעניע״, ווו ער פֿאַרבעט דעם גרויסן הומאָריסט עפּעס צו געבן פֿאַר זײַן אויסגאַבע. און אָט איז שלום עליכמס ענטפֿער:

„פֿיל געערטער פֿרײַנד פּערפּער:

אַ מערקווירדיקער צופֿאַל! גלײַכצײַטיק מיט אײַער ליבן בריוו, האָב איך אויך באַקומען אַ בריוו פֿון ד״ר זאַמענהאָף, דעם אויטאָר פֿון עספּעראַנטאָ. ער בעט מיך אים צו דערלויבן איבערזעצן אייניקע פֿון מײַנע זאַכן אויף עספּעראַנטאָ. וועגעטאַריזם, עספּעראַנטאָ, זײַנען אידעיִש כּמעט פֿון איין

אָפּשטאָם. איך בין טיף איבערצײַגט, אַז גאָר אין גיכן, נו, לאָמיר זאָגן אין אַ טויזנט אָדער צוויי טויזנט יאָר אַרום, וועלן אַלע מענטשן זײַן וועגעטאַ־ריער, אַלע וועלן רעדן אויף איין שפּראַך — עספּעראַנטאָ, און אַלע וועלן האָבן איין גלויבן, עס פֿאַרשטייט זיך, דעם י ו ד י ש ן. „איך בין אי־בערראַשט פֿון אײַערע ווערטער, ווען איר זאָגט, אַז אין מיינע ווערק זעען זיך אַרויס סימפּאַטיעס צום וועגעטאַריזם. איר זײַט גערעכט! איר האָט גע־טראָפֿן! איך האָב שוין וויפֿל מאָל געוואָלט ווערן אַ וועגעטאַריער, האָבן די קינדער נישט דערלאָזן, און אַצינד די קראַנקייט...

„איך בין אײַך באמת דאַנקבאַר פֿאַר אײַער אויפֿמערקזאַמקייט און פֿאַר די צוגעשיקטע ביכלעך". „מיט ליבע לייען איך אײַער זשורנאַל, און איך בעט אײַך אויך אויף ווײַטער מיר נישט איבערלאָזן אָן אײַער זשורנאַל. איך באַדויער, וואָס איך קען פֿערזענלעך נישט אָנטייל נעמען אין אײַער שריפֿט, ווײַל איך בין אויף דעם זשאַנער נישט קיין ספּעציאַליסט. איר קאָנט אַרײַנ־שטעלן די לעצטע צוויי קאַפּיטלען פֿון מײַן דערציילונג „דאָס פֿאַרפֿאַלק". בײַ מיר איז ערגעץ פֿאַראַן נאָך אַ זאַכעלע, אונטערן נאָמען: „צער בעלי חיים". אויב איך וועל עס געפֿינען, וועל איך עס אײַך צושיקן, אפֿשר וועט עס אײַך צו ניץ קומען".

„ווי אַ צייכן פֿון מײַן באַזונדער דאַנקבאַרקייט צו אײַך פֿאַר אײַער אינ־טערעס, שיק איך אײַך מײַן פֿאָטאָגראַפֿיע און בעט אײַך מיר צו שיקן אײַערע, אויב מעגלעך. מיט ליבע דריק איך אײַער האַנט.

שלום עליכם"

דעם 23סטן אַפּריל, 1910, האָט פּערפּער באַקומען אַ בריוו פֿון שלום־עליכמס טאָכטער פֿון נערווי, שווייץ: „פֿיל געערטער הער פּערפּער, איך שרײַב אייך אויף דער בקשה פֿון מײַן פֿאָטער, וואָס ליגט קראַנק. ער באַדויערט זייער וואָס די דערציילונג: „צער בעלי חיים", וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אייך, איז אַרײַן אין צווייטן באַנד פֿון די „קינדער פֿון תחום". אויב איר וועט נישט נעמען פֿאַר אומגוט, קאָנט איר זי אַרויסנעמען פֿון דאָרטן פֿאַר אײַער זשורנאַל. דאָרטן הייסט די דערציילונג „פֿאַר וואָס איך בין באַרימט געוואָרן אַלס נאַר". אויב עס נייטיקט זיך אין עפּעס אַן אויס־בעסערונג, קאָנט איר עס טאָן. מײַן פּאַפּאַ בעט אײַך צו שרײַבן.

מיט אַכטונג, עמאַ ראַבינאָוויטש"

# דרייצנטער קאַפּיטל

## גע ווי ס נ ס - ק ע ג נ ע ר פ ו ן מ ל ח מ ה

איך האָב באַריכות געשילדערט, ווי מײַנע צוויי זין, משה און מרדכי, האָבן בעסער אויסגעקליבן תּפֿיסה איידער צו גיין דינען אין מיליטער און אָנטייל נעמען אין קריג. זיי זײַנען נישט געווען קיין יחידי־סגולה. עס זײַנען געווען צענדליקער און אַפֿילו הונדערטער יונגע מענטשן פֿוןביידע געשלעכטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן אַפֿילו שטײַערן דער רעגירונג, שטײַערן, וואָס זײַנען באַשטימט געווען פֿאַרן קריגסבודזשעט. וועגן עטלעכע פֿון אָט די אידעאַליסטישע און העלדישע חברהלײַט איז כּדאַי צו דערציילן. עס ווילט זיך פּשוט באַקענען די עפֿנטלעכקייט מיט זייערע מעשׂים:

דזשוליוס איישל איז נאָך אין ערשטן וועלטקריג פֿאַראורטיילט געוואָרן צו צוואַנציק יאָר געפֿענקעניש פֿאַר זיך נישט רעגיסטרירן אין מיליטער־דינסט, ווי דאָס געזעץ האָט געפֿאָדערט. נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעזעסן זעקס און צוואַנציק חדשים אין לעווענוואָרטיר־תּפֿיסה האָט מען אים באַפֿרײַט. ער האָט ווידער פֿאַרזוכט טורמע אינעם צווייטן וועלטקריג פֿאַר זיך נישט רעגיסטרירן אויפֿן צעטל פֿון יענע, וואָס זײַנען געווען אינעם עלטער פֿון 45 יאָר. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער נאַכט פֿון 27סטן אַפּריל, 1942. ער איז אין אָט דעם דערמאָנטן יאָר עטלעכע מאָל אַרײַן און אַרויס פֿון תּפֿיסה. זײַן זון סימאָר איז געגאַנגען אין זײַנע פֿוסטריט. ער האָט פֿאַרפֿעלט זיך צו רעגיסטרירן צום קאָנסקריפּציע־געזעץ אין 1948. ער איז אַרעסטירט געוואָרן צוויי טעג פֿאַר זײַן 26סטן געבוירן־טאָג. צוויי טעג שפּעטער וואָלט דער אַרעסט געווען אומגעזעצלעך. ס'איז געווען אָפֿענע רשעות מצד די פֿעדעראַלע אַגענטן אַזוינס צו טאָן.

מאַרזש סוואַן, אַ מאַמע פֿון פֿיר קינדער, האָט מען אַרעסטירט אויף דער אָנקלאָגע פֿון „אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט פֿונעם „מיסל־בייס"־שטח. און זי איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צו זעקס חדשים. ריכטער ראָבינסאָן האָט גע־

האַלטן אַ גאַנצע לעקציע פאַר דער פרוי. ער האָט זי נאָך דעם געפרעגט: איר זײַט דאָך אַ מאַמע, איר האָט דאָך מוטערלעכע פליכטן, איז ווי פאַר־נאַכלעסיקט איר זיי מיט טווינגען, וואָס האָבן נישט קיין שײַכות צו אײַך? די פרוי סוואַן האָט געענטפערט אומדערשראָקן איר שופט, אַז דערפאַר טאָקע טוט זי אָט די טווינגען, כּדי אירע קינדער און אַנדערע קינדער זאָלן לעבן אין אַ מער פרידלעכער וועלט. און ווען דער שאַרפזיניקער „דזשאַדזש" האָט געוואָלט וויסן, וואָס וואָלט געשען, ווען אַלע מאַמעס טוען איר נאָך. האָט די מר"ס סוואַן געזאָגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל, אַז צו דעם שטרעבט זי טאָקע, און במילא וואָלט געקומען אַ סוף פון אַלע מלחמות. בקיצור, דער ריכטער האָט איר געגעבן זעכציק טעג צו בײַטן איר שטעלונג, און אויב זי וועט אַזוי טאָן, וועט ער בײַטן זײַן אורטייל.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז אָט די פרוי סוואַן האָט מיך דערמאָנט אין דער ביבלישער חנה, וואָס האָט אַליין נישט געקניט פאַר די גריכישע געצן און האָט אירע קינדער געלערנט אַזוינס נישט צו טאָן. וואָרעם אָט דער סאָרט פאַסיפיסט באַטראַכט מלחמה פאַר אַן עבודה־זרה.

וועגן נאָך איינעם אַ מוסטער־קעמפער פאַר געוויסנס־פרײַהייט איז כּדאַי צו דערציילן. זײַן נאָמען איז קאַרבעט בישאָפּ. ווי נאָר ער איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר די אויבן דערמאָנטע זינד, איז ער אַרויס אין אַ הונגערסטרײַק. ער האָט געפאַסט — מיט איבעררײַסונגען, פאַרשטייט זיך — 426 טעג. זײַן אומפאַרשטענדלעכע גײַסטיקע און פיזישע גבורה האָט אַלעמען איבער־ראַשט: די ריכטער, די פּרעסע־פאַרשטייער, די רעגירונגס־לײַט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט די אויטאָריטעטן. מ'האָט אים געמוזט טראָגן אין געריכט אויף אַ בעטל. מ'האָט אים געשפּײַזט מיט גוואַלד. מ'האָט אים געמוזט בינדן הענט און פיס, און דורך אַ גומענער רער אים גיסן פליסנדיקע נאַרונג אין אויפגעריסענעם מויל. איר קאָנט זיך פאַרשטעלן דעם פּײַן, די באַליידיקונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט דרײַ מאָל אין טאָג במשך פון גאַנצע 88 טעג פון זײַן לעצטן הונגערסטרײַק.

אָט דער קאַרבעט בישאָפּ האָט אָבער אויך אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. און מיינט איר בײַ וועמען? בײַם ריכטער פרעד מ. רעמאָנד פון פעדעראַלן געריכט אין גרענד רעפּידס, מיש' און בײַם „דיסטריקט־אַטורני" דיבס, ער האָט, ענדלעך, אויסגעפירט זײַנס, מ'האָט אים באַפרײַט. דאָס לעצטע מאָל וואָס האָט מען געהערט פון אָט דעם מערקווירדיקן פרײַהײַטס־קעמפער אַ לעבעדיקן, איז געווען אין פאָרעם פון אַ דערמוטיקונגס־בריוול צו אַ מיטקעמפּפעריך, ראָוז ראַבינסאָן, אין תּפיסה. ער שרײַבט איר, אַגבֿ, אַז ער

לעבט צוריקגעצויגן און איז מער נישט בכוח צו זײַן אַקטיוו. משמעות, אָפּ־געשוואַכט פֿון לאַנגוואַכיקן פֿאַסטן און אויסגעצערטקייט.

טראַגיש איז געווען זײַן סוף. דאָס וואָס הונגער און פּײַניקונג האָבן נישט באַוויזן, האָט אויסגעפֿירט אַ זעכצן־יאָריקער פֿאַרברעכער. ער האָט אים געטייט אין אַ רויבאָנפֿאַל...

די ערשטע דערמאָנטע, ראָוז ראַבינסאָן, איז געווען אַ גימנאַסטיק־לע־רערין. איר חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון צאָלן שטײַערן פֿאַר קריגסצוועקן. ווען מ׳האָט זי אַרעסטירט, האָט מען זי מיט גוואַלד געבראַכט אין געריכט. דער פּאָליציאַנט האָט נישט געקענט פּועלן בײַ איר מיטצוגיין פֿרײַוויליק אַהין. פֿאַר דער גאַנצער צײַט אין תּפֿיסה האָט זי זיך נישט אונטערגעוואָרפֿן צו די באַפֿעלן פֿון אירע באַצווינגער. מען האָט זי געפּײַניקט אויפֿן ברוטאַלסטן אופֿן, חוזק געמאַכט פֿון איר, זון זי איז געבליבן אײַזן־פֿעסט בײַ אירע איבערצײַגונגען.

ס׳האָט זיך אויך געפֿונען צווישן אָט די בונטאַרן דער זון פֿון סענאַ־טאָר מעיער פֿון ווערמאָנט, אַ זון פֿון אַן אַריסטאָקראַטישער פֿאַמיליע. ס׳האָט זיך דערמאָנט אין די צאַרישע צײַטן, ווען ס׳האָבן זיך רעקרוטירט פֿון די „הויכע פֿענצטער״ זין און טעכטער וואָס זײַנען געגאַנגען אין פֿאָלק, און זײַנען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

קאַרל מעיער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ גרופּע „געוויסנס־קעגנער פֿון קריג״. קודם־כּל דאַרף מען אין זינען האָבן, וואָס אַזאַ איינער האָט זיך געדאַרפֿט אויסשטיין בײַ זיך אין דער היים. ס׳האָט געקאָנט קאָסטן דעם פֿאָטער זײַ־נעם זײַן קאַריערע, אָפּגערעדט פֿון אים אַליין — פֿאַר אים זײַנען אַלע רע־גירונגס און עפֿנטלעכע פּאָסטנס געווען אָפּגעשלאָסן. ער איז געווען דער־ווײַטערט פֿון דער אַזוי גערופֿענער „העכערער געזעלשאַפֿט״.

מיינט נישט, אַז מען איז געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט און אים נישט געזוכט צו באַפֿרײַען פֿון תּפֿיסה. ס׳האָבן זיך מיט אים געעסקט זײַנע פֿרײַנד. אָבער דער יונגער אידעאַליסט האָט הערן דערפֿון נישט געוואָלט. ער האָט געשריבן צו זיי בזה הלשון: איך וויל נישט, אַז מײַנע פֿרײַנד זאָלן באַצאָלן די געלטשטראָף פֿאַר מיר „אונטער קיינע אומשטענדן זאָל אַזוינס געטאָן ווערן. איך וויל אויסזיצן מײַן טערמין״.

איך האָב געבראַכט עטלעכע נעמען. איך האָב זיי געקענט. איך האָב געוווּסט פֿון וואָס פֿאַר אַ מאַטעריאַל זיי זײַנען געמאַכט, און איך, ווי אַנ־דערע, האָבן זיי באַוווּנדערט און הויך געשאַצט. אויב ס׳איז אמת, אַז די וועלט דאַרף האָבן זעקס און דרײַסיק צדיקים, כּדי זי זאָל קאָנען עקסיסטירן.

דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע פון זיי. און מיך פרייט, וואָס אויך מײַנע צוויי זין געהערן צו אָט דער קאַטעגאָריע. מײַן פּאָטערלעך האַרץ איז פול מיט שטאָלץ, וואָס זיי געהערן צו די ווייניקע, מיט וועלכע ס'וועט אָבער אין דער צוקונפט זײַן פול די וועלט.

* * *

פרעזידענט קענעדי וועגן דזשאַנעט רענקין

אין יאָר 1958 בין איך געווען בײַם יערלעכן באַנקעט, וואָס די „וואָר רעזיסטערס ליג" האָט אַראַנזשירט לכּבֿוד דער קאָנגרעס־פרוי, „דזשאַנעט רענקין. די פרוי פון אויסערגעוויינלעכן מוט און קוראַזש. די פרוי, וואָס איז געגאַנגען קעגן שטראָם און האָט צוויי מאָל געשטימט קעגן מלחמה, ערבֿ די צוויי וועלטקריגן. מ'האָט איר דעמאָלט פּרעזענטירט מיט אַן אָנערקענונג־פּלעק. זי האָט דעמאָלט באַקומען אַ גוואַלדיקע אָוואַציע פאַר איר קאַמף פאַר שלום.

איך האָב בשעתו איבערגעלעבט פריידיקע מינוטן, קוקנדיק אויף דער דאָזיקער אײַדלמוטיקער און זעלטענער פרוי. מיר האָט זיך דערמאָנט דער אַרטיקל אין דער יאַנואַר־אויסגאַבע פונעם „מעקאָלס מעגעזין", געשריבן פונעם סענאַטאָר פון מאַסאַטשוזעטס דזשאָן פ. קענעדי מיטן קעפּל. „דרײַ מוטיקע פרויען". איך האָב באַשלאָסן איבערצוזעצן דעם גרעסטן טייל פונעם אַרטיקל פאַר מײַן בוך, און אַרײַנברענגען נאָך אַ וואונדערלעכע פּאַסיפיסטישע קעמפערין אין דער גאַלעריי פון מלחמה־קעגנער... קוקנדיק רעטראָספּעקטיוו אויף יענער צײַט, באַקומט דער מאמר אַ וואָגיקערן כאַראַקטער, מחמת דער אַמאָליקער סענאַטאָר איז הײַנט דער פרעזידענט פון אונדזער רעפּובליק.

„מוטיקע פרויען" — שרײַבט קענעדי — „בלויז גיציילטע מיטגלידערס פון קאָנגרעס האָבן זיך געפונען אין אַזאַ איזאָלירטער לאַגע — אין אַזאַ קעגנערשאַפט פון אַ פּאָפּולערער מיינונג — זײַט דער גרינדונג פון קאָנגרעס אין 1879, ווי ס'איז געווען די געוועזענע פאָרשטייערין פון מאָנטאַנאַ, דזשאַנעט רענקין".

„דער אומרויִקער עולם, צונויפגעדרענגט אויף די גאַלערייעס פון קאָנגרעס, איז געווען אומגעוויינטלעך שטיל, ווען דער „ראָל־קאָל" האָט זיך אָנגעהויבן אינעם פריִען מאָרגן פונעם 5טן אַפּריל, 1917. העכער זעכצן שעה פון דעבאַטעס און הונדערטער דרשות האָבן אַרויסגערופן אומ־

געדולד ביי די צוהערער ווי ביי די קאָנגרעסלייט צוגלייך, וואַרטנדיק אויף דער ענדגילטיקער רעזאָלוציע, אַ רעזאָלוציע, וואָס אַלע האָבן גע־ווּוסט, אַז זי וועט דורכגיין מיט אַ גוואַלדיקער מאַיאָריטעט — דערקלערנ־דיק, אַז עס עקסיסטירט אַ קריגסצושטאַנד צווישן דעם קייסערס דייטש־לאַנד און דעם פֿאָלק פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער האַסטיק פֿייער־דיקער און איינשטימיקער „יאָ" איז בלויז צייטנווייז איבערגעבראָכן גע־וואָרן פֿון אַ שטילן „ניין".

„אַ סך אויגן אויף דער גאַלעריי זיינען נייגעריק געפֿאַלן אויף אַ פֿרוי — די ערשטע פֿרוי אין דער געשיכטע צו פֿאַרנעמען אַן אָרט אין קאָנגרעס, מיטן נאָמען דזשאַנעט רענקין, אַ רעפּובליקאַנערין פֿון מאָנטאַנאַ, בלויז 36 יאָר אַלט, מיט אַן אַטראַקטיווער, שלאַנקער פֿיגור, מיט העל ברוינע האָר און קלאָרע, בלויע אויגן, וואָס איז שוין געווינט געווען צו דער גלאָצעניש, קוקעניש און שושקעניש פֿון ציניקער. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איר סטאַטוס ווי די ערשטע פֿרוי אין קאָנגרעס, אין אַ צייט ווען דער מערהייט פֿרויען איז נאָך נישט געווען דערלויבט צו שטימען, האָט זי אַוועקגעשטעלט פֿאַר ספּעציעלער אויפֿמערקזאַמקייט, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער מי צו זיין אַ געוויינטלעכער מיטגליד פֿונעם 65סטן קאָנגרעס".

דזשאַנעט רענקין איז נישט געווען אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון שווערע אויפֿגאַבעס. זי האָט געדעקט יעדן אינטש פֿון איר רחבֿות־דיקן מאָנטאַנאַ־דיסטריקט, אַ סך מאָל רייטנדיק אויף אַ פֿערד. זי האָט פֿאַרשוווּנדט מער צייט אין קיכן, אין אויפֿנעם־צימערן, ווי אין מיטינג־לאָקאַלן און פּאָליטישע קוואַרטירן. זי איז אַריין אַן שרעק אין דער מע־נערשער וועלט פֿון פּאָליטיקס און געהאַט אַ סך הצלחה. און צוזאַמען מיט אירע קאָלעגן (צווישן זיי דער פּרעזידענט ווילסאָן אַליין, בעת זיין „לויפֿן" אויף זיין צווייטן טערמין) געקעמפֿט פֿאַר „נאָן־אינטערווענשן" אין דער ערשטער וועלט־מלחמה".

„זי איז געווען אַ פּאַציפֿיסטין, וואָס האָט אין יענע גורלדיקע טעג זיך נישט קעגנגעשטעלט דעם „לייבל" פֿון צו זיין אַן איזאָלאַציאָניסטן, און זי האָט נישט געגלייבט, אַז דער קריג וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע מלחמות".

„יעדנפֿאַלס, אַצינד איז געווען אַפּריל, 1917. און אַלע האָבן דער־וואַרט, אַז די ווילע קאָנגרעס־פֿרוי זאָל בייטן איר מיינונג. דער אַלגע־מיינער סענטימענט איז געווען פֿאַר קריג. דער פּרעזידענט האָט געשטעלט דעם פּרעסטיזש פֿון זיין רעגירונג אין דער ליניע פֿון עפֿנטלעך פֿאָדערן

אזא דעקלאַראַציע, און אַ סך, וואָס האָבן אין יענער אומרויקער שעה געהאַט ערנסטע ספקות וועגן דער גייטיקייט זיך אַריינצומישן אין קריג, האָבן איצט איינגעשטימט, אַז די צײַט פֿאַר קעגנערשאַפֿט איז אַריבער".

„די מערהייט מענטשן האָבן געצווייפֿלט, צי די ערשטע קאָנגרעס־פֿרוי וועט וואַגן צו זײַן איינע פֿון אַ קליינער מינדערהייט אין שײַכות צום פּאָפּולערן קריגסבאַשלוס. דאָס איז געווען דער ערשטער וויכטיקער „ווּט" פֿון אַן ערשטער מיטגלידערין פֿון קאָנגרעס. מען האָט געגלייבט, אַז די ערשטע פֿרוי־פּאַרלאַמענטאַרין אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט בכלל, וועט ניט וועלן ווערן אַן אָביעקט פֿון שפּאָט און פֿון שוואַכקייט, ווען שטאַרקייט האָט זיך געפֿאָדערט. מען האָט ניט געגלייבט, אַז זי וועט ניט וועלן זײַן געבונדן צו סענטימענטאַלע אידעען, ווען ס'שטייען פֿאַר האַרבע רעאַליטעטן. דאָס וועט באַשטעטיקן די אַלטע, סטערעאָטיפּע קעגנערשאַפֿט, אַז פֿרויען פּאַסן זיך נישט פֿאַרן פּאָליטישן לעבן, און עס וועט זײַן אַ טויטקלאַפּ פֿאַר דער סאָפֿראַדזש־באַוועגונג. נאָך איר דערוויילונג האָט אירע אַ דערקלערונג אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿזען איבער דער וועלט אין 1916: „איך בין טיף באַוווּסטזיניק אויף מײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי די ערשטע פֿרוי צו זיצן אין קאָנגרעס. איך וועל רעפּרעזענטירן נישט נאָר די פֿרויען פֿון מאָנטאַנאַ, נאָר אַלע פֿרויען פֿון אונדזער לאַנד".

„דער עולם אויף די גאַלערייעס האָט נישט געדאַרפֿט לאַנג וואַרטן. דער אַלפֿאַבעטישער „ראָל־קאָל" האָט זיך האַסטיק געקײַקלט צום בוכשטאַב „ר", הערנדיק פֿון אַלע קאָנגרעסלײַט דעם אַפֿירמאַטיוון „יעס". ווען ס'איז דערמאָנט געוואָרן איר נאָמען, האָט מען נישט געהערט קיין ענטפֿער. די אַטמאָספֿערע, וואָס איז ערשט געווען אַן אויפֿגעלעבטע, איז פּלוצעם געוואָרן אָנגעשטרענגט, אָבסערווירער, קאָרעספּאָנדענטן און דיפּלאָמאַטן האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון אויבן אויף דער קליינער פֿיגור אינעם געדיכטן אָבער אײַנגעשטילטן, שטאָק אונטן. זי האָט זיך נערוועז געריבן דאָס פּנים, זיך פֿאַרגלעט די האָר, זיך געהאַלטן בײַם האַלדז און צוזאַמענגעדריקט די הענט".

„קווינקלדיק זיך אַ רגע, האָט דער קלוירק „אַנקל דזשאָ" באַנײַט זײַן פֿראַגע. ער האָט נישט געקענט צוהערן דער מיס ראַנקין און איר זאָגן, אַז זי מוז שטימען, אַז רעפּרעזענטירנדיק די פֿרויען אין אַמעריקע, וועמעס פֿאַראייניקטע שטימע איז נייטיק אין צײַט פֿון קריזיס, אַז זי קען אַציגד נישט שווייגן".

„...פּאַמעלעך און באַדאַכט האָט זיך די אײדלמוטיקע פֿרוי פֿון מאָנטאַנאַ אויפֿגעשטעלט, אָנהאַלטנדיק זיך אין שטול, און מיט אַ קול, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט עמאָציע, האָט דזשאַנעט רענקין אַרויסגעזאָגט דעם אײנפֿאַכן געדאַנק, וואָס מ'וועט קוואָטירן קעגן איר איר גאַנץ לעבן, נעמלעך: „איך וויל העלפֿן מײַן לאַנד, אָבער איך קען נישט שטימען פֿאַר מלחמה".

„...דזשאַנעט רענקין האָט אָן חרטה און מחילה בעטן, מיט דער צע־שטערטער האָפֿענונג אויף ס'נײַ דערווײלט צו ווערן, זיך אומגעקערט צו אירע טווּנגען, צו וועלכע זי האָט זיך געווידמעט: — צו די פּאַסיפֿיסטישע גרופּן, צו דזשיין עדעמס פֿון „האָול האָוז", צו די, וואָס שטרעבן צו פֿאַר־בעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פֿאַר פֿרויען און קינדער".

„און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זײַן, ענדיקט זיך נישט די מעשׂה דאָרטן. זי האָט געזאָגט: אויב איך וואָלט געדאַרפֿט דאָס טאָן נאָך אַ מאָל, וואָלט איך עס ווידער געטאָן!"

און זי האָט עס טאַקע אַזוי געטאָן. זי האָט נאָך אַ מאָל געווונען די וואַלן אין קאָנגרעס אונטער דער לאָזונג אין 1940־קאַמפּיין: „האַלט אונדז אָפּ פֿון קריג!"

„ווען די יאַפּאַנישע אַטאַקע אויף פּוירל האַרבאָר האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס לאַנד און אין בײדע הײַזער האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו דער־קלערן קריג דעם שׂונא, האָבן אָבסערוואַטאָרס אין וואַשינגטאָן ספּעקולירט, צי דער שיקזאַל האָט זי באַהאַנדלט גנעדיק אָדער ברוטאַל. מיס רענקין — אַצינד אַ פֿרוי פֿון זעכציק יאָר — מיט אַ ווײַסן קאָפּ האָר, מיט כּמעט 24 יאָר אין קאָנגרעס, וואָס איז צוויי מאָל געשטעלט געוואָרן צום נסיון, יאָ אָדער נישט צו שטימען פֿאַר מלחמה. וועט זי ווידער ברענגען פֿאַרשעמונג אויף זיך און אויף איר געשלעכט, צי ס'וועט פֿאַרשריבן ווערן אויף איר רעקאָרד אַן אויסדריקלעכער „יאָ"?.

„דאָס מאָל איז נישט פֿאָרגעקומען קיין לאַנגע דעבאַטע אין קאָנגרעס. קיין שום צווייפֿל אין קײנעמס געדאַנק. אין פֿערציק מינוט אַרום איז די רעזאָלוציע פֿאַר דערקלערן קריג יאַפּאַן דורכגעגאַנגען אײנשטימיק פֿון בײדע פּאַרטייען. נאָר אײן „ניין" האָט זיך פֿאָרט אַרײַנגעכאַפּט אַנטקעגן די 388 „יאָס". דעם ניין האָט ווידער אַרויסגעזאָגט די אײדלמוטיקע פֿרוי פֿון מאָנ־טאַנאַ. אַ כוואַליע פֿון „בוס" האָט באַגלייט איר באַשלוס: אירע קאָלעגן, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט געזוכט בײַ איר צו פּועלן, זי זאָל שטימען מיט זיי צוגלײַך, אַפֿירמאַטיוו, האָבן ווידער פֿאַרלאָרן. אומזיסט איז געווען זייער מי".

„...זי האָט געפּרוווט שפּעטער צו דערקלערן פאַר די קאַמעראַ־לײַט וועגן „די שרעקן פון קריג״. אָבער אַ המון האָט זי פאַרשריִען און אויסגעלאַכט. ס׳האָט זיך געמוזט אַרײַנמישן אַ פּאָליציימאַן, כּדי זי אַרויסצוראַטעווען פון מעגלעכער גוואַלדטאַט. זי איז אַוועק, צוערשט אין אַ טעלעפאָן־בודקע, דער־נאָך האָט זי זיך פאַרשלאָסן הינטער די טירן פון איר אָפיס. און אַצינד האָט זיך ווידער אַ גאַס געטאָן אויף איר דער צאָרן פון אירע ווײלער דורך בריוו, דורך טעלעגראַמעס, דורכן טעלעפאָן. „איך פאָדער און בעט אייך״, — האָט געזאָגט מאָנטאַנאַס אַ רעפּובליקאַנער קאָמיטעט־מאַן — צוריקשטעלן דעם כּבוד פון אונדזערע שטאָטן און צו בײַטן אײַער שטימע אַזוי שנעל ווי מעגלעך״.

„...נאָר דזשאַנעט רענקין איז געבליבן טרײַ אַ העכערן כּבוד און אַ העכערע לאָיאַליטעט און הגם אַ סך פון אונדז קענען נישט מסכּים זײַן מיט די מסקנות פון איר געוויסן, וועלן ווינציק פון אונדז נישט אײַנשטימען מיט דער אָפּשאַצונג, וואָס האָט אַ מאָל געגעבן דער קאָלירפולער מעיאָר, פיאָרעלאָ לאַ גוואַרדיאַ: „אָט די פרוי האָט מער מוט און קאָן געבן בעסער אין מאָרדע, ווי אַ גאַנצער רעגימענט פּאָליטישנס״.

* * *

רבותי, איר האָט אַ מאָל געהערט דעם נאָמען מ א ק ס ס ע נ ד י ן? אפשר יאָ און אפשר נישט. גיכער נישט! ווי אַזוי האָט איר געקאָנט הערן פון אים, אַז קיין פילאַנטראָפּ איז ער נישט, קיין גענעראַל צי אַ די־פּלאָמאַט אַוודאי נישט, קיין נאָמען אין דער קינסטלערישער וועלט האָט ער אויך נישט? פונדעסטוועגן, איר הערט, איז כּדאַי זיך צו באַקענען מיט אים.

דער קומענדיקער פאַרשער פון אונדזער אומרויִקער צײַט וועט זיך פרייען מיט אַזאַ געפינס. ער וועט שטוינען און זיך וווּנדערן, ווו האָט דאָס דאָזיקע קליינע, אויסגעדאַרטע מענטשעלע געקראָגן אַזאַ גײַסטיקע גבורה? ווו האָט דער אויסגעלאַכטער מיטליאָריקער ייִד גענומען אַזוי פיל גײַסטיקן כּוח זיך צו שטעלן אַנטקעגן די שטאַרקע און די מאַכטיקע?

נאָר לאָמיר בעסער דערציילן מיט אַ טאָלק: מאַקס סענדין, ווי איר שטויסט זיך מסתּמא אָן, איז ווי מיר אַלע, אַן אימיגראַנטישער ייִד און רעדט ענגליש מיט אַ שווערן אַקצענט און איז אַ גרויסער אָרעמאַן. ער איז געבאָרן געוואָרן אין רוסלאַנד אין יאָר 1889 און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1918. ער האָט דאָ געגנוג געפּראַצעוועט ווי אַ שטובמאָלער (פיינטער) און איז אָוונט באַזוכט די „נײַט־סקול״. ער איז אַ פאָטער פון צוויי קינדער, און איז אַ בירגער פון לאַנד.

מאַקס סענדינען האָט מען אינעם ערשטן וועלטקריג פֿאַרמשפּט צום טויט דורך שיסן, ווײַל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ סאָלדאַטסקער אוניפֿאָרם און פֿון נעמען אַ ביקס אין האַנט. פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן האָט אים באַגנעדיקט און פֿאַרביטן זײַן טויטשטראָף אויף פֿופֿצן יאָר תּפֿיסה אין פֿאָרט לעוועלנסווירט, קענזעס. דאָס איז געשען דרײַ וואָכן נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט. דעם 24סטן יוני, 1919, האָט מען אים באַפֿרייט פֿון געפֿענקעניש.

דעם ערשטן אויגוסט, 1961, האָט מאַקס סענדין באַקומען אַ בריוו פֿון „סאָשל סעקיוריטי־אָפֿיס" אין פֿילאַדעלפֿיע, אַז מ׳האָט איבערגעגעבן זײַנע טשעקס צום „אינטערנאַל רעווענױ סירווים", און אַז פֿון איצט אָן וועט ער מער קיין טשעקס נישט קריגן. די סיבה פֿאַר אַזאַ דראַסטישן אַקט איז, ווײַל ער איז אַ געוויסנהאַפֿטער קעגנער פֿון מלחמה, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן „אינקאָם־טעקס" מחמת אַ טייל פֿונעם געלט ווערט באַנוצט פֿאַר קריגסצוועקן...

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס אַז מאַקס סענדין איז פּשוט און פּראָסט פֿאַרמשפּט געוואָרן צו אַ הונגער טויט, אָן אַ משפּט און אָן אַ פֿאַרהער. זײַן סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג האָט באַטראָפֿן 116 דאָלאַר אַ חודש און זײַן פּענסיע 31 דאָלאַר פֿון דער „פּיינטערס־יוניאָן", האָט די רעגירונג פֿאַרכאַפּט, קאָנפֿיסקירט, איך פֿרעג אײַך, וואָס איז אים געבליבן צו טאָן? קורץ און — שלעכט! ער איז אַוועק צו פֿוס קיין וואַשינגטאָן, און איז אַרײַן אין הויפּטאָפֿיס פֿון „אינטערנאַל רעווענױ סירווים" אין דער באַגלייטונג פֿון אַ פּראָפֿעסאָר פֿונעם קאַליפֿאָרניער לאָאָ־קאָלעדזש. זיי האָבן דאָרטן „פֿאַרבראַכט" פֿון צען אין דער פֿרי ביז פֿיר נ"מ. דער רעזולטאַט איז געווען, מען האָט געפֿונען אין די געזעצביכער צוויי נוסחאות, נעמלעך, איינער וואָס זאָגט, אַז מ׳טאָר נישט פֿאַרכאַפּן קיין סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג, און אַ צווייטער — פּונקט פֿאַרקערט. דער הויפּטבאַאַמטער האָט אָבער פֿעסטגעשטעלט, אַז ער האָט אַ רעכט צו פֿאַרקלאָגן די רעגירונג פֿאַר אַזאַ האַנדלונג.

אַ שפּילעכל צו פֿאַרקלאָגן די רעגירונג! דאָס דאַרף אָפּקאָסטן אַ מאַטניאַ מיט קלינגערס, און דער ענין קאָן פֿאַרשלעפּט ווערן אויף אַזוי לאַנג, אַז מ׳קען פֿאַרלירן די נשמה ביז ס׳וועט געקומען די נחמה...

איז אָט דעם מערקווירדיקן עקשן אײַנגעפֿאַלן אַזאַ געדאַנק: ער איז אַרײַן אין דער געבײַדע פֿון דער „יו־עס טרעזשורי־דעפּאַרטמענט" און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן דיל, טאַקע לעבן דעם אָפֿיס פֿונעם פֿינאַנץ־מיניסטער דילאָן.

איר קאנט זיך פארשטעלן, רבותי, די סצענע ווי אזוי אויפן מירמלנעם דיל זיצט זיך א נעבעכדיק מענטשעלע אין אפגעטראגענע בגדימלעך און — ווארט. איך פארזיכער אייך, אז מ׳האט אים דארטן לאנג נישט געלאזט ווארטן. עס זיינען באלד אויסגעוואקסן לעבן אים צוויי גרויסע יונגען, געהיים־אגענטן, און אים טאקע אוועקגעפירט אין אזא אינסטיטוציע. מען האט אים איינגע־זייער אפיס, און אים געסטראשעט אוועקצופירן אינעם וואשינגטאנער משו־געים־הויז, און פון דארטן אינעם קליוולאנדער (סענדין האט געוווינט אין קליוולאנד ארום פופציק יאר) און זיין פאמיליע וועט דארפן דעקן אלע הוצאות.

פון ווערטער צו מעשים. באלד איז טאקע אנגעקומען א פאליציי־וואגן און אים אוועקגעטראגן ווי דער רוח דעם מלמד, אויפן דריטן שטאק, אין שלאסן אין א צימער מיט זעקס און דרייסיק פארברעכער, וואס זיינען נישט געווען ביים פולן פארשטאנד.

מאקס סענדין האט גלייך דערקלערט א הונגערסטרייק און טאקע פיר טעג נישט פארזוכט קיין שפייז. עטלעכע רעגירונגס־דאקטוירים האבן אים עקזאמינירט און אויסגעפרעגט זיין לעבנס־געשיכטע. ער האט זיי אויסדער־ציילט פונעם פיינלעכן וועג, וואס ער איז דורכגעגאנגען אין די 72 יאר פון זיין לעבן.

אויפן פינפטן טאג האט מאקס סענדין אויפגעגעבן דעם הונגערסטרייק. ער איז געווען אויסגעצערט, אבער נישט דערשלאגן. דעם עלפטן סעפטעמ־בער איז פארגעקומען דער פארהער וועגן זיין האנדלונג און וועגן דעם צו־שטאנד פון זיין פארשטאנד. א דאנק זיינע צאללאזע פריינד, וואס האבן אנ־געשטעלט אן אדוואקאט אים צו פארטיידיקן און א דאנק דער שריפטלעכער מיינונג פון זעכצן פראמינענטע מענטשן אין פארשיידענע שטעט, און די פערזענלעכע עדות, וואס זיינען אויפגעטראטן און דערציילט פון זיין גוטער ארבעט, — צווישן זיי, איז אפילו געווען מ״ר עדיקסאן, דער הויפט פון דעם „אמעריקאנער עטישן פאראיין״ אין וואשינגטאן — איז דער פסק־דין געווען, אז ער האט א געזונטן קאפ אויף זיינע שוואכע פלייצעס.

דעם לייענער וועט זיך שווער גלייבן, אז צווישן די פאסיפיסטן דא אין לאנד, וואס לאזן זיך הערן, ווי געוויינטלעך, אין מלחמה־צייט, זאל זיך גע־פינען אזא איינער, וואס נעמט זיין אידעאל אזוי ערנסט אין אלע צייטן. ס׳איז באמת צו באוואונדערן אזא אויסגעהאלטנקייט פון א יחיד צו זיין אין קריג מיט א גאנצער וועלט. מאקס סענדין איז א אומרויקע און זוכנדיקע נאטור.

ער האָט געפֿונען אומעטום אידעאָלאָגישע חבֿרים, אויך אין דער פּערזאָן פֿו־נעם פֿיל באַשריבענעם נתן חפֿשי אין מדינת ישׂראל.

אָט די אַלע באַשריבענע יחידים, פּאַסיפֿיסטן, מלחמה־קעגנער, וועגע־טאַריער און קעמפֿער פֿאַר אַ נײַער און פֿרידלעכער וועלט, מיט זיי האָב איך זיך געטראָפֿן אויף אַלע וועגן פֿון מײַן לעבן. אין זיי האָבן איך געזען דעם ברענענדיקן „סנה" וואָס ברענט און וויל זיך נישט אויסלעשן. אין אָט דעם גײַסט האָב איך זיך געפֿירט און געפּרוווט צו דערציִען, ווי איך האָב שוין פֿיל מאָל דערמאָנט, מײַנע קינדער. און ווען איך טרעף זיך אָן אויף שלעכטס, אויף מאָרד און גזילה, וואָלט איך געקאָנט זאָגן מיט אַ גרינגן געמיט: „מײַנע הענט האָבן נישט פֿאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט!" „איך זאָג עס אָבער נישט, מחמת מע קען זיך נישט אויסשליסן פֿון כּלל. ס'קלינגט אין מײַן געדעכעניש אַ וואָרט פֿונעם גרויסן עטישן סאָציאַליסט יודשין וויקטאָר דעבס: „כּל־זמן עס זײַנען דאָ געפֿענקענישן און געפֿאַנגענע, בין איך נישט קיין פֿרײַער מענטש".

יאָ, אַפֿילו אויף די עלטערע יאָרן מוז מען ווײַטער אָנפֿירן דעם קאַמף פֿאַר אַ שענער און גערעכטער וועלט. און אויב איך וועל נישט דערלעבן יענע צײַט, טרייסט מיר אָבער מײַן געוויסן, אַז איך האָב בײַגעטראָגן עפּעס, אַז יענע צייט זאָל קומען ווי צום שנעלסטן.

# פערצנטער קאַפּיטל

## קאָרעספּאָנדענץ

אין שײַכות מיט מײַן וועגעטאַרישער און פּאַסיפיסטישער טעטיקייט האָט זיך בײַ מיר אָנגעקליבן אַ צאָל בריוו פֿון וויכטיקע פּערזאָנען, ס'רוב פֿונעם חשובן שריפֿטשטעלער אַ. אַלמי, וועלכע ס'איז כּדאַי, לפֿי־דעתּי, צו ברענגען פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט:

ניו־יאָרק, 14טן מײַ, 1951

ליבער פֿרײַנד דייוויס, באַקומען אײַער בריוו. איר האָט מסתּמא געלייענט מײַן פֿעליעטאָן שבת אין „טאָג", ווו איך דערמאָן פֿרענקלען און זײַן בוך „לא תרצח". אפֿשר וועט זיך זײַן פֿאַמיליע אָפּרופֿן.

ס'וואָלט באמת כּדאַי געווען צו האָבן ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל וועגן א. ה. פֿרענקל. איך האָב ניט געוווּסט, אַז ער איז געווען אַ רבֿ.

איך וואָלט דאָס בוך געדאַרפֿט געבן צו אַן אײַנבינדער. ס'איז אַ שאָד, אַז אַזאַ בוך זאָל פֿונאַנדערפֿאַלן.

אָבער אַזוי ווי איך בין איצט מוראדיק פֿאַרנומען מיט אונדזער קאַמפּיין און איך וועל סײַ ווי קיין צײַט ניט האָבן צו לייענען, וועל איך שוין אָפּ־וואַרטן ביז אַרום מיטן יוני און דעמאָלט אפֿשר זיך צוכאַפּן צו אײַך נאָכן בוך און אַגבֿ־אורחא מיט אײַך אַ ביסל שמועסן.

ווי איז געווען אײַער פֿאַרזאַמלונג? מײַנע האַרציקסטע גרוסן, אײַער א. אַלמי"

* * *

אַלמיס אינטערעס אין פֿרענקלס „לא תרצח" נעמט זיך נישט אַזוי פֿון זײַן וועגעטאַריזם, (ער געהערט ניט צו דעם חדר). בײַערט פֿון אַ ריין עטישן שטאַנדפּונקט, וואָס מיך האָט געריערט אין זײַן בריוו איז זײַן גרייטקייט זיך

צו פֿאַרנעמען מיט פֿרענקלס בוך, נישט געקוקט אויף זײַן שווערער אַרבעט אין דער „צדקה־אַקציע", וואָס ער האָט בשעתו אָנגעפֿירט.

ניו־יאָרק, 18טן מײַ, 1951

„ליבער פֿרײַנד נ. דייוויס, ס'וואָלט זיכער געווען אַ גוטע זאַך איבערצודרוקן פֿרענקלס בוך. ס'דאַרף אָבער קאָסטן אַ שיינע סומע, איבער טויזנט דאָלאַר. מען קאָן אָבער דרוקן אין מעקסיקע. איך קאָן זיך פֿאַרשטענדיקן מיט אַ קאָלעגע דאָרט. אין מעקסיקע וועט עס קאָסטן אַרום אַ העלפֿט פֿון דער סומע, וואָס אַזאַ אונטערנעמונג וואָלט דאָ פֿאַרשלונגען. איך האָב געזען אַ סך יִדישע ביכער, וואָס זײַנען אַרויס אין יענער מדינה און זיי מאַכן זייער אַ גוטן אײַנדרוק.

איך וועל גערן צוהעלפֿן מיט אַלץ, וואָס מעגלעך — מיט קאָרעגירן, אָנשרײַבן אַן אַרײַנפֿיר אאַז"וו. נאָך עפּעס: איך וויל פֿריִער פֿאַרעפֿנטלעכן אין אַ צײַטונג — אין „טאָג" מסתּמא — אַן אַרטיקל וועגן דעם בוך און דעם מחבר. קאָנט איר אויסגעפֿינען זײַן משפּחה? דאָס וועט סײַ ווי נייטיק זײַן, אויב דער „קאָפּירײַט" איז געווען אויף דעם מחברס נאָמען. אויב אָבער דאָס בוך איז אַרויס אין אַ פֿאַרלאַג און דער פֿאַרלאַג עקסיסטירט שוין ניט, איז זיך גאָרנישטאָ וואָס צו זאָרגן, וואָס עס שטייט אויפֿן שער־בלאַט.

איך קאָן אַפֿילו אַזוי אַראַנזשירן: איך זאָל שרײַבן צום בוך אַן אַלגעמיינעם אַרײַנפֿיר און מלך ראַוויטש, וואָס איז אַן אויסגעהאַלטענער וועגעטאַריער, זאָל שרײַבן אַן אַרײַנפֿיר פֿון וועגעטאַרישן שטאַנדפּונקט. ער וועט עס זיכער טאָן. אויב ניט, קאָן איך קריגן דוד איגנאַטאָוו, אויך אַ וועגעטאַריער.

„וואָס ס'איז שײַך אײַערע איבערזעצונגען, קאָנט איר זיכער געפֿינען אָרט פֿאַר זיי אין דער יִדישער פּרעסע. מ. ז. פֿײַערבערגס „דאָס קעלבל" קענט איר פֿאַרקויפֿן אין „טאָג". זעט זיך אפֿשר מיט ש. צ. זעצערן (איר קאָנט אים געפֿינען אין דער „פֿאָרווערטס"־געבײַדע, אָדער זיך נאָכפֿרעגן אויף אים בײַ מיס אַש פֿון אַרבעטער־רינג). זעצער איז, ווי איר ווייסט, מסתּמה, געווען פֿײַערבערגס יוגנט־חבֿר. אפֿשר וועט ער צושרײַבן אַ שטיקל הקדמה.

„אויך אײַער איבערזעצונג פֿון טאָלסטאָיס דערציילונג קאָנט איר אַרײַנקריגן אין אַ צײַטונג, אויב ניט אין אַ טעגלעכער, וועט עס די פֿאַ"ש דרוקן.

איך פֿאָר אויף וואַקאַציע אָנהייב יוני און איך וועל זײַן צוריק אַרום דעם 15טן. הייסט עס, אַז מיר וועלן זיך קאָנען באַגעגענען. בעסטע גרוסן,

אײַער, אַ. אַלמי".

ווי מען קאָן זען פונעם לעצטן און פון די ווײַטערדיקע בריוו, האָט זיך אַלמיס אינטערעס אין פרענקלס בוך ניט אויסגעשעפּט. נישט נאָר לייגט ער פאָר פאַרשיידענע עצות ווי צו דערמעגלעכן זײַן דערשײַנונג, נאָר ער שרײַבט וועגן אים און קריגט אַרײַן אַ פּאַרציע זידלערײַען פון „יעגערישע" לייענער. הערמאַלין, אגב, געדענקט איר נאָך אָט דעם נאָמען? דער באַטרעפנדיקער הערמאַלין פלעגט „באַצירן" די לעצטע זײַט פון „טאָג" מיט זײַנע „אַלצ־וויסיקע" מאמרים. ער האָט זיך אויך אַרויסגעגעבן פאַר אַ יעגער, און האָט געהאַט חסידים צווישן זײַנע לייענער. נאָר לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו אַלמיס בריוו.

ניו־יאָרק, 23סטן מײַ, 1951

„ליבער פרײַנד דייוויס, — קודם וויל איך אײַך פאַרזיכערן, אַז פײַער־בערג איז געווען אַ וועגעטאַריער. ס'איז אַ פאַקט, מכוח וועלכן ס'איז אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן. אויך זעצער האָט מיר דערציילט וועגן דעם. מיר איז אויך אַ חידוש, פאַר וואָס זעצער דערמאָנט עס ניט אין זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן פײַערבערגן. מסתמא האָט ער אַזאַ דעטאַל ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק.

אַ דאַנק פאַר די „ידיעות". ווילט איר דאָס צוריק? אויב ניט, וועל איך עס האַלטן. דעם בריוו פונעם זעכצן־יאָריקן וועגעטאַריער שיק איך אײַך צוריק. באמת זייער אינטערעסאַנט.

מיר דאַכט זיך, אַז אויב ניט אַלע טיילן טראָגן אַ „קאַפּיראײַט", קאָן דאָס גאַנצע ווערק אַרויסגעגעבן ווערן. איבערהויפּט, אַז דער פאַרלאַג ב. ראַבי־נאָוויץ עקסיסטירט שוין לאַנג ניט. בײַ דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּ'" וואָלט אפשר כדאַי געווען אָנצופרעגן. אָבער אַז מען וועט זיי אויפמערקזאַם מאַכן, קאָנען זיי דאָס אויסנוצן אויף מאָנען פאַרגיטיקונג. דאָס בעסטע וועט זײַן זיך צו באַראָטן מיט אַן אַדוואָקאַט.

דער „מאָרגן זשורנאַל" וועט בקרוב ווידער אָנהייבן צו דערשײַנען און איך וועל פּרוּוון אויסגעפינען ווער ס'איז אַ קרובֿ פון פרענקל. מ'דאַרף קריגן וועגן אים ביאָגראַפישן מאַטעריאַל. איגנאַטאָוו פילט זיך שוין בעסער, אָבער קיין געזונטער מענטש איז ער ניט.

ס'איז שווער צו זאָגן וויפל עקזעמפּלאַרן צו דרוקן. איך גלייב, אַז 500 וועט זײַן גענוג פאַר אַ יידישן בוך, בפרט פון אַזאַ אינהאַלט. מע קאָן מאַכן מאַטריצן אין פאַל, מען זאָל דאַרפן דרוקן נאָך.

אפשר וועט זיך נאָך עמיצער אָפּרופן אויף מײַן קאָלום, ווו איך האָב דערמאָנט פרענקלס בוך. דערווײַל האָב איך באַקומען אַ זידלבריוו פון אַ

לייענער, וואָס נעמט זיך אָן הערמאַלינס קריוודע און שעלט די וועגעטאַריער דערפֿאַר, וואָס זיי פֿאַרשטייען ניט די גרויסקייט פֿון יעגעריי.

איך בין איצט מוראדיק פֿאַרנומען, ערבֿ אונדזער צוזאַמענפֿאָר אין שיקאַגע הײַנטיקן שבת און זונטיק. דערפֿאַר מאַך איך דעם בריוו אַזוי בקיצור.

מיט די בעסטע גרוסן, אײַער אַ. אַלמי"

* * *

אַזוי איז אַלמי! פֿאַרנומען איבערן קאָפּ, אָבער זיך אונטערגענומען אַ געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע, מוז מען זי דורכפֿירן. איך האָב שטענדיק באַוווּנדערט זײַן שרײַבערישע ענערגיע און דינאַמישקייט, זײַן אָרנטלעכקייט און עטישע באַנעמונג, כאָטש נישט אַלע מאָל באַהאַנדלט ער זײַנע קעגנער מיט זײַדענע הענטשקעס.

זײַן פּאַסיפֿיזם איז נישט „אונטערצושטעלן די צווייטע באַק". ער האָט אויך געהאַט אַן אַנדער שטעלונג צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי אונדזער גרופּע האָט געהאַט. הגם נישט קיין אויסגעשפּראָכענער וועגעטאַריער האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן אויף בען לאַרשי פֿאַר זײַן באַוווּנדערן דעם ספּאָרט פֿון „פֿיש־כאַפּן", וואָס ער האָט אָנגעפֿירט מיט אַ קאָלום וועגן דעם ענין אין „פֿאָרווערטס". אונטער אַ פֿאַרשטעלטן נאָמען שרײַבט ער צו לאַרשין: „איך פּראָטעסטיר קעגן דעם גוייִשן ספּאָרטקאָלום. דער גרעסטער טייל פֿון דער מענטשהייט עסט די נבֿלות פֿון געהרגעטע בעלי־חיים, ניט אַרײַנטראַכטנדיק זיך אין דעם, אָבער מאַכן פֿון רציחה אַ ספּאָרט, דאָס איז שוין באַוווּסטזיניקע עבֿודה־זרה".

ניו־יאָרק, 9טן אַפּריל 1951

חשובֿער און ליבער פֿרײַנד דייוויס,

אַ האַרציקן יישר־כּוח אײַך און די אַנדערע חבֿרים פֿאַר פֿאַרבעטן מיך צום וועגעטאַרישן סדר. ס'איז אַ ווילער אויפֿטו — אַזאַ סדר. דורך אַזעלכע פֿײַערונגען וואָלט מען אפֿשר געקענט פֿאַרוואַנדלען דעם וועגעטאַריזם אין אַ שטיקל, אויב ניט אין אַ גרויסער, פֿאָלקס־באַוועגונג.

ס'וואָלט גוט געווען, ווען די אַלטע הגדה זאָל בײַם וועגעטאַרישן סדר באַגלייט ווערן פֿון אַ וועגעטאַרישן פּירוש, אָנהייבנדיק מיט די באַפֿרײַטע קנעכט, וואָס האָבן געבענקט נאָך די טעפּ פֿלייש פֿון מצרים און איבערגייענדיק צום סימבאָליזם פֿון די שאָר ירקות.

הלוואי וואָלט איך אין איצטיקן מאָמענט געקענט זיכער זײַן, אַז איך וועל קומען צו אײַער סדר. לײַדער בין איך ניט זיכער, מחמת ס'איז זייער

מעגלעך, אַז איך זאָל די פסח־טעג טעג פֿאַרוואָגלט זײַן פֿאַר אונדזער קאַמ־פּיין אין אַנדערע מקומות. נאָר אויב איר בלײַבט דאָ, וועל איך אַרײַנקומען צום סדר מיט אליהו הנביאן. — איז דאָך אויך מײַן נאָמען אליהו.

אויף אײַער קשיא, צי איך בין שוין טאַקע אַרײַן אין דער וועגעטאַרי־שער משפּחה, ווי מען האָט אײַך איבערגעגעבן, וויל איך אײַך קודם ענט־פֿערן, אַז די פֿראַגע וואָלט גיכער געדאַרפֿט זײַן, צי איך בין צוריקגעקומען צו דער דאָזיקער משפּחה, ווײַל איך בין אַ סך יאָרן געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער וועגעטאַריער, הגם איך בין ניט געווען אַקטיוו אין די וועג־געטאַרישע קרײַזן, ווי איך בין בכלל קיין מאָל ניט אַקטיוו אין קיין שום באַוועגונג.

וואָס ס׳איז שײַך דער עצם־פֿראַגע בין איך נאָך, לײדער, אַלץ אַ „כמעט״, הגם איך עס קיין מאָל ניט קיין פֿלייש, אָבער איך פֿאַרזוך פֿיש איין מאָל אין אַ שמיטה... פֿון וואַנען האָט זיך גענומען די מעשׂה? פֿון אַ באַריכט אין דער יידישער פּרעסע וועגן אַ סיורפּריז־שׂמחהלע, וואָס קאָלעגן האָבן ניט לאַנג צוריק פֿאַר מיר אײַנגעאָרדנט. נו, האָט איינער פֿון די קאָלעגן צוגעשטעלט אַ באַריכט צו דער פּרעסע און דאָרטן באַמערקט, אַז ס׳איז געווען אַ וועגע־טאַרישע סעודה, מחמת דער ערן־גאַסט (אָדער קרבן) איז אַ וועגעטאַריער...

מײַן צוריקגאַנג צום פֿולן וועגעטאַריזם איז, ווי איר זעט, זייער אַ לײַכ־טער. פֿאַר וואָס־זשע מאַך איך ניט דעם קליינעם שריט? מסתמא מחמת דעם גאַנצן געמיט־צושטאַנד אין דער פֿאַרבלוטיקטער־פֿאַרבלאָטיקטער ערע, אין וועלכער מיר לעבן. דער שׂטן־המשחית פֿון ציניזם שטייט אויפֿן וועג פֿון אָט דעם קליינעם שפּרונג...

איך בין מסכּים מיט אײַך, אַז זײַן אַ וועגעטאַריער און דערבײַ נישט דערהייבן זיך צו אַ שענערער און עטישער מדרגה, איז אַ דערשײַנונג, וואָס קאָן ניט אַרויסרופֿן קיין באַזונדערע באַגײַסטערונג. אָבער... מיר מוזן דערבײַ אײַנזען, אַז וועגעטאַריזם איז סוף־כּל־סוף די שטויסקראַפֿט צו אַ שענערן און עטישערן לעבן, בעת אַ שיין און עטיש לעבן פֿירט ניט אַלע מאָל צו וועגעטאַריזם.

מיר זעען דאָך אַזעלכע וווּנדערלעכע, עטישע פּערזענלעכקייטן — ווי איינשטיין, למשל — וואָס דער געדאַנק פֿון וועגעטאַריזם קומט זיי אַפֿילו ניט אויפֿן זינען. ווען אַזעלכע לײַט וואָלטן אָנגענומען די וועגעטאַרישע אידעע, וואָלט עס געהאַט אַן אומגעהײַערע השפּעה אויפֿן עולם. האָט מען זיך אַ מאָל געפּרוווט ווענדן צו זיי וועגן דעם?

איך האָף, אַז איך וועל זײַן אין ניו־יאָרק און קענען קומען צום סדר. אָבער איר מוזט דאָס פֿריִער וויסן צוליב רעזערוואַציעס, קאָן איך, לײדער, ניט זיכער זײַן ביז אַ צוויי־דרײַ טעג פֿאַר פּסח.

מײַנע בעסטע גרוסן, אײַער אַ. אַלמי.

# אַ בריוו פֿון מלך ראַוויטש

דעם 15טן אָקטאָבער 1941

טײַערער פֿרײַנד דייוויס,

איך האָב באַקומען אײַערע צוויי בריוו אין איין קאָנווערט און איך ענטפֿער כאָטש אַ פּאָר ווערטער, כאָטש איך בין זייער פֿאַרנומען און ביזי, אַז ממש דער פֿליג בײַ מיר ברענט אויפֿן קאָפּ... איך בין פֿאַרנומען מיט אַלערליי אַרבעטן און דער סעזאָן האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

אַז איר וועט האַלטן בײַ פֿאַרעפֿנטלעכן עפּעס אַן אויסגאַבע פֿון דעם וועגעטאַרישן פֿאַראיין — זאָלט איר נישט פֿאַרגעסן מיר וועגן דעם צו שרײַבן און איך וועל מיך דעמאָלט באַטייליקן מיט אַ ספּעציעלן אַרטיקל. איך וועל דאָס טאָן זייער גערן. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער מלחמה אויף דער וועלט איז בײַ מיר נאָך אַלץ נישט דערשיטערט געוואָרן דער גלויבן, אַז אַ גרויסע, וועגעטאַרישע באַוועגונג — אָבער טאַקע אַזוי גרויס און מאַכטיק ווי אַנדערע באַוועגונגען פּאָליטישע — וואָלט געקענט די וועלט איבערמאַכן פֿון גרונט אויס.

איך האָב לעצטנס געזען אַ פֿילם פֿון בערנאַרד שאָו. האָלט ער דאָרט אַליין אַ לאַנגע רעדע, זאָג איך אײַך, נאָר אַ וועגעטאַריער קען זיך אַזוי וווּנדערלעך האַלטן אין אַזאַ טיפֿן עלטער, איבער 85 יאָר איז ער שוין אַלט.

קעגן מײַן ווילן, אָבער די צײַט איז מיר אויף אַן אמת קורץ — מוז איך שוין פֿאַרענדיקן דעם בריוו נאָך איידער איך האָב אים אָנגעהויבן.

זײַט געזונט, טײַערער פֿרײַנד, מיט אײַער גאַנצן בני בית,

מיט געטריישאַפֿט מלך ראַוויטש.

# בריוו פון א. גאָלאָמב

פרײַטיק, 6טן יאַנואַר 1956 פאַר טאָג

ליבער פרײַנד ב. דייוויס,

עס וווּנדערט מיך שטאַרק, וואָס איר שרײַבט גאָרנישט. מילא דער סוף־יאָר פאַרשטיי איך נאָך: די גאַנצע גויִשע וועלט איז געשטאַנען פאַר אײַך אויף די קני און זיך געבעטן: „גוואַלד, ייִד, גיב אונדז שניפּסן צו באַגעגענען דעם גרויסן יום־טובֿ, וואָס אַ ייִד איז געבאָרן געוואָרן. אָבער, אַז עס איז שוין נאָך דעם געבורט, נאָך דעם ברית, נאָך דעם ווי די הייליקע דרײַ מלכים רײַטן ווי די מלאָכים צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם נײַעם שטערן, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אַ שטאַל, און פון שטאַל זײַנען געוואָרן בלוטיקע פּאַלאַצן, — נו, איז וואָס איצט? איצט מאַכט מען אַ ברכה: געדאַנקט און געלויבט זאָל זײַן דער בורא־עולם וואָס האָט געגעבן צו גויִים יום־טובֿים, כּדי זײַן פאָלק ישׂראל זאָל האָבן פּרנסה און בענקען נאָך ייִדישקייט...

איצט, ליבער פרײַנד, איז צײַט איר זאָלט מיר ענטפערן. איר האָט מיר געשריבן וועגן פּראָפּאַגאַנדע פאַר אונדזער אידעע; שטיינבערג האָט גערעדט מיט מיר וועגן דעם. וואָס קען איך טאָן? איך בין זיך מזרז משׂכּים צו זײַן כּלהוך — איידער די זון טראַכט נאָך אויפצושטיין און טראַכטן און שרײַבן. אָבער איך בין, ניט פאַר אײַך געדאַכט, אַ מלמד בישׂראל און גאָט האָט געשוואָרן, אַז מלמדים זאָלן זײַן קבצנים און איך קען ניט אויף מײַן חשבון דרוקן און פאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע. וואַרט איך אויף אײַער הילף. וואַרט איך... און איר האָט נישט קיין צײַט צו ענטפערן. אָבער עד מתי? איך האַלט איצט אין דער אַרבעט איבער אַ נײַעם קאַפּיטל אין דער זעלביקער ריכטונג. ווען איך וועל מירצעשעם באַקומען פון אײַך אַ גרוס, וועל איך אײַך שרײַבן גענויער וועגן דעם. דערווײַל.

ענבו, ר׳ נתן, ענבו!

אײַער אַ. גאָלאָמב

י״א באָב 23סטן יולי

ליבער פֿרײַנד דייוויס!

אַ דאַנק אײַך פֿאַר אײַער בריוו און לאָמיר גיין כּסדר: אַז איר וועט באַ־קומען מײַנע ביכער און איר וועט זען אין לעצטן באַנד עטלעכע אַרטיקלען, וועט איר זען ווו עס איז דאָ די „אמתע" פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר „פֿרײַלאַנד". אָבער וואָס טוט מען, ווי מאַכט מען, אַז ייִדן זאָלן אָט די „טײַערע" (אַז קיינער רימט מיך ניט, טאָ לאָמיר כאָטש אַליין זיך רימען) פּראָפּאַגאַנדע אַנקוקן. איך וואַרט מיט אומגעדולד צו זען וואָסערע מיטלען איר וועט אָננעמען. איר זײַט דאָך ניט קיין גרינהאָרנס ווי גאָלאָמב.

איר זײַט באמת אַ מאָדנער ייִד, אַ טשודאַק הייסט עס אויף רוסיש מאַמע־לשון: איר פֿרעגט מיך אַ פּרײַז פֿאַר מײַנע ביכער. נו, זאָגט אַליין: ווי קומט אַ פּרײַז פֿאַר ייִדישע ביכער? אַז באמת דאַרף מען דאָך דעם לייענער צוצאָלן ער זאָל זיי נעמען אין האַנט אַריין.

איך האָב זיך שוין אַליין פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַ פּרײַז מיר האָבן אַ מאָל באַשטימט. שוין אַריבער עטלעכע יאָר ווי זיי האָבן געהאַט אַ קויפֿער... ערגעץ אין אויסטראַליע, ערגעץ אין אַפֿריקע. אין די ווײַטע לענדער זײַנען נאָך דאָ אַ ביסל מאָדנע ייִדן וואָס ווילן לייענען אַ ייִדיש בוך. די אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען דאָך שוין ניט יאַלדן, ווייסן זיי, אַז קאָרטן זײַנען בילכער. איך שיק די ביכער מײַנע איצט צו גוטע ייִדן סתם ניט מעשׂה־סוחר. געשיקט זיי צו נתן חפֿשי און געהאַט הנאה צו קריגן פֿון אים און פֿון זײַנעם אַ שכן בריוו מיט קריטיק: זיי דאַרטן לייענען נאָך, באמת, עוד לא תמו אמונים! מיינט דאָס אויף ייִדיש: עס זײַנען נאָך דאָ אַ ביסל יאַלדן אויף דער וועלט. ווייל איך אײַך אַרײַנרעכענען אין דעם מנין און אַרײַנרעכענען זיי אין די ל״ו צדיקים וואָס ווילן לייענען... און אַז איר וועט לייענען און זײַן צופֿרידן, וועל איך אויך זײַן צופֿרידן.

און ווידער: איר ווייסט דען, וואָס עס הייסט פֿאַר אַזאַ ייִדן ווי איך אָט דאָס שרײַבן. שוין צענדליקער יאָרן ווי איך שטיי מיר אויף פֿאַר טאָג און כאַפּ זיך מיר צו צו מײַן חבֿרטע־מאַשינדל. איך טראַכט און זי קלאַפּט, און עס גייען אַרויס פֿאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר. עס ווערט גרינגער אויפֿן האַרצן. זיך אַראָפּגערעדט, אָט ווי יענער וואָס ווייִנט זיך אויס. נאָך דעם זוך איך וואָס צו טאָן מיט די בויגנס פֿאַרשריבענע פּאַפּיר... ווו שיקט מען זיי? אַ סך אויסגאַבעס ווילן מיך ניט דרוקן: יעדע פּאַרטיי האַלט, אַז איך בין איר שונא, איר קעגנער, און אַלע האָבן מיך אַ ביסעלע פֿײַנט, און מען וויל מיך

זען פון ווײַטן. בקיצור, געגנוג צו שרײַבן רכילות אויף ייִדן אויפֿן ניכטערן הארצן, בשעת גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, און מײַנע שכנים מוזן מיך פֿאַר־שילטן דרייענדיק זיך אויף זייערע געלעגערס פֿאַר וואָס מײַן מאַשין שטערט זיי גענבעך אין זייער געשמאַקן שלאָף...

אַ האַרציקן דאַנק אײַך פֿאַרן באַזאָרגן פֿאַר מיר דעם „נר". אין מײַנע בריוו צו נתן חפֿשי האָב איך עפּעס געשיקט פֿאַר זיי... איר דאַרפֿט וויסן, אַז אָט דער טרייפֿענער ייִדישיסט וואָס מען רופֿט אים גאָלאָמב און וואָס מען האַלט אים און מען רודפֿט אים פֿאַר זײַן פֿאַסקודנעם ייִדישיזם שרײַבט אויך לשון קודש.

...איך מיין אַז איר וועט ניט זײַן ברוגז פֿאַר מיין הומאָריסטישער שטי־מונג איצט.

אַל דאָס גוטס און לאָמיר הערן גוטע נײַעס

אייער, א. גאָלאָמב.

* * *

דינסטיק, 3טן מײַ

ליבער פֿרײַנד דייוויס!

צוליב אַן אומדערוואַרטן רעמאָנט אין שטוב האָב איך אײַך אַזוי לאַנג ניט געענטפֿערט. און איר וועט מיר מוזן מוחל זײַן. אַ ברירה וועט איר האָבן! איר ווייסט גאָרניט ווי איך בין מתפּלל אין האַרצן, אַז דער ענין פֿון אײַער גרופּע זאָל זיך אײַנגעבן, איך זאָל שוין האָבן גרוסן פֿון אונדזער נײַ־ווילנע. איך פֿאַרשטיי, אַז איר האָט דאָרטן קאַלט און וואַרעם. טאָ זאָל אײַך טאַקע גאָט העלפֿן. איך פֿאַרשטיי, אַז איר האָט ווייניק גענייגטע צו פּאָעזיע. הײַנטיקע טרוקענע דורות, קאַלטע דורות! מיר דוכט זיך, אַגבֿ, אַז אין אַמעריקע קען גאָרניט וואַקסן קיין פּאָעזיע. כ'האָב מורא, אַז בכלל גייט אַמעריקע צו אַ גרויסער טראַגעדיע מיט אירע וואַקסנדיקע דורות: די פֿאַרברעכערישקייט פֿון דער יוגנט, די צעלאָזנקייט מוזן פֿירן צו אומגליקן. באַשר אײַערע אַמערי־קאַנער זײַנען צו זיכער און צו שטאָלץ מיט זיך זיי זאָלן זיך גאָר קענען פֿאַר־טראַכטן וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג.

אײַער פּלאַן וועגן אַ זשורנאַל „דער ייִדיש־לייענער" ווו יעדער לייענער זאָל אויך זײַן אַ מיטאַרבעטער הייבט מיר אָן צו געפֿעלן. ער פֿאָדערט אָבער אויך אַ היפּש ביסל אָרגאַניזיר־אַרבעט. פּראָפּאַגאַנדע, אויפֿקלערונג, פֿאַר־שפּרייטונג וכדומה, דאָס איז ניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט. איך וואָלט

זיך גערן גענומען צו זײַן דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער. אָבער ניט דער אָרגאַניזאַטאָר. דערצו טויג איך ניט. כאַטש הרגעט מיך אָוועק. אַט גייען אַרויס אין אַרגענטינע די שריפֿטן, שוין 13 יאָר, — און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז די גרעסטע מערהייט פֿון די לייענער פֿון יידיש וויסן נאָך גאָרניט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זשורנאַל אויף דער וועלט:

— געפֿעלט מיר גאָרניט וואָס אַ ייִד ווי איר, אַ קלוגער דאַכט זיך, נעמט און מאַכט זיך נאַריש גאָר מיט אַ קראַנקייט. ווי קומט עס צו אײַך טאַקע? זײַט זשע באמת אַ קלוגער און וואַרפֿט אַוועק די נאַרישקייטן! בכל אופֿן ווינטש איך אײַך וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿון די זאַכן. מיינט זשע ניט, אַז איך בין שוין גאָר דער חכם. האָב איך אויך געהאַט צו טאָן די טעג מיט אַ דאָקטאָר, עפּעס גאָט אין אַ פּוס. אָבער עס איז איבערגעגאַנגען. מילא. אָבער אַרבעטן דאַרף מען. געפֿעלט מיר דער פּלאַן „דער יידיש־לייענער". גאָרניט קיין מלמדישע אָרגאַניזאַציע! דאָס איז דער עיקר. איך האַלט ניט אַז פּלאַטאָן איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געלערנט, אַז מיט דער וועלט דאַרפֿן פֿירן די פֿילאָסאָפֿן. אַ שלעכטע וועלט וואָלט געווען, — גלייבט עס מיר.

עס פֿרייט מיך, וואָס אַזאַ ייִד ווי ר' נתן הברוקלינאי לייענט וואָס גאָלאָמב האָט געשריבן און איר האָט געפֿונען אַפֿילו פֿאַר פּאַסיק צו לייענען פֿאַר אײַער טאָכטער עטוואָס פֿון מײַן „הגדה" ווי איר זאָגט עס. פֿאַר אַ דענקענדיקן מענטשן פֿון פּעדאַגאָגישן באַרוף וואָלט אפֿשר געווען אינטערעסאַנט דער ערשער טייל פֿון צווייטן באַנד. זאָל עס בלײַבן בײַ אונדז. איך האַלט ניט לחלוטין פֿון דער אַמעריקאַנער דערציִונגס־סיסטעם. איך האַלט אַז די שול איז ניט ווייניק שולדיק אין דער גרויסער דעמאָראַליזאַציע פֿון דער יוגנט. איך זע איצט אַרויס ווי גוט, ווי ניט אין פֿאַרגלײַך בעסער עס זײַנען געווען אונדזערע שולן אין פּוילן ווו מיר האָבן אַליין פּלאַנירט און געגעבן אַלץ. נאָך מער — אין די אַלטע שולן פֿון צאַרישן רוסלאַנד האָט מען געלערנט און דערצויגן בעסער ווי אין אַמעריקע. איך גלייב, אַז אײַער טאָכטער איז פֿאַרט בעסער פֿון אַנדערע יידישע אינטעליגענטע קינדער, און זי פֿאַרשטייט נאָך אַ ביסל יידיש, וואָלט עס מיר געווען אינטערעסאַנט צו הערן איר מיינונג וועגן יענע פּעדאַגאָגישע אַרבעטן מײַנע. הלוואי קען איך קומען מיט מײַן וואָרט צו דעם עולם. אַ מאָל, ווען אין מעקסיקע האָט מען מיך נאָך ליב געהאַט, האָט אַ ייִד איבערגעזעצט אויף שפּאַניש אַט דעם טייל פֿון מײַנע שריפֿטן, — און עס ליגט... עס ליגט בײַ מיר מער ווי אַ באַנד עסייען אַרויסצוגעבן, און ווער קען איצט אַרויסגעבן אַ בוך אויף יידיש? סײַדן אַ מעצענאַט. האָב איך געמאַכט און געפּלאַנט און געטראַכט און געשריבן צו „ציקאָ", צום טאָג

וועגן אַ שותּפות: מען זאָל אויסלייגן 500 שמאַלאַרעס און איך וועל דערפאַר באַצאָלן מיט 500 קאַפּיעס פון בוך, און וועל אויסלייגן די איבעריקע. נו, איז וואָס? חלומות פון אַ מלמד.

היינט וואָס מאַכט איר עפּעס אַזאַ פּירוש אויף דער הגדה? איר דאַרפט ניט פירן קיין מלחמות, אָבער גאָט מעג יאָ? דאַרפט איר עס זיין בעסער פון רבש״ע? איך האַלט נאָך אַלץ אַז „הבא להרגך, השכם והרגו. איך האַלט נאָך אַלץ, אַז אין געטאָ די אויפשטאַנדלער קעגן היטלערן ימ״ש זיינען געווען צדיקים.

וואַרט איך אויף גוטע און פריילעכע גרוסן פון אייך און דער עיקר — געזונטע גרוסן. זאָל מען זיין געזונט! געהערט, אַז שטיינבערג קלייבט זיך צו קומען אַהער. וועט זיין פריילעכער מיט אים אַ שטיקל צייט.

אַל דאָס גוטס אייך און אַלע אייערע

אייער אַ. גאָלאָמב.

* * *

ערב יום־כפור תשי״ד

מיין ליבער פריינד דייווים!

לשנה טובה וחיים טובים אייך און אייערע!

איר זייט דאָך, כ'לעבן, אַ משפחה גאָר אַ געפערלעכע: ווילן ניט פאָלגן קיין מדינה און שפּרינגען ניט קיין קדוש פאַר פּאַטריאָטיזם און מלחמה־טומל... גאָר מאָדנע מענטשן. און אַזאַ איינשטימיקייט צווישן טאַטע און בנים איז שוין גאָר אַ זעלטענע זאַך ביי ייִדן אין היינטיקע דורות... איז ביי אייך אין שטוב ניט קיין שטוב נאָר אַ שטאָב פון כלערליי געפערלעכע וועגע־טאַרישע געדאַנקען און אידעען. טאָ זאָל אייך טאַקע גאָט העלפן.

איך האָב נאָר מורא, אַז איר וועט ניט אויפנעמען קיין הילף פון רבונו של עולם, ווייל איר זייט זיכער אַן אומגלייביקער. אָבער לויט מיינע דעפּי־ניציעס זייט איר דווקא יאָ אַ גלייביקער ייִד און איר האָט אייער גאָט. צי איז דער גאָט פון אייערע זין אויך דער זעלביקער גאָט — דאָס ווייס איך שוין ניט. צי איז אייער לשון אויך זייער לשון — דאָס ווייס איך אויך ניט.

בנוגע צו אייער וועגעטאַריאַנישקייט בעט איך אייך איבערצולייענען מיין עסיי וועגן „ייִדן און בלוט־פאַרגיסונג" אין באַנד דריי. בכלל וואַרט איך אויף אייער משפּט: צי איר האָט געפונען אַן אינטערעס אין מיינע שריפטן. דאָס וויל איך זייער וויסן. און איר וועט מיר אָנשרייבן דעם אמת, אָן פאַרגלעטונג,

אָן פֿאַרווייכונג. אויב עס געפֿעלט ניט, זאָלט איר מיר שרײַבן אָן רחמנות וואָס איר טראַכט. אַן אָפּמאַך!

וואָס זשע הערט זיך מכּות עפּעס, מכּוח אַכצן און דרײַצן? מכּות דעם אָנרוף און די ווײַטערדיקע אַרבעטן? שטיל געוואָרן? איך וואַרט אויף גוטע נײַעס פֿון אײַך בנוגע דעם גאַנצן ענין.

און האָט אַ גוט יאָר, איר און אײַערע און כּל ישראל אָמן!

אײַער אַ. גאָלאָמב.

## פופצנטער קאַפּיטל

# מיין אויסצייכענונג און פּרעמיע פון „ייוואָ"

דער 26סטער יוני 1942 איז פאַר מיר געווען אַ פרייליכער טאָג, ווײַל כ'האָב באַקומען אַן אויפרוף וואָס האָט זיך געלייענט: „דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט טרעט איצט צו אויסצופאָרשן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן, די געשיכטע פון ייִדן אין מזרח־אייראָפּע און אין אַמעריקע פאַר די לעצטע 50—60 יאָר. דער "ייִוואָ" ווענדט זיך דעריבער צו אַלעמען, צו איינציקע מענטשן און צו אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן איבערגעבן דעם „ייִוואָ" אַלערליי בריוו פון דער אַלטער היים, אַלץ איינס ווען די בריוו זײַנען געשריבן געוואָרן".

אין אַ צווייטן בײַגעלייגטן בריוו מיט דער זעלביקער דאַטע ווערט געשריבן:

חשובער פריינד,

ביײגעלייגט שיקן מיר אײַך אַן עקזעמפּלאַר פון די תּנאים פון אונדזער קאָנקורס אונטערן נאָמען:

„פאַר וואָס בין איך אַוועק פון דער אַלטער היים און וואָס האָב איך דערגרייכט אין אַמעריקע ?"

מיר פאַרהאָפן אַז איר וועט אונדזער בקשה אַנטקעגנקומען און אַז איר וועט זיך באַטייליקן אין אונדזער קאָנקורס. מיר פאַרבלײַבן מיט פריינדלעכע גרוסן:

ד״ר מ. ווײַנרײַך — וויסנשאַפטלעכער דירעקטאָר".

כאָטש די צושריפטן האָבן מיך געטראָפן אין מיטן „ביזי"־סעזאָן, האָב איך זיך גענומען צו דער „אַרבעט". עס האָט זיך בײַ מיר אָנגעהויבן אַ שרײַבעניש אויף וואָס די וועלט שטייט.

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי כ'פלעג, נאָך מײַנע „דעליווריס" ביי אַ גלאָז

קאָווע שרײַבן אין די קאַפּעטעריעס". ניט איין מאָל פֿלעגן די קאַפּעטעריע־„מענעדזשערס" צוקומען צו מיר און מיך דערמאָנען: „מיסטער, דאָ איז נישט קיין ביבליאָטעק, ס'איז אַ רעסטאָראַן!"

איך האָב אַריינגעטאָן אַ סך מי אין אָט דער אַרבעט. איך האָב ליב געהאַט צו שרייבן. דאָס האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט אויסצוגעפֿינען מײַנע דער־גרייכונגען.

איך שרײַב איצט וועגן מײַן ערשטן קאָנקורס און אין „אַ שיינעם טאָג" איז חודש סעפּטעמבער איז פֿאַר מיר ווײַטער געווען אַ פֿריידיקער טאָג. ווײַל אין דעם טאָג האָב איך באַקומען די אויסצייכענונג פֿאַר מײַן צושטײַער צו דער יידישער וויסנשאַפֿט. דאָס איז געווען מײַן שׂכר.

אָט איז דער אינהאַלט פֿון דער אויסצייכענונג:

**ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ**

531—535 וועסט 123סטע גאַס, ניו־יאָרק

## נ. ש. דייוויס פון ברוקלין נ"י

האָט אָנטייל גענומען אין דעם קאָנקורס פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿט־לעכן אינסטיטוט: „פֿאַר וואָס בין איך אַוועק פֿון דער אַלטער היים און וואָס האָב איך דערגרייכט אין אַמעריקע?" און צוגעשיקט אַ באַשרײַבונג אויף דער דאָזיקער טעמע. די זשורי פֿון קאָנקורס וואָס באַשלאָסן אויסצוצייכענען די באַשרײַבונג ווי אַ דאָקומענט וואָס ברענגט וויכטיקן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין דער נײַסטער צײַט. די באַשרײַבונג איז אַרײַן אויף שטענדיק אין דעם פֿאָנד וויסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלן פֿאַר פֿאַרשאַרבעטן און פּובלי־קאַציעס.

דער ייִוואָ דריקט אויס דעם מחבר פֿון דער באַשרײַבונג דאַנק און אָנערקענונג פֿאַר זײַן צושטײַער צו דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

**ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט**

| | | |
|---|---|---|
| לייבוש לעהרער | נ. פיינערמאַן | מ. קליגסבערג |
| **פּרעזידענט** | **סעקרעטאַר פֿון קאָנקורס** | **עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר** |

ד"ר מ. וויינרייך

**וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר**

איך וויל אויסדריקן ביי דער געלעגנהייט אנערקענונג צום פריינד מ. קליגסבערג פאר זיינע באמיונגען צו פארשאפן מיר א קאפיע פון דער אויס־צייכענונג, וואס איז ביי מיר אין משך פון יארן פארלוירן געווארן. איך בין געווען מזלדיק וואס פריינד קליגסבערג האט געפונען א בלאנקעט, ער האט אים אויסגעפילט, און מיר אים צוגעשיקט, א טיפן דאנק אייך פאר דער באמיונג.

## די פרעמיע

מיט צען יאר שפעטער צווישן די יארן 1952—1953 האט דער „ייווא" אנגעפירט דעם צווייטן אימיגראנטן־קאנטעסט. כאטש דער צווייטער קאנ־טעסט האט מיך געטראפן אין א שווערער צייט, ס'איז געווען נאך דעם מלחמה־פעריאד, האב איך די נייעס אויפגענומען מיט צופרידנקייט. אז די צייט איז געווען פאר מיר א שווערע קאן מען זען פון ד"ר שלמה נאבעלס באמערקונג, וואס כ'נעם ארויס פון זיינעם א בריוו צו מיר:

„וואס מאכן אייערע זין? אויב איך מאך קיין טעות ניט, האבן זיי אין מלחמה־צייט געהאט געוויסע שוועריקייטן צוליב דייער פרינציפיעלן פאסי־פיזם. זענט איר און אייער פאמיליע נאך טעטיק אין דער וועגעטארישער באוועגונג? מיט די בעסטע ווונטשן פאר א גוט יאר אייך און אייער פאמי־ליע, שלמה נאבל".

איך האב זיך גענומען צום שרייבן מיט גרויס התמדה, די משפחה איז געווען צעוואקסן און צעשפרייט. איך האב געהאט אנגעשריבן ארום פערציק בויגנס פאפיר. איך וועל אייך בעסער דערציילן וועגן דעם רעזולטאט: אין איין שיינעם טאג — ער איז געווען איינער פון די שענסטע, לפי דעתי — האב איך באקומען א בריוו פון דעם „ייווא" מיטן פאלגנדיקן אינהאלט:

„זייער חשובער פריינט דייוויס: — איך האב דאס פארגעניגן אייך מודיע צו זיין, אז די זשורי פון ייווא־קאנטעסט אויף צוגאב־אויטאביאגראפיעס פון יידישע אימיגראנטן האט אייך אנערקענט די **פערטע פרעמיע**. די פרעמיע איז אייך געגעבן געווארן פאר דעם וויכטיקן מאטעריאל וועגן אמעריקאנער יידישן לעבן, דער עיקר וועגן צווייטן דור אמעריקאנער יידן, וואס איר ברענגט אין אייער ארבעט. איר האט געגעבן מיט אייער ארבעט א וויכטיקן צושטייער צו די מקורים פון דער אמעריקאנער יידישער געשיכטע".

„די פרעמיע גופא א בוך מיט א געהעריקן אויפשריפט — וועט מען אייך „די פרעמיע גופא „**די געשיכטע פון ווארשע**" אין דריי בענד, געשריבן

פון ד״ר יעקב שאַצקי — אַ בוך מיט אַ געהעריקן אויפֿשריפֿט — וועט מען אייַך צושיקן באַזונדער. מיט פֿרייַנדלעכסטע גרוסן, אייער שלמה נאָבל, סעקרעטאַר פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָלעגיע פֿון ייִוואָ״.

* * *

איר וועט זאָגן, רבותי, אַ קלייניקייט! נו, אַז איך האָב געקראָגן אַ פּרעמיע, איז וואָס איז מיט מיר די גדולה? גלייבט מיר, איך האָב עס זייער אָפּגעשאַצט! ס'איז מיר געווען אַ באַלוינונג פֿאַר אַ סך שלאָפֿלאָזע נעכט און צערפֿולע טעג. אויב ביז דעמאָלט האָט זיך מײַן טעטיקייט געדרייט אַרום גשמיותדיקע, ריכטיקער, חומרדיקע ענינים, האָב איך געהאַט דעם נחת־רוח אַצינד דורכצופֿירן אַ גײַסטיק שטיקל אַרבעט.

דאָס איז דער אינהאַלט פֿון דער באַשטעטיקונג:

---

**ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ**

531—535 וועסט 123סטע גאַס, ניו־יאָרק

אָקטאָבער 1954.

# באַשטעטיקונג

מיט דעם באַשטעטיקן מיר, אַז פֿרייַנד

## נ. ש. דייוויס

האָט זיך באַטייליקט אין ייִוואָ־קאָנטעסט פֿאַר ייִדישע אימיגראַנטן צו באַשרייַבן זייערע איבערלעבונגען אין די יאָרן 1942—1952. די זשורי פֿון קאָנטעסט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון די פּפּ׳ יח. ליפֿשיץ, ד״ר מ. קאָסאָווער און ד״ר י. קיסמאַן, האָט באַשטימט פֿאַר פֿרייַנד נ. ש. דייווויס.

## די פערטע פרעמיע

ווי אַן אויסדרוק פֿון אָנערקענונג פֿאַר זייַן אַרבעט וואָס ברענגט וויכטיקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע און פּראָבלעמען פֿון ייִדן אין אַמעריקע.

**שלמה נאָבל**

**סעקרעטאַר,**

**וויסנשאַפֿטלעכע סעקציע**

---

# זעכצנטער קאַפּיטל

## אין סדר־הכל

יעדער מענטש האָט אַ חשק אונטערצופירן אַ „סדר־הכל" פון זײַן לעבן, כּדי צו באַטראַכטן דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג זײַנעם. איך האָב אָוועקגעגעבן זעקס און פערציק יאָר פון מײַן באַוווסטזיניקן לעבן אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפט־לעכע, שטאַרק אומפּאָפּולערע „איזמען". און ווען איך קוק אויף צוריק, רע־טראָספּעקטיוו, האָב איך אַוודאי נישט קיין חרטה. נאָר צו זאָגן, אַז איך בין צופרידן מיט אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן, וואָלט געווען אַ טעות.

אָפט מאָל פיל איך זיך אין דער בחינה פון אַ באַרג־קלעטערער, וואָס האָט דעם שפּיץ טאַקע ניט דערגרייכט, אָבער דאָס עצם קלעטערן האָט ברייטער געמאַכט זײַנע האָריזאָנטן, האָט אויפגעהויבן העכער דעם הימל איבער זײַן קאָפּ. זאַכן, וואָס מען מערקט ניט אין דער נידער, זײַנען געוואָרן קלאָרער און בולטער פון דער הייך. מיט אַנדערע ווערטער, אויב אַפילו ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו רעאַליזירן געוויסע הומאַניטאַרע שטרעבונגען אין מײַן סביבה, שוין אָפּגערעדט אין דער גרויסער וועלט, האָבן אָבער מײַנע מיִונגען און מעשים באַרײַכערט מײַן אייגן וועלטל, האָבן געגעבן אַ זין און אַ צוועק פאַר מײַן עקסיסטענץ אויף אָט דער האַרבער און אָפט אומפרײַנדלעכע ערד.

און צוריקגעשמועסט דאַרף מען ניט דערוואַרטן קיין באַלדיקע רעזול־טאַטן. דער עצם פאַקט, אַז אומעטום זײַנען פאַראַן יחידים און גרופּעס, וואָס קעמפן קעגן יעדער פאָרמע פון שלעכטס, איז שוין אַ גרויסע טרייסט. איך טראַכט: נו, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט מענטשן זעטיקן זיך מיט פלייש, איז דען דער וועגעטאַרישער געדאַנק אַ פאַלשער? אויב מיליאָנען מענטשן ווערן פאַרשיכּורט פון אַגרעסיוון פּאַטריאָטיזם און לאָזן זיך רעקרוטירן פאַר די צוועקן פון קריג, דאַרף דערפאַר די פּאַסיפיסטישע אידעע באַטראַכט ווערן פאַר אומגערעכט? אויב שטאָטישע ייִדן, פאַרכאַפּט פון מאַטעריעלער און

גײַסטיקער גײַציקייט זאָגן זיך אָפּ פֿון אייגענע יידישע ישובים, מיינט עס דען נישט, אַז זיי שטעלן אין סכּנה דעם יידישן קאָלעקטיוו און זײַן גײַסטיקע ירושה? אָט מיט די דרײַ הויפּטאידעען האָב איך זיך אידענטיפֿיצירט.

עס וועט נעמען דורות און די קערנער, וואָס אַנדערע לײַט און מײַן ווייניקייט האָבן פֿאַרזייט, וועלן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און אַנטוישונגען, אויפֿגיין. זיי וועלן זיך אָננעמען, און אַנשטאָט אַ מיעוט, וועט אונדזער צד ווערן דער רבים, דאָס רוב מנין ורוב בנין אין דער געזעלשאַפֿט.

אָוודאי וועט דער סקעפּטיקער שמייכלען אויף מײַן אָפּטימיזם. אין מינוטן פֿון ספֿקות, שמייכלט זיך מיר אויך ביטערלעך. איבערהויפּט ווען דאָס יאָגעניש נאָך כּבוד האָט זיך געמערקט אין אונדזערע קרײַזן. ווער קאָן לייקענען אין די מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס פֿלעגן זיך ווײַזן בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן? דער פֿאַרדראָס איז דעמאָלט געווען שאַרפֿער: סטײַטש, היתּכן, מיר, די יחידי־סגולה, די עטישע מענטשן, דאַרפֿן דאָך זײַן אַ בײַשפּיל פֿאַר אַנדערע!

פֿונדעסטוועגן, רבותי, זײַנען געווען יחידים אָן די ערשט־געבראַכטע פּגימות. איך האָב אַ צאָל פֿון זיי דערמאָנט אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען. אַצינד וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף אַ לערערין, ליזאַ ראָטשטיין. (אַגבֿ, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין די יידישע שולקרײַזן האָט מען געפֿינען הויך אידעאַליסטישע מענטשן און דער עיקר טאָקע צווישן די לערערס). ליזאַ ראָטשטיין איז געווען דער רוח־חיים פֿון דער שול. זי ווי אַ סך אַנדערע לערערס, האָבן צו יענער צײַט געאַרבעט פֿאַר אַ הונגערלוין, האָבן אָפֿט נישט געהאַט צו צאָלן דירה־געלט, און זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פֿון זייער באַרוף. ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פֿאַרשאַפֿן כּאָטש פּאַסיקע שולטישלעך פֿאַרן ערשטן קלאַס. (אין די העכערע קלאַסן איז מען דעמאָלט געזעסן אויף האַרטע בענק און בײַ משונה לאַנגע, פֿון ערגעץ אויסגעבאָרגטע טישן) און ס'איז געווען אַ פֿראַגע, צי זאָל מען בעסער אָפּצאָלן דער לערערין אַ טייל פֿון אירע שׂכירות, האָט ליזאַ ראָטשטיין הערן דערפֿון נישט געוואָלט, און די שול־מכשירים זײַנען באַזאָרגט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן.

עס איז ווערט אויך צו באַמערקן, אַז די פֿינף און צוואַנציק דאָלער, וואָס האָבן געדאַרפֿט גיין צו דער לערערין, האָט מנדבֿ געווען אַ געוויסע פֿרוי עמנואל. האָט די לערערין ראָטשטיין מיר איבערגעגעבן דאָס געלט און געזאָגט: „היות די שול עפֿנט זיך די וואָך, אײַלט זיך צו און קויפֿט אײַן כאָטש פּאַסיקע טישלעך און בענקלעך פֿאַרן ערשטן קלאַס. פֿאַרבט עס אָפּ מיט רײַכיקע קוילן, וועט דאָס קליינוואַרג הנאה האָבן און אַזוי אַרום וועט מען

נישט אַרויסזען דעם דלות". און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. איך בין אַוועק צו אַ סטאָליער און כ'האָב באַשטעלט דאָס מעבל און זי, די לערערין איז געווען אויפן זיבעטן הימל... און זאָל עס בלייבן צווישן אונדז. ווען נישט אַזוינע לערער ווי ליזאַ ראַטשטיין וואָלטן די מערסטע פון אונדזערע שולן אונטערגעגאַנגען. און דאָס וועט אייך באַשטעטיקן יעדער ערלעכער שולטוער.

איך האָב שוין דערציילט און עס ווילט זיך מיר נאָך אַ מאָל דערציילן, אַז אין אַלע מיינע טעטיקייטן האָט שטענדיק אָנטייל גענומען מיין פרוי ביז כמעט די לעצטע טעג פון איר לעבן. יאָ, ס'איז געווען דעמאָלט, ווען איך בין געווען פאַרהאַוועט מיטן „יישוב פראָיעקט", איז מיין פרוי פלוצעם קראַנק געוואָרן. זי האָט באַקומען גראָד אַ לייכטע פאָרעם פון פאַראַליז, און דער דאָקטאָר האָט פאַרזיכערט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום ווערט זי געזונט. זי איז שוין אָבער, ליידער, פון בעט ניט אַראָפּ. מיין טאָכטער האָדל און איך זיינען געווען אין שפּיטאָל, ווען זי איז אויסגעגאַנגען.

איך האָב געקוקט אויף איר און באַמערקט ווי אַ רויקייט איז אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. דער טויט האָט זי באַפרייט פון אירע שרעקלעכע ליידן. גלייבט מיר יאָ, צי ניט, נאָר אין מיינע אויגן האָט זי דעמאָלט אויסגעזען יינגער, אַ סך יינגער פאַר אירע יאָרן. ס'איז עפּעס פאַרגעקומען מיט מיר אַ מאָדנע זאַך. מיר האָט זיך אין יענער מינוט דערמאָנט אין אונדזער ערשטער באַגעגעניש. איך בין צוגעפאַלן צו איר און זי אַ קוש געטאָן.

מיט אַ טאָג פריער איז מיין עלטסטער זון געווען ביי איר. זי האָט געהאַט געקויפט אַ מתנה פאַר זיין יינגל, און דאָס פּעקל איז געלעגן אין אַן אַנדער אָרט. זי האָט זיך באַמיט אים צו דערקלערן, אָבער די צונג האָט איר שוין נישט געדינט, האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ בלייער און ווי עס איז אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

אַ טעלעגראַמע האָט מודיע געווען דעם יונגערן זון וועגן דעם אומגליק. ביי דער קבורה האָבן ביידע זין געזאָגט קדיש, הגם זיי האָבן פריער קיין מאָל ניט געהאַלטן קיין סידור אין האַנט. נאָר אַזוי איז געווען זייער מאַמעס ווונטש. מיינע קינדער האָבן בכלל אַרויסגעוויזן גרויס אָפּשיי צו די עלטערן און באַזונדערס טאַקע פאַר דער מאַמען. מען האָט צו איר געשריבן אויף יידיש, און זיך געמיט צו רעדן יידיש אין איר ביינזין. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זיך אָפּגערופן צו מיר דער עלטערער זון: „פאַ, איך ווייס ווי דיר איז שווער אַצינד, ווערטער קענען נישט טרייסטן. דו האָסט אַ סך אָנגענעמע זיכרונות וועגן דער מאַמען — לעב מיט זיי!" איך בין אַוועקגעפאָרן מיט אים קיין ניו־הייוון אָפּצוזיצן דאָרטן די שבעה־טעג.

ס'האָבן זיך אַ צי געטאָן פֿאַר מיר טרויעריקע, פֿאַרבלאָזע טעג. די קינדער זײַנען פֿאַרטאָן געוואָרן אין זייערע באַשעפֿטיקונגען. זיי האָבן געדאַרפֿט זאָרגן וועגן פּרנסה, וועגן קינדער־דערציִונג, וועגן צאָלן חובֿות. איך האָב, פֿאַר־שטייט זיך, געפֿילט די אֲבֵידה שאַרפֿער און שטאַרקער. איך האָב פֿאַרלאָרן מײַן חבֿרטע, מײַן מיטקעמפֿערין, מײַן האַרציקן שותּף אין לעבן. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ פּוסטקייט, אַ גרענעצלאָזע עלנטקייט. איך האָב נישט געוווּסט וווּהין זיך צו קערן און צו װעמען זיך צו ווענדן. איך האָב געפֿילט, כ'וועל, פֿאַרלירן מײַן זינען. איך האָב פֿאַרנאַכלעסיקט מײַן אַרבעט און מײַן פֿאַבריקל איז געווען אין גאַנצן פֿאַרמאַכט.

די צײַט דערוויל שטייט נישט. מ'האָט געדאַרפֿט נעמען טראַכטן וועגן אַ מצבֿה, און מיר האָבן באַשלאָסן אַז אויפֿן שטיין זאָל זײַן אויסגעקריצט כאָטש אַ טייל פֿון דער פֿאַרשטאָרבענערס „אני־מאמין". היות, ווי ייִדיש איז איר טייער געווען, איז דער אויפֿשריפֿט געווען אויף אונדזער לשון. עס וועט אפֿשר קלינגען פֿאַר אײַך, רבותי, אַביסל נאַיִוו אַזאַ עפּיטאַף, נאָר אָט אַזוי האָט זיך עס בײַ אונדז דעמאָלט אויסגעדריקט:

„האָסט געדינט געטרײַ דעם ייִדישן פֿאָלק.
האָסט געשיקט די קינדער אין אַ ייִדישער שול.
האָסט דערצויגן די קינדער פֿאַר וועגעטאַריער.
האָסט געדינט דעם הומאַניזם.
געבענטשט זאָל זײַן דײַן אָנדענק".

איך האָב געפֿילט אַ געוויסע באַפֿרידיקונג. מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז איך האָב מיט עפּעס פֿאַראייביקט איר נאָמען. נאָר טיף אין האַרצן האָט מיר פֿאָרט געטאָטשעט, אַז ס'איז נישט גענוג, אַז זי האָט זיך בײַ מיר פֿאַרדינט אַ מער ממשותדיקן דענקמאָל, וואָס זאָל בלײַבן פֿאַר קינדער און קינדסקינדער. און איך האָב זיך דערטראַכט, אַז איך זאָל אָנשרײַבן די געשיכטע פֿון מײַן לעבן, ווו זי זאָל פֿיגורירן פּראָמינענט און היילקן דאָס בוך איר, מײַן פֿרוי, דער לאַנגיאָריקער לעבנס־באַגלייטערין מײַ־נער, מיט וועלכער איך האָב זיך געטיילט מיט מײַנע חלומות און שטרעבונגען.

* * *

לאָמיר בײַ דער געלעגנהייט ציטירן אַ קליינעם טייל פֿון דער דרשה, וואָס הרבֿ רבֿ יהודה לייב בראַנשטיין האָט געהאַלטן בײַם אויפֿדעקן דעם שטיין אויף מײַן פֿרויס קבֿר:

די מצבה מיטן אויפשריפט

„...אַן איידעלע פרוי איז זי געווען. זאָל איר נשמה רוען אין פרידן. טר"ס העלען (האָדעס) דייוויס איז געווען אַ מוטיקע פרוי מיט גוטע מידות. וועגן אַזוינע ווי זי האָט אונדזער מלך שלמה געמיינט, ווען ער האָט אויס־געשריען: „אשת חיל מי ימצא"? זי האָט באַוויזן מיט איר לעבן אַ ביישפּיל ווי אַזוי מען דאַרף געבן יידישע קינדער אַ יידישע דערציונג. זי איז געווען געטריי צו איר מאַן. אָנטיילגענומען אין זיינע אידעאַלן און מיטגעגאַנגען אין זיינע פוסטריט. איר גרויסער בייטראַג אין דערציען אירע קינדער צו זיין וועגעטאַריער, פּאַסיפיסטן, איז ניט אָפּצושאַצן. אין גייסט לעבט זי ווייטער מיט איר פאַמיליע און מיט אירע נאָענטע. דער טויט איז בלויז אַ מיילשטיין אויפן וועג צו דער אייביקייט. זאָל איר נשמה ווייטער לעבן אין אונדזערע הערצער... אָמן!"

* * *

איך האָב צונויפגענומען מיין געבליבן ביסל כוחות און זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן ווידער אין מיין אַרבעט. איך האָב זיך נישט געלאָזט איינברעכן. דער אַלטער קעמפער האָט אין מיר זיך אויפגעכאַפּט, ער האָט מיך געטריבן, מיר אונטערגעזאָגט: „ווי לאַנג קאָנען מענטשן אומגיין אַרבעטסלאָז? סחורה ליגט אויף די פּאָליצעס, קונים קומען מאָנען זייערע באַשטעלונגען.

און העלען? העלען לעבט אין מיר, אין מיין געדעכעניש, אין מיין יעדן טראָפּן בלוט. איך טראַכט — ניין, עס טראַכט זיך אַליין וועגן איר ביי דער אַרבעט, ביי מיין אויפשטיין און ביי מיין לייגן זיך. יאָ, איך וויל זי פאַראייביקן אין מיינע שריפטן. זי זאָל אויך ווייטער לעבן, ווען איך וועל שוין ניט זיין. און די שריפטן וועלן בלייבן אַ דענקמאָל פאַר מיינע קינדער און קינדס־קינדער.

אָט מיט די געדאַנקען האָב איך זיך אומגעטראָגן און טראָג זיך אום זייט איר פּטירה. עס איז אַ שטיקל טרייסט פאַר מיר. און וואָס שטאַרקער די איינזאַמקייט דריקט מיך צו, אַלץ שטאַרקער כאַפּ איך זיך אָן אין אָט די מחשבות, פּונקט ווי דער תנ"כישער בן־מוות אין די קרנות המזבח.

ס'פאָלקס־ווערטל זאָגט: „די צייט פאַרהיילט אַלע ווונדן". אַוודאי איז פאַראַן אַ סך אמת אין דעם זאָג. אָבער עס זיינען פאַראַן ווונדן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרהיילן, בלויז אַ הייטל פאַרציט זיך איבער זיי. און לויט מיינען, אַז דער מענטש איז שוין געהיילט.

אָפּט ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דער אומגליק איז נישט געשען, וואָרעם איך קען מיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז מײַן פֿרוי געפֿינט זיך מער נישט צווישן די לעבעדיקע.

איך האָב זיך געווענדט צו מײַן שוואָגער, ער זאָל מיר איבערגעבן וואָס מער איינצלהײַטן פֿון זײַן שוועסטער, מײַן פֿרוי: איך האָב באַקומען אַ פֿאַרלאַנג זיך צו דערוויסן וועגן איר קינדהייט, וועגן דער סבֿיבֿה, ווו זי איז אויפֿגעצויגן געוואָרן. מײַן שוואָגער, משה גראָס, וואָס איז שוין אויך נישט קיין יונגערמאַנטשיק, האָט באַוויליקט מײַן בקשה מיט אָט דער ווײַטערדיקער אינפֿאָרמאַציע:

„מײַן שוועסטער, הדס! — ס׳איז מערקווירדיק, ווי אין לויף פֿון די יאָרן ווערן אונדזערע זכרונות, אין שײַכות צום נעכטן און אייערנעכטן, טאַקע אָפּגעשוואַכט, אָבער צום ווײַטן אַמאָל, ד״ה לגבי אונדזער קינדהייט, זײַנען זיי, די זכרונות, לעבעדיק וויטאַל, ווי די געשעעניש וואָלטן אָט ערשט פּאַסירט. אַלע פּרטים בלײַבן אײַנגעקריצט אין דער געדעכעניש. איך בין דער עלטסטער, דער בכור אין דער פֿאַמיליע. הדס איז געווען מיט אַנדערטהאַלבן יאָר ייִנגער פֿון מיר. מיר זײַנען געווען זיבן קינדער. ווען די מאַמע האָט איינגעוויגט הדסן אין וויגעלע, בין איך געשטאַנען בײַ דער זײַט. דאָס מיידעלע האָט אָבער געוואָלט מ׳זאָל זי אײַנוויגן אין די אָרעמס כּדי זיך קענען אַרומקוקן, איידער זי שלאָפֿט אײַן. ס׳איז געווען אַן אָרעם הויז בײַ אונדז. מײַן פֿאָטער ראובֿן־דוד איז נישט געווען קיין גרויסער פֿאַרדינער, קיין בעל־פּרנסה. ער פֿלעגט אויפֿשטיין באַגינען און לערנען אַ שטיקל משניות, אָדער אַ בלאַט גמרא, נאָך דעם אָנטאָן טלית און תּפֿילין און בײַם דאַווענען בעטן גאָט אויף פּרנסה און זיך גוט אויסוויינען. פֿונדעסטוועגן איז דאָס געווען אַ קנאַפּע סגולה און ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט אויף אַ שטיקל ברויט פֿאַר זײַן משפּחה. אַוודאי האָט אונדזער מאַמע, רייזל, נעבעך, שטאַרק געליטן צוזעענדיק, ווי אירע קינדער הונגערן. זי האָט כּסדר, דאַכט זיך, געשוואַנגערט. ווען די פֿאַרצווייפֿלונג פֿלעגט זי באַפֿאַלן גאַר שטאַרק, פֿלעגט זי זיך קלאַפּן מיטביידע פֿויסטן אין אָנגעשוואָלענעם בויך און שרײַען: „זאָלן זיי שוין בעסער שטאַרבן בײַ מיר אינעווייניק, איידער זיי זאָלן אויסגיין פֿון הונגער אויף דער וועלט! איר קענט זיך פֿאָרשטעלן, ווי מיר קינדער האָבן זיך געפֿילט בײַ אַזוינע סצענעס. מיר האָבן מיטגעוויינט און מיטגעשריִען און אין הויז איז געוואָרן אַן אמתע יללה״.

„אָט אין אַזאַ סבֿיבֿה זײַנען מיר געוואַקסן. הונגער, נויט, פֿאַרצווייפֿלונג האָבן זיך אויסגעמישט מיט קינדערשע שפּילן און קינדערשע פֿאַרווײַלונגען.

דעם מחברס שוואָגער משה גראָס מיט זיין אייניקל

מיר זײַנען געווען פונקט אַזוי ווי די אַנדערע ייִדישע ייִנגעלעך און מיידעלעך פֿון אונדזער אָרעמען געסל".

„מ'האָט מיך אַוועקגעשיקט לערנען אויף אַ פּאָר יאָר אין אַ ישיבֿה, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַ בר־מיצווה־ייִנגל אַהיים, האָב איך געטראָפֿן מײַן שוועסטערל, ווי אַ צעבליטע רויז. זי איז געוואַקסן שיין און „סטרוינע". זי האָט אויסגעזען ווי אַ יונגע בת־מלכּה און איר נאָמען הדס האָט איר זייער געפּאַסט".

„איך בין לאַנג נישט געבליבן אין הויז. די אָרעמקייט האָט מיך ווײַטער געטריבן, און צו פֿופֿצן יאָר בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן: מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זײַנען מײַנע שוועסטער, הדס און חיה, געקומען צו מיר אויף זייער וועגן קיין אַמעריקע, וווּ אונדזער פֿאָטער איז שוין דעמאָלט געווען. הדס, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען שיין און האָט געצויגן אויף זיך אויפֿמערקזאַמקייט. מײַנע חבֿרות האָבן זי באַוווּנדערט אויך דערפֿאַר, ווייל זי האָט זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און בכּלל מיט העכערע ענינים".

„אויך איך בין שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע. מיר האָבן דאָ געוווינט נישט ווײַט איינער פֿונעם אַנדערן. זיך אָפֿט באַזוכט און געפֿילט אַ באַדערפֿעניש צו זײַן איינער אינעם צווייטנס געזעלשאַפֿט. דאָס ווײַטערדיקע איז אײַך באַקאַנט. מ'זאָגט אַ ווערטל, קיינער קאָן נישט אַזוי גוט אַ פֿרוי ווי איר מאַן, און נאַטירלעך — פֿאַרקערט אויך".

* * *

נאָך דער אויפֿדעקונג פֿון דער מצבֿה איז געקומען אַ טיילוויַיזע באַרויִקונג פֿאַר מיר: עס האָט זיך מיר אָבער געוואָלט אַ ביסל אויסריידן דאָס האַרץ און דערציילן וועגן מײַן ליבער פֿרוי וואָס האָט מיך אַזוי פּלוצעם פֿאַרלאָזט. איך האָב אויסגעקליבן די פּאָסיפּיסטישע צייטונג „פּיסמייקער" און אַוועקגעשיקט אַהין אַ בריוו, אין וועלכן איך האָב אויסגעדריקט מײַן טיפֿן צער און ווייטאָג. אָט איז דער אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן בריוו:

„חשובֿער רעדאַקטאָר: בײַ מיר איז פֿאָראַן אַ באַגער זיך צו טיילן מיט מײַן טרויער מיט די לייענער פֿון אײַער שריפֿט. מײַן פֿרוי העלען דייוויס איז אַוועק פֿון דער וועלט דעם 12טן יוני, 1958. זי האָט זיך באַטייליקט אין אַלע מײַנע אַקטיוויטעטן: ווי צ"ב זי האָט געלייענט דעם „פּיסמייקער", געווען אַ מיטגליד אין דער „וואָר רעזיסטערס ליג", פֿון דער „דזשוּיִש פּיס פֿעלאָושיפּ". זי האָט דערצויגן אונדזערע דרײַ קינדער ווי פֿולע וועגעטאַריער. איך טו תּפֿילה, אַז דער גײַסט פֿון לעבן זאָל מיך דערהייבן אַפֿילו אין אַנגעזיכט פֿון טרויער און טויט".

**אויף מײַן קורץ בריוול האָבן זיך אָפּגערופֿן אַ סך מענטשן מיט זייער מיטגעפֿיל און סימפּאַטיע־אויסדרוקן. איין בריוול וועל איך ברענגען פֿון אַ מענטשן, וואָס איך האָב צופֿעליק באַגעגנט:**

„אָקטאָבער 13, 1958

טײַערער מ״ר דייוויס, מיר האָבן אײַך און אײַער פֿרוי געטראָפֿן בײַ אַ פּאַסיפֿיסטישער קאָנפֿערענץ אין ניו־דזשורזי, אין יאָר 1948. אויך מיר זײַנען וועגעטאַריער. מיט טיפֿן באַדויערן האָבן מיר, מײַן פֿרוי און איך, געלייענט אין „פּיסמייקער״ פֿון איר פּטירה. מיר ווילן האָפֿן, אַז זי האָט ניט לאַנג געליטן. עס טרעפֿט, אַ מאָל שטאַרבט פֿריִער דער מאַן, אַ מאָל די פֿרוי. פֿאַר דעם, וואָס פֿאַרבלײַבט, איבערהויפּט אויף די עלטערע יאָרן, איז אים באמת שווער. זאָל אײַך גאָט געבן כּוח דורכצוטראָגן דעם שווערן פֿאַרלוסט״...

די פֿרענקלס.

**אַזש פֿון האַוואַי האָב איך באַקומען אַ טרייסט בריוו פֿון איינעם מיטן נאָמען פֿרענסיס לינקאָלן:**

„ס׳איז אַלע מאָל שלעכטע נײַעס צו הערן, אַז אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער פֿאַר פֿרידן איז אַוועק פֿונעם לעבן, און אײַער טיילן זיך מיטן אײַער צער אין „פּיסמייקער״ מיט די לייענערס, מאַכט מיר אײַך צו שיקן פֿון דער ווײַטנס מײַן סימפּאַטיע און מיטגעפֿיל־אויסדרוק״.

„איר זײַט געווען מזלדיק גענוג צו האָבן לאַנגע יאָרן אַ שותּפֿטע, וואָס האָט געטיילט אײַערע געדאַנקען און אַקטיוויטעטן, אַ זאַך מיט וועלכער אַ סך פֿון אונדז קענען ניט שטאָלצירן. איך וויל אויך גראַטולירן אײַערע זין פֿאַר זיך קעגנשטעלן דער מיליטערישער קאָנסקריפּציע. אין יענע טעג האָט מען געדאַרפֿט האָבן מער מוט נישט צו זײַן אַ סאָלדאַט, ווי צו גיין אין קריג״.

„אײַער פּראַקטיצירן וועגעטאַריזם איז אַ סך מער וואַגנדיק ווי איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן. זאָל דער הויכער קוראַזש מיט וועלכער אײַער פֿאַמיליע האָט געלעבט, אײַך בײַשטיין אין דער צײַט פֿון טרויער״.

**עס זײַנען אָנגעקומען נאָך אַ סך בריוו פֿון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן, זייער אינהאַלט איז כּמעט דער זעלביקער, וועל איך זיי אויסלאָזן. און איך וועל פֿאַרענדיקן דעם ענין טרייסט־בריוו בלויז מיט נאָך איינעם, ווייל ס׳איז פֿאַרבונדן מיט אַ געשעעניש, וואָס איז כּדאַי זי צו דערציילן: אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען אַרעסטירט איינעם אַ דזשוליוס איישל דורך דעם קאָנסקריפּציע־געזעץ, וואָס האָט גערופֿן מענטשן אין עלטער פֿון 45 ביז 65. ער איז אויך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה**

**גענוצן פֿאַר זײַן אַ „קאָנשיענשעס אַבזשעקטאָר" זײַענדיק אַן „אַבסאָלוטיסט". ער האָט באַלאַנגט צו יענעם עלע•ענט, וואָס האַלטן נישט פֿון אַזאַ צוואַנג. ער איז געשטעלט געוואָרן אונטער צוואַנציק טויזנט דאָלאַר „בייל". היות ווי ס'איז שווער געווען צוצושטעלן אַזאַ גרויסע סומע, איז געווען אַ געפֿאַר ער זאָל בלײַבן זיצן אין געפֿענקעניש ביז זיין משפּט. בין איך אונטערגעקו־מען און האָב געגעבן מײַן הויז ווי אַ טייל פֿון דער געפֿאָדערטער סומע, און מען האָט אים דערווײַל אַרויסגעלאָזן אויף דער פֿרײַ. זײַן קורץ בריוועלע לייענט זיך אַזוי:**

„טײַערע מ״ר דיוויס, מיר ווילן אויסדריקן אונדוער אויפֿריכטיקן מיט־געפֿיל צו אײַך און צו אײַערע קינדער אויפֿן פֿאַרלוסט פֿון אײַער פֿרוי און זייער מוטער. ערשט אין דער לעצטער אויסגאַבע פֿונעם „**פּיסמייקער**" האָבן מיר זיך דערוווּסט פֿון איר טויט. מיר שליסן זיך אָן אין די צאָלפֿילע פֿרײַנד פֿון דער פּאַסיפֿיסטישער באַוועגונג צו טרויערן אויף דער אבֿדה. מיר וועלן אײַך שטענדיק זײַן דאַנקבאַר פֿאַר **אײַער פֿרײַנדשאַפֿט**, וואָס איר האָט אונדז אַרויסגעוויזן אין דער צײַט פֿון קאָנסקריפּציע".

**די טרייסטבריוו האָבן מיך באַרויִקט. איך האָב נישט געהאַט בדעה צו ברענגען מער בריוו ווי איך האָב געבראַכט, נאָר ס'האָבן זיך אָפּגעזוכט ביי מיר נאָך צוויי צושריפֿטן, וואָס „בעטן" זיך אַזוי צו זאָגן, אויף פּאַפּיר:**

„מײַן טײַערער פֿרײַנד דיוויס, איך שאַץ אָפּ אײַער בריוו אין „**פּיסמייקער**" און פֿאַרשטיי גאַנץ גוט אײַער פֿאַרלאַנג זיך צו טיילן מיט אײַער שווער האַרץ מיט מענטשן, וואָס זײַנען אײַך גײַסטיק נאָענט. איר דאַרפֿט זיך פֿילן מזלדיק, וואָס איר האָט געהאַט אַ פֿרוי מיט אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אײַערע אידעאַלן. ווי שטאָלץ דאַרפֿט איר זײַן מיט אַזאַ חבֿרטע! וויפֿל מענטשן קאָנען זיך באַ־רימען מיט אַזאַ לעבן ווי איר האָט געפֿירט? אײַער פֿאַמיליע־לעבן האָט זיכער אינספּירירט אַנדערע. איר דאַרפֿט געפֿינען אַ נחמה, ווען איר מישט צוריק די בלעטער פֿון אײַער לעבן. איך באַדויער טיף אײַער פֿאַרלוסט. און אויב איר זעצט פֿאָר אײַערע אידעאַלן, וואָס זײַנען אויך איר ליב געווען — איז אײַער פֿרוי נישט טויט. זי לעבט אין אײַערע מעשׂים. איר קאָנט הייליקן איר אָנדענק בלויז מיט טאָן גוטס, און איר קאָנט געפֿינען פֿרייד אין אַזאַ טוונג. אײַערע מיטמענטשן קאָנען אָפּלערנען פֿון אײַך סײַ דאָס גוטע, סײַ דאָס פֿאַר־קערטע. טאָ גייט אין דעם וועג פֿון די גערעכטע.

אייער אומבאַקאַנטער פֿרײַנד, **סיסקאָ דרייק**.
גואַטעמאַלאַ־סיטי, גואַטעמאַלאַ.

**דער בריוו איז געשריבן אין אַן אומקאָרעקטן ענגליש און ווי דער נאָמען**

וויזט, איז דער שרײַבער נישט קיין ייִד, אָבער וויפֿל מענטשלעכער מיטגעפֿיל ס׳פֿילט זיך אין יעדן וואָרט. דער צווייטער איז געשריבן אין ייִדיש און די שרײַבערין איז איידאַ גאַלעוואוי, אַן איבערגעגעבענע טוערין אין דעם וועגעטאַרישן פֿאַראיין.

„טייערע פֿרײַנד דייוויס, מען האָט מיר מודיע געווען, אַז איר האָט פֿאַרלאָרן אײַער פֿרוי. איך האָב זי זייער ליב געהאַט. זי איז געווען אַ פֿײַנער, שטילער און באַשיידענער מענטש. מען קען זיך נישט טרייסטן. מײַן שפּראַך איז צו אָרעם אויף אַרויסצוברענגען דעם צער און טרויער וואָס דריקט מײַן האַרץ. דאָס איז אונדזער שיקזאַל! מען דאַרף זיך פֿאַרטאָן אין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט און געפֿינען דאָרטן עפּעס אַ טרייסט. ס׳איז אַ סך גרינגער צו עצהן יענעם, ווי אַליין דאָס דורכצופֿירן. בײַ אונדז אין לאָס־אַנדזשעלעס האָבן מיר לעצטנס פֿאַרלאָרן אַ צאָל טײַערע און גוטע געזעלשאַפֿטלעכע טוער. קיין נײַע קומען נישט צו. פֿונדעסטוועגן שטאַרבט נישט אָפּ דער אידעאַל, וואָס זיי האָבן פֿאַרשפּרייט. די קערנדלעך נעמען זיך אָן, כאָטש מיר ווערן עלטער. עפּעס איז דאָ אַ כּוח, וואָס זאָרגט דערפֿאַר.

אײַער פֿרײַנדין, איידאַ גאַלעוואוי".

און לאָמיר פֿאַרענדיקן די בריוו און מיטגעפֿיל אויסדרוקן מיט דעם טיפֿן און וואַרעמען נעקראָלאָג וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם יאָרבוך נײַע ייִדישע שול אַרויסגעגעבן פֿון דער י. ל. פּרץ־שול אין מעקסיקע, תשרי תשי״ט (אָקטאָבער־1958).

אין נעקראָלאָג ווערט געזאָגט:

„צום הייליקן אָנדענק פֿון פֿרוי דייוויס (ברוקלין), וואָס איז געשטאָרבן דעם 12טן יוני היינטיקס יאָר.

זי האָט געטרײַ געדינט דעם ייִדישן פֿאָלק,

געשיקט די קינדער אין אַ ייִדישער שול,

געדינט דעם הומאַניזם, און דערצויגן די קינדער פֿאַר וועגעטאַריער.

געבענטשט זאָל זײַן איר אָנדענק!

זאָל איר משפּחה אַ טרייסט געפֿינען אין זייער ייִדישער אַרבעט.

י. ל. פּרץ־שול — מעקסיקע".

# זיבעצנטער קאַפּיטל

## מיינע קינדער וועגן זייער מוטער און וועגן דער פֿאַמיליע

— א —

משה דייווויס

### מײַן מוטער און מײַן פֿאַמיליע בכלל

שוין גוטע עטלעכע חדשים ווי מײַן פֿאָטער בעט מיך, איך זאָל אָנשרײַבן אַ ביסל זכרונות פֿאַר זײַן בוך. איך האָב אים געפּרווּווט איבערצײַגן, אַז אַן אויטאָביאָגראַפֿיע דאַרף באַשטיין פֿון די אינטימע מחשבות און איבערלעבונגען פֿונעם מחבר אַליין, אַז ער דאַרף אַרויסברענגען די פֿאַקטן און זיך נישט זאָרגן פֿאַר די אײַנדרוקן, וואָס זיי לאָזן; אַז די ווערטער פֿון אַנדערע, אַפֿילו פֿון דעם מחברס קינדער, דאַרפֿן דאָרטן נישט געפֿינען קיין אָרט, מחמת עס כאַפּט זיך אַרײַן אינעם ווערק אַ פֿרעמדער עלעמענט. אַ לעבנס־געשיכטע עקזאַמינירט די נשמה פֿונעם שרײַבער און מאָלט בילדער פֿון לעבן ווי געזען דורך די אויגן פֿון איין יחיד.

אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. אין אַ שוואַכער מינוט האָב איך געלאָזט וויסן מײַן פֿאָטער, אַז איך וועל עפּעס בײַשטײַערן. נו, פֿיל איך זיך אַצינד ווי אַן אַרײַנדרינגער אויף עמיצנס טעריטאָריע.

במשך פֿון די לעצטע פּאָר טעג האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוהערן צו עטלעכע קאַפּיטלען פֿון בוך, וואָס מײַן פֿאָטער האָט פֿאַר מיר געלייענט. איך האָב געהערט וועגן זײַנע פֿריִע יוגנט יאָרן אין רומעניע, וועגן זײַן אימיגרירן קיין אַמעריקע, דאָס שדכנען זיך פֿון טאַטע־מאַמע, ספּעציעלע קאַפּיטלען וועגן דער מאַמען, ריבין, מאַקסן און וועגן מיר: אין אַ געוויסן

הינזיכט איז גוט וואָס אויטאָביאָגראַפֿיעס ווערן נישט געשריבן פֿון יונגע מענטשן. יונגע־לײַט האָבן אַ רעפּוטאַציע פֿון זײַן מער ליבעראַלן, מער רעוואָלוציאָנער, מער אָפֿן. ביאָגראַפֿיעס געשריבן פֿון יונגע מענטשן קאָנען טראָגן שאַרפֿע מיינונגען, וואָס ווערן איבערגעאײַלט אַנטשיידן אויפֿן גרונט פֿון באַגרענעצטער דערפֿאַרונג. זיי זײַנען מסוגל צו מאָלן די ערשטע אײַנדרוקן אין אַ שלעכטן ליכט. זיי קאָנען נוצן אַ האַרבע שפּראַך, זיי קאָנען זײַן שטאַרק איינזײַטיק. פֿון דער אַנדערער זײַט, האָט עלטער די מעלה פֿון קאָנען צוריקבליקן אינעם עבֿר און אַרײַנקוקן אין דער צוקונפֿט. די עמאָציעס אויף דער עלטער האָבן אַ געלעגנהייט זיך אײַנצושטילן. די עלטער באַטראַכט געלאַסן די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. די יאָרן קאָנען אַפֿילו אויפֿלויכטן ווי אַ בענקענדיקער אָרעאָל, באַקומענדיק אַ חן, וואָס האָבן כלל אים נישט געהאַט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט: אין דער הינזיכט האָט די צײַט געשאַפֿן אַ בילד פֿונעם עבֿר געפֿאַרבט מיט הײַנטצײַטיקע געפֿילן. דאָ און דאָרטן אַ צאָל פֿון אמתע בילדער, עמאָציעס, דערפֿאַרונגען, וואָס שפּאַרן אַרויס. מ׳האָט דעם אײַנדרוק, ווי מע קוקט אויף אַן אַמאָליקן הויז, געמאַכט פֿון שטיקלעך פֿאָטאָגראַפֿיע. טייל זייער גוט, זייער קלאָר, אַנדערער מטושטש. עטלעכע טיילן זײַנען גאַנץ, אויסגעפֿילט מיט קויל־צייכענונגען, אַנדערע אין פּאַסטעל־קאָלירן און נאָך אַנדערע אין טיף ערנסטע פֿאַרבן.

דערלויבט מיר, אין קורצן, אַ בליק צו טאָן אויף יענע פֿאַרגאַנגענע טעג, ווען איך בין געווען אַ גליד פֿון דער פֿאַמיליע. ס׳איז געווען אַ משפּחה פֿון אויסטערלישע לײַט, אויסטיילנדיק זיך פֿון אַנדערע פֿון דער געמיינדע, ווייל זי, די משפּחה איז געווען אַנדערש אין איר קאָנצעפּציע פֿון רעליגיע (זי איז באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַטעיִסטיש) זי האָט געהאַט אירע שפּײַז־געוווינהייטן. (זי איז געווען וועגעטאַריש) זי האָט געהאַט איר פּאָליטישן „אני־מאַמין". (אירע מיטגלידער זײַנען געווען ראַדיקאַלן). אַלע אידעען זײַנען נאָכגעפֿאָלגט געוואָרן מיט אימפּעט און לײַדנשאַפֿט, מחמת דער פֿאָטער איז געווען האַסטיק אײַנגעשפּאַרט און אימפּולסיוו אין זײַנע אידעען און גלויבן. נעמלעך, אַז די וועלט וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען, אויב נאָר זי וואָלט געוואָרן סאָציאַליסטיש און אירע באַוווינער וואָלטן אויפֿגעהערט צו עסן פֿלייש.

איך בין נישט אויסן איצט צו אורטיילן די ריכטיקייט אָדער די פֿאַלשקייט פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז איך האַלט זיך נישט בײַ אַלע מיינונגען פֿון מײַן יוגנט. אַ סך פּרינציפּן האָב איך פֿרום אָפּגעהיט צוליבן פּשוטן טעם, ווייל אין זיי בין איך דערצויגן געוואָרן. ס׳וואָלט שווער געווען פֿאַר איינעם, וואָס איז געוווינט צו די מעטאָדן פֿון דער וויסנשאַפֿט

צו שטיצן אַלע די אַנטי־וויוויסעקציעס, נאַטוראָפּאַטיקעס, כיראָפּראַקטי־קעס, אידעען וועגן שפּייז־היגיענע, צו וועלכע איך בין געווען אויסגעשטעלט.

דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן פיל פון די סאָציאַלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע געדאַנקען, וואָס זיינען געווען אָנגענומען אין אונדזער היים. קורץ, איך האָב באַטראַכטן אַן אַנדער וועג ווי מיין פאָטער האָט אויסגעלייגט פאַר אונדז. דאָס איז לויט מיין קוק אויף זאַכן. אַזוי איז דער דרך פון יעדן טראַכטנדיקן יחיד. איך דערוואַרט נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן נאָכגיין אין מיינע פוסטריט. דאָראָטי, מיין פרוי, און איך, האָבן זיך געמיט צו געבן אונדזערע קינדער אַזאַ פילאָסאָפיע פון לעבן, וואָס וועט זיי, אַזוי האָפן מיר, ברענגען גליק אין יעטוועדן וועג וואָס זיי זאָלן זיך אויסקלייבן.

פונדעסטוועגן, ווייל איך באַמערקן, האָב איך נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלץ, וואָס האָט אויף מיר אַ מאָל געמאַכט אַן איינדרוק. איך עקזאַמיניר יעדע אידעע. איך אַקצעפּטיר זי, אָדער ווייז זי צוריק לויט מיין פאַרשטאַנד. איך בין נאָך אַלץ אַ וועגעטאַריער, הגם נישט אַזוי דאָגמאַטיש און איינ־געגלייבט. איך האַלט נאָך אַלץ פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, כאָטש איך אָנערקען אַ סך מעלות פונעם איצטיקן סיסטעם. איך בין אַ גלייביקער אין גאָט מיט אַ סך קריטישע נייגונגען צו דער אָפיציעלער רעליגיע. ווי איר זעט, ס'איז געבליבן אַ קאָנטיקע ענלעכקייט צווישן דעם משהן פון פינף און צוואַנציק יאָר צוריק און דעם משה פון היינט. און — ס'איז דאָ אַן ענלעכ־קייט, אָבער בלויז אַן איבערפלעכלעכע צווישן מיינע אידעען פון פינף און צוואַנציק יאָר צוריק און פון די היינטיקע. איך וויל האָפן, אַז די אידעען פון יעדן מענטשן זיינען אונטערגעוואָרפן צו אַ בייט אין לויף פון זיין לעבן. אַ ווויסנשאַפטסמאַן גלייבט נישט, אַז אַן אַבסאָלוטער אמת עקסיסטירט און ער קאָן פאַרשטאַנען ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל. צום אמת, אויב מען קאָן ווען עס איז דערגרייכן, מוז מען צוגיין מיט אַ סך באַוואָרענישן. דאָס מיינט, אַז דעם מענטשנס אידעען מוזן כסדר רעעקזאַמינירט און אויף ס'ניי איבערגעשאַצט ווערן. נייע פאַקטן און נייע אידעען מוזן נאָכאַנאַנדיק באַ־טראַכט ווערן און דער אינדיווידועלער אמת־זוכער מוז זיין גרייט נאָכצו־פאָלגן יעדן וועג וווהין ער זאָל נישט פירן, אַפילו ווען עס מיינט דאָס צוריק ווייזן פון פריער איינגעשטעלטע איבערצייגונגען.

אויב אַן אידעע האָט אַ ווערט, דאַרף זי קאָנען ביישטיין די הוראַגאַנען פון קריטיציזם. אויב אַן אידעע רעפּרעזענטירט נישט דעם אמת, צי אַ נוצלעכן כמו־אמת, דעמאָלט דאַרף זי, לויטן רעכט, זיך אויפלייזן.

איך האָב געדעדט פון דער וועלט פון אידעען. אָבער איך האָב אויך געלעבט אין אַ וועלט פון מענטשן. איינע פון מײַנע זכרונות פון מײַן פריִער קינדהײט איז וועגן אַ פאַמיליע מיט אַ גרויסער מאָס ליבשאַפט איינס פאַרן אַנדערן. פיזישע שטראָף האָט מען זייער זעלטן גענוצט אויף די קינדער. עס זײַנען געווען פאַמיליע־אויספלוגן, לאַנגע נסיעות מיט דעם משפחה־אויטאָ אין גרויסן דרויסן צו די ים־ברעגן. אָט די אַלע דעראינערונגען זײַנען מיר ליב. אונדזער פאַמיליע האָט ליב געהאַט צו זינגען צוזאַמען אויף די רײַזעס און אין דער היים. אָט דאָ קאָן איך באמת פאַרכאַפּט ווערן פון אַ בענקעניש, צו וועלכער יעדער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ גליקלעכע קינדהייט איז באַרעכטיקט.

הגם מיר האָבן אַלע שווער געאַרבעט — געשקלאַפט וואָלט אפשר געווען אַ בעסער וואָרט — און מיר האָבן פאַרמאָגט זייער ווינציק פון מאַטעריעלן גאָב, האָט געהערשט צווישן די משפחה־מיטגלידער אין יענע יאָרן אַן אַחדות, וואָס מיר האָבן זי טיף געפילט. אַ צווייטע פון מײַנע אויסנעמלעכע זכרונות פון יענער צײַט, איז דאָס טיילן זיך מיטן מאַטעריעלן באַזיץ. ס׳איז אפשר געווען אַ פועל־יוצא פון אונדזער אָרעמקייט, אָבער ס׳איז פונדעסטוועגן געווען אַן עכט וויכטיקע דערפאַרונג. דאָס האָט געמיינט, פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך פון אונדזערע מעשׂים זײַנען געווען פון אַ קאָאָפּעראַטיוון כאַראַקטער. דער פראָנאָם „איך" צי „מיינס" האָט זעלטן פיגורירט. ס׳האָט געהערשט דער געוויינטלעכער פאָסעסיווער פראָנאָם „אונדזער".

אין אָט דער פאַמיליע־סביבֿה האָט יעדער פון אונדז, קינדער, געהאַט אַ גרויסע מאָס פון ליבע און איבערגעגעבנקייט פאַר דער מאַמען. ס׳רוב מר־טערס ווערן געליבט, ווײַל זיי זײַנען מוטערס. מיר האָבן ליב געהאַט די מאַמען ווײַל זי איז געווען אונדזער מוטער. אָבער אויך זיכער דערפאַר, מחמת מיר האָבן געפילט, אַז די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין אַנדער שליחות אין לעבן ווי אירע קינדער. זי האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע אינטערעסן און נישט קיין אַנדערע „האָביס". זי האָט נישט פאַרשווענדט איר צײַט אָדער איר געלט אויף פוסטע זאַכן. איר אינטערעס איז געווען — מיר.

אין לויף פון די יאָרן — נאָך מײַן חתונה האָבן, נאָך מאַקס׳ חתונה, אין דער צײַט פון מײַן און רינים שטודירן אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסי־טעטן, מיט אונדזער בײַטן די שטעלעס, מיטן אָנקום פון די אייניקלעך — האָב איך געפילט, אַז די מאַמע איז שטאָלץ אויף אירע קינדער, אויף יעדן פון זיי מיט זייער דערגרייכונג. דער שטאָלץ האָט זיך געשטאַרקט מיט דער צײַט, נישט געקוקט אויף די נסיונות און צרות, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט.

זי האָט שטענדיק געהאַט אַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די געפֿילן פֿון אַנדערע און זיך געזאָרגט וועגן אַ סך פֿון די אמתע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען געשטאַנען פֿאַר איר.

איר זאָרג פֿאַר אַנדערע איז געבליבן טיף אין מײַן זיכּרון. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען די מאַמען אַ לעבעדיקע אין שפּיטאָלבעט, אַ פּאַראַלי־זירטע. זי האָט נישט געקענט רעדן, אָבער איר פֿאַרשטאַנד איז נאָך, קאָנטיק, געווען וואַך. איך האָב גערעדט צו איר, און זי האָט מיר געענטפֿערט שריפֿט־לעך אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. אירע לעצטע ווערטער זײַנען געווען, צי מײַנע קינדער האָבן באַקומען אירע מתּנות, און ווען איך האָב איר פֿאַרזיכערט, אַז יאָ, איז זי געווען גערירט און האָט גליקלעך געשמייכלט...

דער מאַמעס אָנדענק לעבט אין מײַן זיכּרון. איך טראַכט אָפֿט וועגן איר מיט אַ וואַרעמען געפֿיל און האַרציקער ליבע.

— ב —

מאַקס דייוויס

## זכרונות פֿון די קינדער־יאָרן

איינע פֿון מײַנע פֿריסטע זכרונות האָט צו טאָן מיט דער צײַט ווען איך בין נאָך געווען אַ יאָר פֿיר. איך האָב דעמאָלט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע און האָב זיך געפֿונען אין שפּיטאָל. מײַנע עלטערן האָבן מיר געבראַכט אַ מתּנה אַן עלעקטריש טאַשנלעמפּל פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן. דאָס איז געווען דער ערשטער אויסדרוק, לפֿי מײַן קינדערשן שׂכל, פֿון זייער ליבע צו מיר.

יאָ, נאָך עפּעס האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון. אַ קליין ווערטיקל, ווי איך בין דעמאָלט געווען, האָט מיך שוין געקאָרטשעט, צי שפּײַזט מען מיך, חלילה, אין שפּיטאָל מיטן פֿלייש פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן. און איך האָב דעם ענין שטאַרק „נאָכגעפֿאָרשט". איך בין געקומען, הייסט עס, אויף דער וועלט אַ כּמעט וועגעטאַריער.

מײַן וועגעטאַריזם האָט זיך, ווי איר זעט, אײַנגעוואָרצלט אין מיר זייער פֿרי, און קיינער האָט נישט געקענט צעשאָקלען מײַנע „איבערצײַגונגען". אַפֿילו שוחד האָט נישט געווירקט. פֿעטערס און מומעס האָבן עס געפּרוווט טאָן, און עס איז זיי נישט געלונגען. איך האָב געהאַט אַ סך עקשנות אין זיך. מײַנע עלטערן האָבן מיר, איין מאָל, פֿאַרגעלייגט אַ פֿראַנקפֿורטער, און איך געדענק מיט וואָסער איבערראַשונג איך האָב זיי אָנגעקוקט. ס'האָט זיך אָבער

גלײַך אַרויסגעוויזן, אַז דער „פֿראַנקפֿורטער" איז געווען געמאַכט נישט פֿון פֿלייש, נאָר פֿון זיסוואַרג.

זייער פֿרי זײַנען מיר, קינדער, געוווּיר געוואָרן וועגן די אומגערעכטי־קייטן אַרום אונדז, ספּעציעל טאַקע דאָ בײַ אונדז אין לאַנד. למשל, די רדיפֿות קעגן די ראַדיקאַלן. דער סאַקאָ־און וואַנזעטי־פּראָצעס, וואָס האָט בשעתו אויפֿגערודערט די וועלט, און וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט זייער טראַגישן אומקום. טאָם מוני זיצן אין געפֿענקעניש יאָרן לאַנג און באַפֿרײַט ווערן ערשט אַ קורצע צײַט פֿאַר זײַן טויט. (ער איז געשטאָרבן פֿון שווינד־זוכט). די סקאָטבאָראָ־ייִנגלעך האָבן אונדז שטאַרק אָנגערירט. מיר, קינדער, האָבן נישט אײַנגערוט. מיר האָבן געמאַכט בײַ אונדז אין הויז אַן אונטער־נעמונג לטובֿת דעם פֿאָנד פֿאַר זייער באַפֿרײַונג.

מיר זײַנען שפּעטער געווען באַזאָרגט וועגן דעם גורל פֿון די „מלחמה־קעגנער" אינעם ערשטן וועלטקריג. מיר האָבן געטראָפֿן מענטשן, וואָס האָבן אָנגענומען אַ מוטיקע שטעלונג אין יענער צײַט קעגן קריג און זײַנען געווען אויסגעשטעלט צו דער געפֿאַר פֿון אַ קריגסגעריכט און טויט־אורטייל.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אונדז, קינדער, האָבן נישט אינטערעסירט אויך אַנדערע זאַכן. די עלטערן האָבן אײַנגעפֿלאַנצט אין אונדז אַ ליבע צו מוזיק. מיט די ערשטע פֿאַלקסלידער האָבן מיר זיך באַקענט אין דער ייִדישער שול, ווו מיר האָבן געלערנט. קלאַסישע מוזיק האָבן מיר געהערט אין דער היים. בײַ אונדז האָבן זיך געפֿונען די בעסטע פּלאַסטינקעס, וואָס מיר האָבן געלאָזט שפּילן אויף אונדזער אַלטער וויקטראָלאַ.

די שוללידער זײַנען אויך געווען פֿון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, און איך געדענק נאָך ביז הײַנט אַ סך פֿון זיי, באַזונדערס זייער מעלאָדיע. ערשט לעצטנס האָט דער באַרימטער אַרטיסט, טעאָדאָר ביקל, זיי אָפּגעפֿרישט אויף ס'נײַ אין מײַן געדעכעניש, ווען איך בין געווען בײַ זײַנעם אַ קאָנצערט.

איך האָב באַזוכט די ייִדישע שול ווי די „פּאַבליק סקול" זייער רעגולער, אָבער מײַנע ייִנגלשע אינטערעסן זײַנען געווען ערגעץ אַנדערש. און הגם איך האָב זיך געלערנט אין ביידע שולן גאַנץ נישקשהדיק, זײַנען די ניו־יאָרקער גאַסן געווען מײַן הויפּטאַטראַקציע, און איך פֿלעג דאָרטן פֿאַר־ברענגען מער ווי בײַ מײַנע היימאַרבעטן.

איך שרײַב אָט די שורות ערבֿ פּסח, און עס דערמאָנט זיך מיר די סדרים פֿון מײַן קינדהייט. זיי זײַנען טאַקע נישט געווען שטרענג טראַדיציאָנעל, אָבער די מאַמע האָט אין זיי אַרײַנגעבראַכט אַ היפּש ביסל יום־טובֿדיקייט. זי האָט געריניקט דאָס הויז, צוגעגרייט די נייטיקע כּלים. אויפֿן טיש האָט

מען געזען מצות. מ׳האָט געגעסן לאַטקעס, מײַנס אַ באַליבט מאַכל. ס׳האָט געשמעקט מיט באָרשט און ווײַן. די קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט ניס. בכּלל האָבן מיר געשפּירט דעם ייִדישן טעם אין יעדן יום־טובֿ. אמת, קיין פֿלייש האָט די מאַמע נישט געקאָכט און קיין פֿיש אויך נישט. אָבער זי האָט געקאָנט קונציק צופּראַוּוען די מאַכלים אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן אַלע גוטע טעמים.

רעדנדיק וועגן מײַן מאַמעס נטיות און כאַראַקטער־שטריכן, איז כּדאַי צו דערמאָנען איר אײַפֿעריקייט בײַם צאָלן חובֿות. זי האָט פֿײַנט געהאַט שולדיק צו זײַן עמעצן. זי האָט געצאָלט פּינקטלעך דעם סטאָליער, דעם פּלאָמבער, אָפּגערעדט שוין פֿון די שפּײַזקרעמער. קיינער האָט נישט גע־דאַרפֿט וואַרטן מיט זײַן „ביל״.

מיר זײַנען געווען אָרעם און די מאַמע האָט זיך געדאַרפֿט רעכענען מיט יעדער פּעני בײַם אײַנקויפֿן. זי פֿלעגט זיך אָפּט דינגען, דער עיקר בײַם אײַנהאַנדלען קליידער פֿאַר די קינדער, באַר דעמאָלט איז אַזאַ אײַנפֿיר געווען אין דער „מאָדע״ אויף דער „איסט־סײַד״. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר, קינדער, שטאַרק געליטן דערפֿון. מיר האָבן זיך געשעמט און אויך באַדויערט אונדזער מוטער, וואָס זי מוז זיך באַנוצן מיט אַזאַ מיטל. שפּעטער, ווען די מאַטעריעלע לאַגע בײַ אונדז האָט זיך פֿאַרבעסערט, האָט דאָס דינגען זיך בײַ דער מאַמען אויפֿגעהערט.

מײַן מאַמע האָט ליב געהאַט מענטשן. זי האָט נישט געהערט צו קיין באַזונדער קלײַזל, און איר האָט נישט געאַרט פֿון וואָס פֿאַר אַ „יחוס״ זיי קומען אַרויס. זי האָט געקאָנט געמיטלעך שמועסן מיטן „גראָסערי־און לאָנדרי״־מאַן, מיטן פֿרוכטפּעדלער און גרינסהענדלער, ווי מיט דער אַל־טיטשקער ראָזאַ, אַן איטאַליענערין, אַ פֿאַרקויפֿערין פֿון אויפּס, וואָס זײַנען געוואָקסן אין איר אייגענעם סאָד. זי איז שוין געווען אין די הויכע אַכציקער, די ראָזאַ, און זי פֿלעגט אַרײַנבראָקן ווערטער פֿון איר מוטערשפּראַך אויף אַ שטייגער, וואָס האָט אַרויסגערופֿן געלעכטער, אָבער מײַן מאַמע האָט נישט געלאַכט. זי האָט אויסגעהערט די זקנה מיט גרויס אויפֿמערק, געקרעכצט אויף אירע צרות און האָט אָנגעקוואָלן פֿון אירע חכמות.

מײַן מאַמעס אינטערעס אין מענטשן האָט איר צוגעפֿיגעפּידט מיט אַ גײַסטיק צערודערטער פֿרוי. יענע פֿלעגט קומען צו איר, זי זאָל פֿאַרריכטן אירע קליידער. די מאַמע האָט גענייט און געהאַלטן אַן אָפֿן אויער פֿאַר יענערס מעשׂיות. זי האָט די אומגליקלעכע פֿרוי געטרייסט און באַרויקט.

זי האָט פֿאַרשטאַנען, נישט וויסנדיק פֿון דער מאָדערנער פּסיכיאַטריע, אַז ווערטער האָבן אַ היילנדיקן עפֿעקט אויף אַ קראַנקערס נשמה.

ס'איז געווען שטענדיק אַ פֿאַרגעניגן צו גיין מיט דער מאַמען אויף באַזוך צו אונדזערע קרובֿים. מיר פֿלעגן גיין, געוויינטלעך, אין די יום־טובֿים. מיר, די קינדער, זײַנען געווען אויסגעפּוצט — ווי דאָס ווערטל גייט — אין עסיק און אין האָניק. אונדזערע וויזיטן פֿלעגן זײַן בײַ דער מוטערס שוועסטער קלאַראַ, וואָס האָט אויסגעזען ענלעך צו דער מאַמען ווי צוויי טראָפּנס. זי פֿלעגט נעמען די קינדער אונטער אונטערן קאַנטאָר (סטאָיקע) און אונדז אָנשטאָפּן מיט אַלערליי נאַשעריַען, זי האָט געהאַט אַ „קענדי־סטאָרקע" און געצויגן חיונה דערפֿון. פֿון די צופֿיל זיסקייטן האָבן מיר שפּעטער געהאַט אַ היפּש ביסל צרות... נאָר בעת־מעשה האָבן מיר וועגן דעם פֿאַרשטייט זיך, נישט געטראַכט.

ווען קלאַראַ האָט פֿאַרקויפֿט דאָס געשעפֿט, און זיך אײַנגעהאַנדלט אַ בעקערײַ, זײַנען מיר, די קינדער, געוואָרן די „קרבנות" פֿון אירע פֿרישינקע בולקעלעך און פּאַמפּעניקלעך.

מיר זײַנען אויך געווען אָפֿטע געסט בײַ דער באָבען, אונדזער מאַמעס מוטער. די צוויי פֿרויען האָבן, ווי געוויינטלעך, גערעדט צווישן זיך ייִדיש. און הגם איך האָב געלערנט ייִדיש אין שול, איז מיר שווער געווען צו כאַפּן וואָס זיי רעדן. איך ווייס נישט, צי ס'איז געווען די שולד פֿון שנעלן אופֿן פֿון שמועס, צי ווײַל זיי האָבן גענוצט אַ סך לאָקאַליזמען פֿון זייער היימישן שטעטל אין פּוילן. אַזוי צי אַנדערש. דער מיין פֿון זייער געשפּרעך איז מיר געבליבן אומפֿאַרשטענדלעך. נאָר איין וואָרט האָט זיך עקשנותדיק אײַנגע־קריצט אין מײַן זיכרון, דאָס וואָרט „הכלל", וואָס די באָבע האָט אָפֿט אַרײַנ־געוואָרפֿן. ווי איך האָב זיך דעמאָלט אָנגעשטויסן, האָט עס געדאַרפֿט מיינען, אַז זי וויל מאַכן אַ לאַנגע מעשה קורץ.

שטיקלעך, ברעקלעך פֿון טאָגטעגלעכן לעבן שווימען אַרויף אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון מײַן זיכרון. אונטער די אַלע זכרונות ליגט אָבער דער אַלגעמיינער אײַנדרוק פֿון יענע קינדערשע יאָרן. דער סך־הכל איז, מיר האָבן געהאַט אַ היים, וווּ די עלטערן האָבן מיט זייער אייגן לעבן געגעבן דעם בעסטן בײַשפּיל, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לעבן. מיר האָבן געלערנט פֿון זיי פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן צווייטן. קיינס ענטפֿער צום אַלמעכטיקן, אַז ער איז נישט זײַן ברודערס שומר, האָט בײַ אונדז נישט געגאָלטן. אונדז האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר יעדן אומרעכט, פֿאַר יעדער עוולה. מיר האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַרן שוואַכן און באַליידיקטן, און מיר האָבן שפּעטער, שוין

ווי דערוואקסענע אפט געליטן פון אזא פירונג. מ'האט אונדז נישט געקענט מוחל זיין, וואס מיר זיינען וועגעטאריער, פאסיפיסטן, מיט איין ווארט, וואס מיר זיינען אנדערש.

איך ווייס, אז א סך זאכן האבן זיך אין די שפעטערדיקע יארן נישט איינגעגעבן. מען האט געמוזט גיין אויף קאמפראמיסן, אבער דער קערן, דער תמצית, איז געבליבן.

די היים, דער פאטער, די מוטער, האבן געשאפן דעם פונדאמענט. אויף דעם גרונטשטיין האט זיך געבויט דאס ווייטערדיקע לעבן, און אט די ירושה פרווון מיר איבערגעבן אונדזערע קינדער. זי, די ירושה, קאן זיך אויסדריקן אין איין זאץ: נעמלעך: „אלץ וואס איז מענטשלעך איז אונדז נישט פרעמד, גאר שטארק אייגן".

— ג —

האדל דייווויס

## עטלעכע ווערטער וועגן מיר און מיין פאמיליע

דער טאטע האט פארקלערט צו שרייבן א בוך, אן אויטאביאגראפיע, זייט דער מאמעס טויט. אצינד איז די ארבעט אפגעטאן. ער האט געבעטן אונדז, די קינדער, מיר זאלן ביישטייערן זכרונות, איינדרוקן און געדאנקען צו זיין ווערק.

אבער דאס איז נישט קיין גרינגע זאך. מחמת אונדזערע זכרונות קענען נישט זיין אזוי ווי ביי אים. ס'איז אלע מאל שווער צוריקצובליקן אין דער פארגאנגענהייט, אפצושאצן זאכן אין רעטראספעקט. געמישטע געפילן זיינען אפט א רעזולטאט פון אזא פרווו.

אלס קינד געדענק איך, ווי שטארק עס זיינען געווען די משפחה־פעדים. דרויסנדיקע כוחות האבן אונדז געהאלטן פאראייניקט. מיר זיינען געווען „אנדערש" פון אונדזערע שכנים אין דער געמיינדע. אלץ וואס די פאמיליע האט געטאן, איז געווען לשם א „פרינציפ". אין אלע אונדזערע מעשים האבן מיר געזען א צוועק, א זין, מאראליש עטישע געבאטן. אט די באגריפן זיינען געווען טאגטעגלעכע ווערטער. עס זיינען פארגעקומען וויכוחים, צוויסטיקייטן ארום אט די ענינים.

דער טאטע און איך פלעגן מאכן לאנגע שפאצירן אויפן שיינעם בולוואר אין ברוקלין. אויף די שפאצירן, געדענק איך, האט זיך „אנטוויקלט" מיין אייגן דענקען. איך האב זיך געשטעלט אן א צאל פראגעס, מיינע געפילן האבן

זיך פֿאַרטיפֿט. ווי איך האָב ליב געהאַט יענע שפּאַצירן! איך האָב זיך געפֿילט אויסגעוואַקסן, וויכטיק. מײַן לערנען דורך די קינדער־יאָרן איז נישט געווען צו פֿויגלדיק. איך בין געווען אַ שוואַכע שילערין, האָב גע־קראָגן שלעכטע צייכנס, פֿונדעסטוועגן האָב איך ליב געהאַט די שול. מײַנע אָנגענעמסטע און וואַרעמסטע זכרונות זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער שול. אויך דאָרטן האָב איך זיך שלעכט געלערנט, כ'האָב זיך אָבער דאָרטן געפֿילט ווי אין דער היים; פֿרײַ, אָנגענעם און באַקוועם. איך האָב געפֿילט, אַז מײַן לערער, חבֿר גוטמאַן, פֿאַרשטייט מיך, זוכט מיך צו העלפֿן. ער באַשטייט נישט, ער צווינגט נישט, נאָר לאָזט מיך באַנעמען זאַכן אויף מײַן אופֿן. ס'איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער ייִדישער און דער אַלגעמיינער שול.

ווען איך בין געפֿאָרן לערנען אין קאָלעדזש, זײַנען מײַנע עלטערן צו ערשט געווען אַ ביסל אומצופֿרידן, מחמת די שול איז געווען אין אַ ווײַטער שטאָט. ס'איז זיי שווער געווען צו לאָזן זייער איינציקע טאָכטער זײַן ווײַט אַוועק פֿון דער היים. אין גיכן האָבן זיי אויסגעפֿונען, אַז די שול איז געווען אַ גוטער אויסוואַל, און אַז ס'איז פֿאַרגעקומען אַ וויכטיקער שריט אין מײַן לעבן. אַוודאי האָב איך געהאַט שוועריקייטן די ערשטע צײַט אין קאָלעדזש. איך האָב געדאַרפֿט פֿירן מײַן אייגענע באַלעבאַטישקייט. לאַנגע שעהען שטודירן, כדי מיטצוהאַלטן מיט די אַנדערע סטודענטן. אין אָט דעם קווייקער־קאָלעדזש האָב איך דערשפּירט, אַז איך שטעל זיך אויף מײַנע אייגענע פֿיס, אַז איך געווין מײַן אומאָפּהענגיקייט, אַז איך גרייך צו עפּעס אין אָט דער נײַער וועלט.

נאָכן גראַדויִרן פֿון גילפֿאָרד־קאָלעדזש בין איך אָנגעקומען אין לערער־סעמינאַר פֿון קאָלאָמביאַ און שפּעטער אין דער „וועלט פֿון דערוואַקסענער אַרבעט". מײַנע עלטערן האָבן באַצאָלט פֿאַר מײַן גאַנצער בילדונג. איך בין זיי אַלע מאָל געווען דאַנקבאַר, הגם כ'האָב עס עפּנטלעך קיין מאָל נישט דערמאָנט. מײַן מוטער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, טאָמער וועל איך פֿאַר־זען, חלילה, צוליב מײַן שטודירן די געלעגנהייט חתונה צו האָבן. מסתמא האָט מײַן פֿאָטער אויך געדאַגהט וועגן דעם, און די רייד אַרום דעם ענין איז געווען אַ באַשטענדיקע צווישן מײַנע עלטערן אין דער שטיל. דערפֿאַר אָבער האָט מײַן מאַמע מיט מיר אָפֿט גערעדט קלאָרע דיבורים, און איך קען נישט זאָגן, אַז איך בין געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון זיי.

ווען איך טראַכט וועגן מײַן מוטער, נעמט מיך אַרום אַ צערפֿולער געפֿיל, און איך טראַכט אָפֿט וועגן איר. מיר דוכט זיך, ווען איך בין גרייט געווען צו ווערן נעענטער מיט איר, האָט זיך אַרײַנגעמישט דער שיקזאַל און עס

געמאַכט פאַר אוממעגלעך. זי האָט זיך שטענדיק געזאָרגט, ווי אַלע מאַמעס, וועגן אירע קינדער. כאָטש די „קינדער" זײַנען שוין געווען דערוואַקסענע מענטשן. איך האָב אַ חשד, אַז זי איז געווען מער פאַרנומען מיט מײַן דאַליע, מיט מײַן צוקונפט, ווי מ'האָט געדאַרפט און ווי ס'האָט זיך געפאָדערט. איך בין טיף גערירט געווען פון איר איבערגעגעבנקייט, פון איר זעלבסט־אָפּפערונג. זי האָט איר אייגענעם „איך" אויפגעלייזט, ווען ס'האָט זיך גע־האַנדלט אינעם גליק פון איר פאַמיליע. אָפט האָבן מיר זיך קעגנגעשטעלט אַזאַ „אַריינמישונג". זי פעלט מיר אויס אַצינד מער ווי עס איז פריער. אפשר דערפאַר, ווײַל אין רעטראָספּעקט קאָן איך בעסער אָפּשאַצן דאָס אָרט, וואָס זי האָט פאַרנומען אין אונדזער לעבן.

ס'קוקט אויס מאָדנע, וואָס איך, אַ לערערין פאַר די לעצטע עלף יאָר פון קליינע קינדער, קלער וועגן בײַטן מײַן שטעלע אויף אַן אַרבעט, וואָס מײַן מוטער האָט אַ סך מאָל פאַרגעלייגט, נעמלעך צו זײַן אַ קונסט־לערערין, ווי זי וואָלט דערשפּירט אין מיר מײַן געהיימען ווונטש און פאַרלאַנג. איך בין שטענדיק געווען פאַראינטערעסירט אין קונסט, נאָר האָב ווינציק געטאָן אין אָט דער ריכטונג. מײַן מוטער, אַן איינפאַכע פאָלקספרוי האָט געהאַט אַ פײַנע פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן און שטרעבונגען פון אירע קינדער. ס'איז פײַנלעך עס צוצוגעבן אַצינד, ווען זי איז שוין נישטאָ. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען דאָס איינזעענדיק דעמאָלט. אמת, ס'איז געשטאַנען אַ מחיצה צווישן אונדז, אָבער איז דען נישטאָ קיין מחיצה צווישן דעם יונגן דור און דעם עלטערן אין אַלע צײַטן, און בײַ אַלע פעלקער?

דער טאַטע האָט מיך אַלע מאָל געמוטיקט צו זײַן זעלבשטענדיק, און איינצײַטיק געוואָלט מיך באַאײַנפלוסן מיט זײַנע „אידעאַלן". ער האָט הנאה געהאַט פון אונדזערע אייגענע מיינונגען, כאָטש זיי האָבן זיך אונטערשיידט פון זײַנע. איך בין זיכער, אַז דער טאַטע וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען די גאַנצע משפּחה וואָלט געלעבט אין איינעם, אויף איין אָרט, אין איין שטאָט, אַנערקענענדיק, אַז דער יונגער דור האָט אַ רעכט אויף זײַנע אייגענע דעות.

מיר שטאַמען פון אַ טראַכטנדיקער פון אַ דענקענדיקער פאַמיליע. און הגם מיר זײַנען זיך צעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען, האָבן מיר פונ־דעסטוועגן מיטגענומען מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט אונדז צוזאַמען...

כדי צו רעזומירן דאָס געזאָגטע, וואָלט איך עס באַקליידט אין פאָרמע פון אַ מעשׂהלע:

אַ יינגל איז געבאָרן אין דער ווײַטער רומעניע, אין אַ שטעטל, וואָס איז שווער צו געפינען אויף דער מאַפּע. און דאָס יינגל האָט זייער יונג פאַרלאָזן

זײַנע עלטערן און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. און אין דעם נײַעם לאַנד האָט ער שווער געאַרבעט, אָבער שטענדיק געשטרעבט, צו העכערס און שענערס. ער האָט זיך געשטעלט קעגן אַ סך אָנגענומענע פֿירונגען און מנהגים. און שפּעטער, ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער באַאײַנפֿלוסט זײַן פֿרוי און אויך די קינדער, וואָס זי האָט אים געבאָרן, מיט זײַנע חלומות און וויזיעס. און דער דור, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט האָט געלעבט אין אַ „פֿרעמדער" וועלט, האָט געזוכט מקיים צו זײַן זײַנע „אויסטערלישקייטן", און ווי געווייִנטלעך, האָט ער געהאַט אַ סך צער און ווייניק פֿרייד, און כאָטש נישט אַלץ איז רעאַליזירט געוואָרן, דאָך פֿילן זײַנע קינדער און אַוודאי ער אַליין, אַז נישט אומזיסט האָט ער געלעבט אויף דער דאָזיקער ערד, און נישט אומזיסט איז געווען זײַן מי און זיין טירחה.

# אַכצנטער קאַפּיטל

## מיין באַגעגעניש אין וועגעטאַרישן האָטעל

ווי גייט דאָרט דאָס ווערטל, רבותי: „מה שיעשׂה הזמן לא יעשׂה השׂכל", וואָס די צייט קאָן אויפטאָן קען נישט אויפטאָן דער שׂכל. אוי, די צייט! ווען מען קומט צו די עלטערע יאָרן הייבט מען זיך אָן צו שרעקן — טאָמער, חלילה, פאַרגעמט מען זיך פון אונדזער זינדיקן וועלטל, אויף וועמען לאָזט מען איבער די בעסערע העלפט? און ווידער טאָמער גייט אַוועק צוערשט די פרוי, ווי וועט מען ווייטער שטופּן די יאָרן אַליין? אַליין. איר האָט עפּעס אַ באַגריף וויפל איינזאַמקייט און עלנט ס׳ליגט אין דעם איינעם וואָרט? כ׳ווייס, איר וועט זיך אַ זאָג טאָן: נו, און די קינדער? ווי קאָן מען זיין אַליין, ווען מען האָט קינדער? מ׳קאָן, רבותי, מ׳קאָן! און איך האָב, ווי איר ווייסט שוין, גוטע און אינטעליגענטע קינדער! זיי האָבן זיך, כּידוע, זייער אייגן לעבן מיט זייערע אייגענע אינטערעסן. איך האָב נישט אַנטדעקט קיין נייע אַמעריקע, אַלע ווייסן עס.

בקיצור, מ׳האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן און אַריינפּאַסן איז די נייע אומשטאַנדן. ס׳איז געווען, ווי שלום־עליכם וואָלט געזאָגט, אַ ביטערע „פּאָלאָזשעניע". איך האָב געעפנט צוריק מיין שאַפּקע האָב געגומען צעשיקן סחורה צו די קונים. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי אַ רוטין, וואָס פאַרטשאַדעט דעם מענטשן, ווי אַלקאָהאָל, אָבער קיין פריד פילט מער דערביי נישט.

איין טאָג רופט מיך אָפּ דער פיל געליטענער שרייבער, ירחמיאל בריקס, און פרעגט זיך נאָך צי איך וואָלט אַריינגענומען אין מיין פאַבריקל זיינעם אַ פריינד און אים אויסגעלערנט דעם קראַוואַטן־פאַך. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין טראַגעדיע און זיך גענומען באַקלאָגן אויף מיין דאַליע. און ער נעמט מיר שילדערן, וואָס ער און ידן בכלל זיינען דורכגעגאַנגען ביי די נאַציס,

און איך דערפיל מיט זײַן יעדן וואָרט, ווי מײַן פּאַק צרות ווערט „דערטרונ־קען" אין אַ ים פון כלל־ישראל־פּיין און אומגליק. ער כאַפּט זיך אָבער באַלד, אַז ער באַגייט קעגן מיר אומדירעקט אַן אומרעכט, און ער עצהט מיר צו פאַרלאָזן דאָס הויז, די גאַנצע סביבה, און זיך ראַטעווען ערגעץ צווישן מענטשן.

איך באַשליס צו פאַרלאָזן כאָטש אויף אַ קורצער צײַט ניו־יאָרק און זיך אַריבערפּעקלען אין די בערג. שוין פונעם באַשלוס אַליין ווערט מיר גרינגער אויפן געמיט. איך נעם איבערלופטערן פאַרשיידענע רעזאָרט־פּלעצער און איך זוך, פאַרשטייט זיך, אַן אָרט, אַ פּאַסיקס פאַר מיר, כ'מיין ווו מע סערווירט וועגעטאַרישע מאכלים. איר וועט מיך פרעגן, רבותי, צי אין אַזאַ צײַט איז מיר געלעגן אין קאָפּ וואָסערע מאכלים צו עסן? וועט אַ פרומער ייִד, עסן טרפה אין צײַט אַפילו פון אַן אומגליק? יאָ, איך בין אין דער בחינה פונעם פרומען ייִדן. וואָס דאַרפט איר חכמות? איך האָב זיך אָפּגעזוכט אַ פּלאַץ אין די בערג מיטן נאָמען טאַקע „וועגעטאַרישער האָטעל" און בין אַהין פאַר־פאָרן. דאָרטן איז עפּעס געשען מיט מיר אַזוינס, צו וועלכן איך וועל זיך נאָך אומקערן און דערציילן. דערווײַל וויל איך דאָ דערמאָנען, אַז נאָך אַ מענטש האָט געאַרבעט מעשים, איך זאָל פאַרלאָזן די היים און מײַן אַרבעט און מאַכן אַ ראַדיקאַלן איבערבײַט. איך מיין עס מײַן טאָכטער האָדל. זי האָט מיר געשריבן:

„טײַערער פּאַ, איך ווייס ווי שווער ס'איז פאַר דיר אויפצוגעבן דאָס הויז, אונדזער היים. טויזנטער פעדעם בינדן דיך און אונדז אַלעמען צו אָט דעם הויז. איך געדענק גאָרנישט קיין אַנדערע. מיר אַלע האָבן דאָרטן געהאַט אַזוי פיל פרייד און פאַרגעניגן. אמת, עס זײַנען געווען צײַטן נישט אַזוינע גוטע, אָבער זיי ווערן אויסגעמעקט פון אונדזער זכרון. אַזוי איז שוין דער מענטש, דאָס גוטע געדענקט זיך בעסער, און דאָך האַלט איך, אַז דו דאַרפסט פאַרקויפן דאָס הויז. וואָרעם ווי לאַנג דו וועסט דאָרטן פאַרבלײַבן, וועסטו נישט געפינען קיין רו. דער אומגליק — דער מאַמעס אַוועקגיין, וועט דיך פאַרפאָלגן און מאַטערן. עס וועט אָבער און ווידער אויפשווימען פאַר דיר די אַלע רייד, וואָס דו און די מאַמע האָבן גערעדט. זייער אָפּט וועט דיר באַ־פאַלן די בענקעניש נאָך איר, און די ווענט וועלן דיך דריקן ביז אויס־געשעפּטקייט...

„פּאַ, כ'האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, אַז דײַן לעבן איז געווען פול מיט וויכטיקע געשעענישן און מיט ווערטפולע מעשים. דײַנע קינדער קאָנען עדות זאָגן אויף דעם. מיר, דרײַ, זײַנען פּראָדוקטן פון דײַן גײַסטיקער מי

און פון דײַן שעפערישן אײַנפלוס. אַצינד קאָנען מיר דאָס אָפּשאַצן. ווען איך קוק אויף צוריק און דערמאָן זיך, וויפל דו און די מאַמע זײַנען אויס־געשטאַנען ביז איר האָט אונדז געבראַכט צו אונדזער מעמד — פיל איך, און אַזוי פילן אויך די אַנדערע אין דער פאַמיליע — אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט צו אײַך ביידן.

„נישט נאָר דאַרפסטו פאַרקויפן דאָס הויז, נאָר דו דאַרפסט אויך לי־קווידירן דײַן שאָפּ. די דאַרפסט נעמען טראַכטן וועגן זיך צוריקציִען פון פיזישער אַרבעט בכלל. ס'איז שוין געקומען די צײַט! אַזוי ווי דיר פעלט נישט אויף דײַן אויסקומעניש, עצה איך דיר צו באַשרײַבן דײַן לעבן, און אַרויסברענגען פאַר אַנדערע, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט, און זאָלן מענטשן אָפּלערנען פון דיר און אָראָפּנעמען אַ בײַשפיל.

דײַן טאָכטער האָדל".

יאָ, מײַן טאָכטער זאָל לעבן, איז שטענדיק געווען פאַר מיר אַן אינס־פיראַציע. זי האָט מיך אַלע מאָל געמוטיקט. בקיצור, איך האָב פאַרקויפט מײַן הויז, אויפגעגעבן מײַן פאַבריקל, מיט וועלכן איך בין געווען פאַרבונדן העכער דרײַסיק יאָר און זיך געזעגנט מיט מײַנע אַרבעטער.

איך וויל זיך דאָ אַליין איבעררײַסן און פאַרוואַרפן אַ וואָרט וועגן „באַ־לעבאָס" און „אַרבעטער". עס דאַרף זײַן פריקרע פאַרן לייענער מיך צו זען אין דער ראָלע פון אַ באַלעבאָס. איך בין עס טאָקע קיין מאָל נישט געווען. נישט איך בין פון אַזאַ טייג געקנאָטן, נישט איך האָב אַ מאָל גע־האַט אַזוינע אַמביציעס. פון אַלע מײַנע גוואַלדאָוונע געשעפטן בין איך קיין גביר נישט געוואָרן. ווען עס איז געווען אַן איבעריקער דאָלאַר — האָב איך געהאַט אַכצן געזעלשאַפטלעכע לעכער ווו אים אַהינצוטאָן.

און אַצינד, אַז איך האָב אויפגעקלערט דעם ענין, וואָס האָט מיך שוין געמאַטערט אַ לענגערע צײַט, קאָן איך זיך אומקערן צו די בערג. ריכטיקער געזאָגט, צום „וועגעטאַרישן האָטעל" וווהין איך בין פאַרפאָרן. אײַך איבערצוגעבן, ווי אַזוי איך האָב זיך געפילט די ערשטע טעג, וואָלט געווען זייער וויכטיק. איך האָב זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ חשבון־הנפש: האָב איך אַ רעכט צו געניסן פון אָט דעם וווּנדערלעכן אַרום, ווען מײַן פרוי איז מער נישטאָ? מעג איך זיך אָפּגעבן דער רו און דער שטילקייט? און ווי־דער האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש נאָך איר, און מיר האָט זיך דעמאָלט געטראַכט — ווי אָנגענעם וואָלט געווען, ווען זי איז אַצינד מיט מיר. אַך, טי, רבונו־של־עולם! — ס'וועט זײַן שווער, זייער שווער זיך אומצוקערן

קיין ניו־יאָרק. און ס'וועט זײַן ביטער אויך אין אַ נײַער דירה. דער עלנט וועט לויערן פֿון אַלע ווינקעלעך און וועט, חלילה, מנצח זײַן.

איין מאָל זיצנדיק אויפֿן גראָז, פֿאַרטאָן אין מחשבֿות, האָט זיך דער־נעענטערט אין מײַן ריכטונג אַ פֿרוי וואָס האָט געהאַט פֿרײַנד אין האָטעל, דאָרט ווו איך בין געזעסן, זי האָט זיך צוגעזעצט נישט ווײַט. די פֿרוי האָט מיט איר גאַנג און האַלטונג געצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. איך האָב אויס־געדרייט צו איר מײַנע אויגן און געוואָרפֿן אַ „דורכדרינגענדיקן" בליק (ווי זי אַליין האָט עס מיר שפּעטער דערקלערט). איך האָב בײַ איר אַרויס־גערופֿן, ווי זאָל איך עס דערקלערן, רבותי, מיטלייד און סימפּאַטיע. און אפֿשר איז דאָס געווען נײַגעריקייט; ווי זי וואָלט בײַ זיך געטראַכט: ווער איז דער מאַנצביל? און וואָס זיצט ער עפּעס אַזוי פֿאַרטאָן און פֿאַרטראַכט אין מחשבֿות? וואָס איז ער אַזוי אומעטיק און עלנט, בעת אַרום אים רוישט און טומלט אַ פֿריילעכער עולם געסט?

איך בין זיך מודה פֿאַר אײַך, ס'האָט מיך אין יענער רגע שטאַרק גע־פֿרייט, וואָס עמיצער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט אין מיר, און ווײַזט אַרויס אינטערעס און אפֿשר טאַקע אַ ווילן צו פֿאַרפֿירן מיט מיר אַ שמועס. די פֿרוי, אַ הויכלעכע, מיט אַן אָנגענעמער פֿיגור און אידעלע באַנעמונג, האָט געמאַכט אויף מיר אַ גינסטיקן אײַנדרוק. מיר האָט זיך געוואָלט מיט איר רעדן, דערציילן, זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן. און אָט גייען מיר שוין בײַ נאַנד און עפּעס פֿיל איך ווי מיר ווערט גרינגער אויפֿן געמיט, און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז איך האָב אויך בײַ איר נושא חן געווען און זי אַנט־פּלעקט פֿאַר מיר אַ סוד, אַז זי איז שוין אַן אַלמנה באַלד עלף יאָר און קיינער האָט נישט געקענט פֿאַרנעמען איר מאַנס אָרט. זי האָט זיך אויסגעלערנט ריכטיקער, זיך צוגעוווינט צום געדאַנק צו זײַן אַליין. אָבער פּלוצלונג, האָט זיך איר בליק פֿאַרטשעפּעט אין מײַנעם און...

מיר האָבן זיך אָפּט געטראָפֿן און איך האָב שוין אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז איך זאָל זיצן בײַם עסן בײַ איר טישל, און דאָס איבעריקע האָט שוין געטאָן גאָטס גרויסער צעבליטער זומער און זײַן אויסגעשטערנטער הימל.

אמת, עס איז מיר אָפּט באַפֿאַלן אַ בייזקייט אויף זיך און אַ שולדיקייט. אָבער מערקווירדיק, גראָד אין יענע מינוטן, האָט אַ שוועב געטאָן פֿאַר מיר העלענס מוטערלעך געשטאַלט פֿול מיט פֿאַרשטענדעניש און פֿאַרגעבונג. צײַטנווײַז האָט זיך מיר אַפֿילו געדאַכט, ווי זי וואָלט מיך דערמוטיקט אין מײַן נײַעם שריט, ווי זי וואָלט געווען צופֿרידן, וואָס איך האָב זיך געפֿונען אַ פֿרײַנד אין לעבן.

איין מאָל, אין אַן אינדערפרי, ווען דער עולם האָט געאײַלט צו דער פּאָסט אָפּצונעמען בריוו פון אייגענע און פרעמדע, זײַנען מיר ביידע, ד״ה, איך און ל׳, מיטגעגאַנגען. און ווי ס׳טרעפט אָפט, ס׳זאָל אַזוי נישט טרעפן, האָט זי באַקומען בריוו, און איך גאָרנישט, — אפילו אויף קיין רפואה ניט.

די פרוי האָט באַמערקט מײַן פאַרדראָס און זי נעמט מיך טרייסטן, אַז כ׳וועל מאָרגן מסתמא יאָ רײַכער ווערן מיט אַ בריוול. פאַלט מיר אײַן אַ שקאָצעוואַטער געדאַנק, אַז זי זאָל עס מיר אָנשרײַבן, און דערבײַ האָב איך נאָך אַ מיין, נעמלעך, ס׳איז כדאַי צו זען, וואָס אַ מענטש ווי זי וועט מיר שרײַבן, וועל איך וויסן אַגבֿ ווי איך האַלט מיט איר. הערט זי מיר אויס זייער ערנסט, וואָס הייסט, מאַכט זי, זי וועט מיר שרײַבן אַ בריוו, וואָס קאָן זי שרייבן? איך בין דאָך צו איר אַ כמעט פרעמדער מענטש! בקיצור, זי קווענקלט זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז זי גייט אײַן אויף מײַן אײַנפאַל. אויף מאָרגן, האָב איך דערהאַלטן פון איר אַ בריוו, און דאָס איז טאַקע דער בריוו פאַר וועלכן איך בין איר נאָך ביז הײַנט דאַנקבאַר. דער בריוו האָט געבראַכט אין גאַנצן אַן ענדערונג אין מײַן טרויעריקן לעבן. איך גיב אים דאָ אין דער יידישער איבערזעצונג.

מיטוואָך, אויגוסט, 1959.
טײַערער נייטן,

כ׳ווייס ניט, אויב איך קאָן זיך נעמען די פרײַהייט אײַך צו רופן בײַם ערשטן נאָמען „נייטן״.

עס זײַנען אַריבער בלויז דרײַ טעג, זינט מיר האָבן זיך געטראָפן, און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז עס איז פיל לענגער. עס קען זײַן, אַז עס איז צוליב דער פשוטער סיבה, ווײַל מיר האָבן עפּעס געמיינזאַמעס צווישן זיך. און קודם כל — מיר האָבן ביידע פאַרלאָרן אונדזערע חברים, אונדזערע ליבסטע. בײַ אײַך האָט דאָס אומגליק געטראָפן מיט זיבן חדשים צוריק און בײַ מיר — מיט צען יאָר צוריק.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מײַנע וווּנדן האָבן זיך נאָך צען יאָר פאַרהיילט. איך סימפּאַטיזיר מיט אײַך, ווײַל איך ווייס, וואָס פאַר אַ שווער שטיקל צײַט איר לעבט אַצינד איבער, ווי איר ווערט געפּײַניקט. און אויב איר האָט אַ פאַרלאַנג זיך דורכצורעדן מיט מיר און דערמיט פאַרגרינגערן אײַערע ליידן — טוט עס, פילט זיך פרײַ צו עפענען פאַר מיר דאָס האַרץ, וואָרעם איך קאָן זײַן אַ גוטע צוהערערין און אײַך מיטפילן.

אויפריכטיק, אײַער וועגעטאַרישע פרײַנדין, „ל״״.

דער בריוו איז געשריבן, ווי איר זעט רבותי, מיט אַ סך פֿאַרשטענדעניש און ווי די פֿראַנצויזן זאָגן מיט „עספּרי״, מיט שאַרפֿזין. איך בין נישט פֿון יענע ייִדן, וואָס קענען לאַנג אַרומגיין מיט אַ פֿאַרשלאָסן האַרץ, בפֿרט ווען לעבן מיר געפֿינט זיך אַ מענטש מיט אָפֿענע אויערן. און למאַי לייקענען — איך האָב פֿאַר אָט דער אײדעלער פֿרוי אַנטפּלעקט אַלץ, וואָס ס׳האָט מיר דעמאָלט געדריקט. און ס׳האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג זיך אַראָפּצורעדן — און איך בין געוואָרן אויך אַ „שומע״ — אַ הערער. אָט אַזוי, ווי איר זעט, האָבן זיך אַנטוויקלט אונדזערע באַציִונגען, און ס׳האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿײַנע קעגנזײַטיקע שײַכותן מיט אָפֿשײַ און רעספּעקט איינער פֿאַרן צווייטן.

די וואַקאַציעס האָבן זיך געענדיקט און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן פֿאָרן אַהיים קיין ניו־יאָרק. און אָט זײַנען מיר שוין אין ברוקלין בײַ מײַן היים. כ׳האָב אַרויסגענומען מײַן אויטאָ און מיר זײַנען געפֿאָרן קיין לאָנג־אײַלענד וווּ מײַן פֿרײַנדין לי האָט געוווינט בײַ אירס אַ טאָכטער. פֿאָרנדיק האָט אויסגעבראָכן אַ רעגן־שטורעם, וואָס האָט פֿאַרשווערט דאָס טרײַבן די מאַשין. נאָר מיר זײַנען אָנגעקומען בשלום. מיר זײַנען אַרײַן אין הויז, לאָמפּן האָבן געברענט, ס׳איז געווען ליכטיק, מיר האָבן געקראָגן אַ וואָרעמען ברוך־הבאָ.

עס זײַנען געווען געסט אין הויז, מען האָט זיי מכבד געווען מיט אַ שנעפּסל, און מען האָט מיך אויך מכבד געווען, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט מחמת איך טרינק נישט.

אַז איר טאָכטער הענריעטע האָט באַמערקט, ווי איך נעם נישט אין מויל קיין זאַך, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר מאַמען: וואָס שטייסטו? גיי אַרויף און מאַך אים עפּעס עסן, ער איז דאָך מסתמא הונגעריק! דער פֿײַער אויפֿנעם און דער מאָלצייט האָבן מיך אַרײַנגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג. איך האָב איצט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן הענריעטס מאָלערייען און סקולפּטורן. איך בין געווען איבערראַשט צו הערן, אַז זי האָט געלערנט בײַ חיים גראָסן.

פֿון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך געטראָפֿן אָפֿט און אָפֿטער. כ׳האָב אָנגעהויבן קוקן. אויף דער צוקונפֿט מיט מונטערע אויגן. כ׳האָב אויך אָנגעהויבן טראַכטן פֿון דער מעגלעכקייט אויפֿצובויען דאָס אײַנגעפֿאַלענע צעשטערטע לעבן. נאָך דער באַגעגעניש, און נאָכן איבערלייענען ליס צושריפֿט האָב איך נישט געקענט באַהאַלטן מײַן סוד פֿון מײַנע קינדער. די ערשטע

אינפאָרמאַציע האָט געקראָגן מײַן טאָכטער האָדל, זי האָט ביסלעכווײַז זיך דערוווסט פון מײַנע שייכותן מיט ל'ין. מײַן טאָכטער האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ בריוול:

„טײַערער פּאָפּ: — זאָלסט זיך נישט אָפּהאַלטן פון שרײַבן וועגן דײַן נײַער קאָנטשאַפּט און וואָס דו פילסט צו איר, מחמת איך בין נישט קיין קליין מיידעלע. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, וואָס דו ביסט דורכגעגאַנגען איי־דער דו האָסט זיך אַנטשלאָסן אויף אַזאַ שריט. אויב זי איז דיר צום האַרצן, בין איך זיכער, אַז זי איז דיר ווערט. ס'איז אַצינד נישט די פראַגע, צי דײַן באַשלוס איז אַ גערעכטער, צי פאַרקערט. אויב דו האָסט אַזוי באַ־שלאָסן איז — געענוג. און אויב דײַן איינזאַמקייט וועט פאַרלײַכטערט ווערן, האָסטו דײַן ציל דערגרייכט. אַלע קאָנפליקטן דאַרפן זיך אײַנשטילן אין דיר. . . "

מײַן טאָכטערס בריוו, אַלע בריוו אירע, האָבן מיך געטרייסט און גע־מוטיקט. ס'האָט שטענדיק געוויית פון זיי מיט מיטגעפיל און פאַרשטענדע־ניש, און דאָס איז פאַר מיר געווען, צו יענער צײַט, אַ באַווײַז, אַז איך קאָן דערוואַרטן אויך פון מײַנע זין אַן ענלעכע באַציִונג. און איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט. מײַנע קינדער האָבן זייער פרײַנדלעך אויפגענומען די נײַעס, און אַזוי אויך אירע קינדער. קורץ און גוט, בײַ דער חופּה זײַנען געווען די־הויפּט־מחותּנים די זין און טעכטער פון בײדע צדדים. אָט די פרײַנדלעכע פאַרהעלטעניש איז פאַרבליבן עד היום הזה.

מײַן פרוי ל'י האָט זיך צוגעפּאַסט צו מײַנע עס געוווינהייטן, צו מײַן קוק אויפן לעבן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק און זיך באַ־זעצן אין דער וווּנדערלעכער שטאָט, מיאַמי־ביטש. און אַזוי האָבן מיר גע־טאָן. און אָט שרײַב איך די דאָזיקע שורות טאָקע אין דער נייער סבֿיבֿה. אונדזערע קינדער זײַנען צעשפּרייט איבערן לאַנד. מיר פאָרן זיי זען, און אַ מאָל קומט עמעצער פון זיי אונדז צו באַזוכן. אונדזער באַקוועמע היים איז, נאַטירלעך, אָפן פאַר זיי. און אויב הייראַט איז, ווי מען זאָגט, אַ שותּפות, דאַרפן בײדע שותּפים פאַרשטיין אַז אָן אַ קאָמפּראָמיס קען נישט זײַן קיין שלום־בית. מײַן פרוי ל'י ווייסט דעם סוד דערפון.

הגם זי איז נישט קיין וועגעטאַריערין, האָט זי אָבער גלײַך דער־שנאַפּט, אַז בײַ מיר איז אָט דער ענין אַ לעבנס־אידעע, אַ זאַך פון פּרינ־ציפּ, האָט זי זיך באַמיט, אַז אין הויז זאָל נישט אַרײַנקומען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל באַליידיקן מײַנע געפילן. זי האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט צוצופּאַסן.

ס'זײַנען פֿאַראַן הונדערטער, אויב נישט טויזנטער ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ צי אַן ענלעכן וועג, און זײַנען געבליבן שטום און אומבאַמערקט אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. אַנדערע זײַנען פֿאַרשוווּנדן, ווי שאָטנס, אין דער נאַכט און הגם איך האָב געהאַט אין זינען אויך אַנדערע מאָטיוון, כּידוע בײַם שרײַבן דאָס בוך, וואָלט איך זיך געפֿילט העכסט גליקלעך ווען מען באַטראַכט מיך פֿאַר זייער צונג, פֿאַר זייער שליח־ציבור...